STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08664

ALE VERK FUN MENDELE MOKHER SEFARIM

Mendele Mokher Sefarim

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק

פון

מענדעלע מוכר ספרים

(ש. י. אבראמאוויץ)

צווייטער באנד

ניו־יאָרק
היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני
52-50 עלדרידזש סטריט
1920

אינהאַלט:

1. די קליאַטשע
2. יודעל
3. די ענטדעקונג פון וואָהלין

די קליאַטשע

לססתי ברכבי פרעה דמיתיך רעיתי:
צו מיין קליאַטשע אין פרעה'ס רייטוואָגען
פאַרגלייך איך דיר כנסת ישראל!

(שיר השירים, א, ט).

דיא קליאטשע

ברייננט פאר א מתנה דעם ווייב

דער מחבר.

דיא מתנה, וועלכע איך בריינג דיר דא, מיין ווייב, איז עפיס נישט אזא איינגענעהמע, וויא דוא פארדינסט פאר אזוי פיל מיה, וואס דוא ביסט גערען אויסגעשטאנען מיט מיר אויף דעם שווערען וועג פון'ם לעבען, פון דיא יונגע ביז אין דיא עלטערע יאהרען אונזערע. ליבע שיינסטע וויטערע ווייבער פארטעגס מיט פערד צום פארגניגען; פון מיין „קליאטשע“, מיטטעהנעס געזאגט, קען מען קיין גרויס פארגניגען נישט האבען. זיא איז א דארע, א שלאפע, א דערשלאגענע נעביך, און דיא צוביסענע פעל איהרע, פול מיט וואונדען, איז עפיס אויך נישט אזוי שיין. נאר וואס זאל מען טאן? דוא ווייסט זעהר גוט מיין ארט שטעלע ביי אונזער ארעם פאלק און דיא בעשעפטיגונג מיינע ביי איהם. קיין נחת און גרויסע גליקען קען דאס יודישע לעבען נישט געבען, הארצוועהטיג נאר, מכות און יסורים איבערגענוג. — אוי, קיין אנדערע, בעסערע מתנות, וועה איז מיר, האב איך נישט!....

הקדמת מענדעלי מוכר ספרים.

אמר מענדעלי מוכר-ספרים. זאגט מענדעלי מוכר-ספרים: געלויבט איז דער בורא. וואס נאכדעם ווי ער האט בעשאפען די גאנץ גרויסע וועלט האט ער זיך מישב געווען מיט דער פמליא מלאכים אין הימעל און צום לעצט געמאכט א קליין וועלטעלע, דאס מיינט מען דעם מענשען, וואס ער הייסט „עולם-קטן", ווייל דאס מענשיל, ווי איהר קוקט איהם אן, האט אין זיך אלע מיני ברואים און בעשעפעניש. איהר געפינט אין איהם אכערליי ווילדע חיות, אויך פארשידענע מיני בהמות; איהר געפינט אין איהם א יאשטשעריקע, א פיאווקע, א שפאניש-פליג, א פרייס וכדומה אזעלכע שלעק, אזעלכע מיני שרצים; איהר געפינט אין איהם אפילו אויך א רוח, א שווארץ יאהר, א שטן, א מסטרג, א לץ, שונא ישראל, וכדומה אזעלכע מזיקים, מחבלים, אנשיקענישען; איהר זעהט אין איהם אויך וואונדערליכע סצענעס: ווי א קאטץ, א שטיינער, שפילט זיך מיט דער מויז; ווי א טחור האפט זיך אריין אין א שטייג מיט עופות און דרעהט זיי געביך אפ די קעפ; ווי מאלפעס קרימען יענעם נאך אלסדינג, וואס ער טהוט; ווי א הונט סלושעט, דרעהט דעם ווידעל פאר איטליכען, וואס ווארפט איהם אונטער א שטיקעל ברויט; ווי א שפין פארנארט צו זיך א פליג, פארפלאנטעט, פארשפארט זיא און נאגט זיא אויס; ווי זאמארען פליהען עמיצען נאך און זושען איהם אין פולע אויערען וכדומה נאך אזעלכע משונה וואונדערליכע זאכען. איך בין עס אבער נישט אויסען. געלויבט איז זיין ליבער נאמען, וואס זעהט צו שווייגענדיג אלסדינג, וואס אין דעם דאזיגען „קליין וועלטעלע" געהט פאר און שלאגט מיט איהם פארט נישט קיין כפרות; וואס דערלייגנערט זיין צארען, פארטראגט די עברות, און טהוט גרויס חסד מיט דעם זינדיגען מענשען. איך בין דא אויסען צו דערציעהלען די גרויסע גענאד, וואס השם-יתברך האט אויך מיט מיר, ארמען בעל עברה, געטאן, נאכדעם אז ער האט מיך פריהער אביסיל געשטראפט.

„בוחי, הפערדיל שלי מת! מיין פערדעל, רבותים, איז געפיינערט, מיין געטריי־ פערדיל, וואס כל ימיו, דאס גאנצע לעבען זיינס, איז עס געווען אין דער עבודה נעדינט געטריי און נישט געוואוסט מעהר וויא אונזערע ספרים; וואס איז געווען א מפורסם, א בקי אין אלע וועגען, א גרויסער בעל־זכרון וואו ערגיץ א קרעטשמע, וואס איז מיט מיר אויסגעפאהרען כמעט בכל תפוצות ישראל, צווישען די אלע יודישע קהילות און איז געווען אומעטום בעקאנט — זה הפערדיל, אט דאס פערדיר הלך למיתה האט א מיתה משונה איינגענומען ל״ג בעומר אין גלופסק! עס איז מיר א וועהטיג צו זאגען, נאר ארעם איז נישט קיין שאנד, עס איז נעביך געפיינערט פאר הונגער. זיין עסען איז געוועהנטליך געווען אביסיל סיטשקע, א מאל עטליכע דארע שטיקלעך ברויט, וואס איך פלעג אוועק־קויפען ביי ארמע לייט מיט טארבעס. אז אך און וועה דעם פערדיל, וואס עס פאלט אריין צו א יודישען מוכר־ספרים! שלע־ פען שלעפט זיך עס שטענדיג ארום און הארעוועט אפשר נאך מעהר פון יענע, וואס פיהרען טהייערע סחורה, און עסען אבער עסט עס נעביך מכות. א יודישער מוכר ספרים האט אליין מכות וואס צו עסען און פיינערט מיט זיין ווייב און קינדער צעהן מאל אין טאג פאר הונגער! איך בין עס אבער נישט אויסען. השם יתברך האט מיך נעביך געשטראפט, איך בין געבליבען אהן א פערדיל. קויפען איין אנדערס האב איך נישט געהאט פאר עפיס, און דא בעדארף מען פאהרען אויף ירידין. עס איז מיר געווען זעהר שלעכט!

און וויא איך זיטץ מיר אזוי פארזארגט, קומט אריין איינער, מיינער א בע־ קאנטער, געהט צו גלייך צו מיר און רופט זיך אן:

— רב מענדעלי, איהר וועט קויפען א קליאטשע?

— איך וואלט אוודאי געקויפט, ענטפער איך מיט א קרעכץ, נאר וואו נעהמט מען די קאטץ?

— עט, מאכט ער, נישקשה! איהר וועט נישט בעדארפען אצינד געבען א גראשען. עס קען אפשר נאך מעגליך זיין, מען זאל אייך נאך עפים אויסלייען. מען ווייסט, נישקשה, אז איהר זענט איין עהרליכער מאן.

— אויב אזוי, זאג איך צו איהם, קויף איך די קליאטשע זעהר גערען, מאקי באלד אהן שיחות. קומט, זייט מוחל, לאמיר נעהען די סחורה אנקוקען.

— איהר פארשפארט צו געהען, רופט ער זיך אן, איך האב די קליאטשע רא, טאקי ביי מיר.

— וואס הייסט, איהר האט זיא דא? פרעג איך איהם פארוואונדערט:

— דא, טאקי ביי מיר אונטער דעם מאנטעל, ענטפערט ער מיט א שמייכעל׳ע.

— איהר לאכט פון מיר, רב קרוב! זאג איך צו איהם מיט פארדראס. געפינט אייך אין אנדערע פון וועמען צו לאכען. קאמאוועס נעהט מיר אצינד נישט אין קאפ.

— חלילה! איך טרייב נארנישט קיין קאמאוועס, זאגט ער צו מיר און נעהמט באלד טאקי ארויס פון אונטער דער פאלע א גרויסען פאק מיט פאפירען. זעהט איהר רב מענדעלי, דאס אין גאנצען געהער איינעם, מיינעם א גוטען פריינד. זיין נאמען וועט איהר געפינען דא אנגעשריבען אויף די זאכען, וועלכע ער האט געמאכט. איינע פון די דאזיגע זאכען הייסט, פארשטעהט איהר מיך, מיט דעם נאמען „די קליאטשע". דער מחבר אליין איז אצינד, לא עליכם, עפיס, ווי רופט מען עס.... צומישט, נאר צוטראגען. אונז אלע, זיינע גוטע פריינד, גלוסט זיך זעהר אז זיינע מעשיות זאלען כסדר אפגעדרוקט און פארקויפט ווערען. און וועמען אנדערש האבען מיר געקענט אויסקלייבען, דערמיט זיך מתעסק צו זיין, ווען טאקי נישט אייך, רב מענדעלי, וואס איהר האט אין אונזער ווינקעל אזא שם? מיר פערלאנגען פון אייך, איהר זאלט גוט איבערקוקען די פאפירען, אויסשטעלען איטליכע מעשה אקוראט וויא מען בעדארף, דארויף פארלאזען מיר זיך שוין אויף אייך, און נאר צום ערשטען זאלט איהר אפדרוקען די קליאטשע, פון בעלוינונג וועלען מיר שמיעסען שפעטער, איהר וועט נישקשה, זיכער צופרידען זיין. אויב איהר גענייטיגט זיך אצינד אין געלד וועלען מיר אייך דערווייל געבען אויף דעם חשבון. נו, ווילט איהר, רב מענדעלי?

— א פרעג אביסיל אויב איך וויל!? איך וויל מיט דעם גאנצען לעבען. האב איך געענטפערט און פשוט געטאנצט פאר גרויס פרייד.

נאכדעם אז איך האב מיך אפגעפארטיגט מיט מיינע געשעפטען האב איך מיך גענומען געשמאק צו דער קליאטשע — זיא צונויפגעשטעלט, וויא עס געהער צו זיין, איינגעטהיילט זיא אין קאפיטלען און איטלעכס קאפיטעל א נאמען געגעבען וויא איהם פאסט — אזא איין ארבייט, וואס נאר דערפאר אליין שרייבען זיך אנדערע אונטער אויף יענעמס כתבים און הייסען מחברים.... קורץ איך האב מיך נישט געפוילט און געטאן מיין זאך גאנץ געטריי.

חיינט רבותי, עטליכע ווערטער מכח דער קליאטשע!

די קליאטשע איז געשריבען אויף א הויכען גאנג, אויף דעם גאנג וויא די אלטע תאבען געשריבען. איטליכער וועט זיא פארשטעהען כפי זיין פארשטאנד און זיין מדרגה. פאר מענשליך פון א קליינער מדרגה וועט זיא זיין פשוט א וואונדערשיינע מעשה, זיי וועט גלאט געפעלען דער פראסטער פשט. די דאזיגע אבער פון

א גרעסערער מדרגה וועלען שוין אין איהר געפינען עפּיס א ווינק, א רמז אקעגען אונז זינדיגע מענשען. איך, א שטיינער, אין מיין מדרגה, האב אין איהר געפונען כמעט אלע יודישע נשמות, אלע אונזערע נפשות און דעם סוד, וואס זיי טהוען דא אויף דעם עולם. איך בין ביי מיר גאנץ זיכער, אז בשעת לייענען וועלען א סך פון אייך, רבותים, אימליכער אין זיין גראד, זיך נישט קענען איינהאלטען, איינער וועט מיט פייער א געשריי טאן: אי, דאס איז איין אנצוהערעניש אקעגען אונזער רב יאסין! נאך איינער: אי, דאס מיינט מען נתן רב חייקעס! זלמן־יעקעלי רב מאטעלעס! הערשקע רב אבעלעס! א דריטער: אי, אי, איך האב געפונען דעם סוד פון אונזערע טאקסעס, פון אונזערע בעלי טובות און פון אונזערע אלע פיהרונגען וכרוסה...

איך האב געפרעגט א שאלה ביי דיא גלופּסקער דינים און ביי אלע דארטיגע פיינע בריות פון דער גוטער כנופיא: אזוי וויא איך האב דעם עולם צוגעזאגט ארויסצוגעבען א צווייטען טהייל פון „דער ט א ק ס ע" און האב דערביי נישט געזאגט „בלי נדר", בבן איז דאך מיין ווארט שוין גלייך טאקי וויא א נדר, היינט וויא איז דער דין, רבותים, האב איך זיי געפרעגט, אז איך גיב אצינד ארויס מיין קליאטשע, אויב איך קען מיט איהר יוצא זיין מיין נדר? זיי האבען געקלעהרט, געקלעהרט, זיך נעביך געקראצט, געקראצט און האבען צום סוף אזוי געזאגט: יא, רב מענדעלי, אזוי וויא מיר האבען דא דערשמעקט א ריח, א תמצית פון דער טאקסע, זענין מיר אייך דעריבער מתיר נדר. הקליאטשע הזו, דיא דאזיגע קליאטשע, חשובה לכם, איז אייך גערעכענט כאילו קיימתם, גלייך וויא איהר וואלט געהאלטען ווארט און ארויסגעגעבען החלק השני דעם צווייטען טהייל מהטאקסע בכל פרטיו, מיט אלע פּיטשעטשעווקעס, נישקשה, מען קען מיט איהר זעהר גוט יוצא זיין לכל הדעות!...

כמה מעלות טובות למקום, וויפיל דאנק בין איך דעם אויבערשטען שולדיג: ווען איך וואלט דערטאפּט דיא קליאטשע גראט, נאר אהן געלט פאראויס, צוקויפען מיר א פערדיל, איז דאך דיינו. ווען איך וואלט זיא דערטאפּט מיט געלט פאראויס און זיא וואלט אין זיך נישט געהאט א תמצית מהטאקסע, איז דאך דיינו. ווען זיא וואלט אין זיך געהאט א תמצית מהטאקסע און דיא דינים וואלטען מיר נישט געווען מתיר נדר זיין, איז דאך דיינו. ווען דיא דינים וואלטען מיר געווען מתיר נדר זיין און דערביי זיך נישט משונה געקראצט, איז דאך דיינו. ווען זיי וואלטען דערביי זיך משונה געקראצט און איך וואלט נישט געוואוסט פאר וואס, איז דאך דיינו. ווען איך

וואָלט געוואוסט פאר וואָס און וואָלט נישט פארשטעהען, אז די קליאטשע איז א פנים מסוגל מען זאָל פון איהר זיך קראצען, איז דאָך דינו.

על אחת כמה וכמה בעדארף איך דעם אויבערשטען דאנקען, וואס איך האָב דערטאפּט די קליאטשע און נאָך מיט געלט פאראויס צו קויפען א פערדיל און זיא האלט אין זיך א תמצית מהטאקסע און די דיינים האבען מיר מתיר־נדר געווען און זיי האבען דערביי זיך משונה געקראצט און איך וויים פאר וואָס און איך פאר־שטעה, אז די קליאטשע איז א פנים מסוגל, מען זאל פון איהר זיך קראצען, לכפּר על כל עונותינו, איין אפּקומעניש אויף אונזערע זינד.

אָט דאָס, רבותים, בין איך אויסען מיט מיין קורצער הקדמה. וואָס אויף דער לונג, דאס אויף דער צונג!

ר"ח אלול, אויף דער בויד מיט ספרים, צווישען גלופּסק און טעטעריוועקע.

הקטן מענדעלי מוכר ספרים.



1.

ישראליק וויל ווערען א מענש.

אזוי וויא נח איז דורך נסים ניצול געוואָרען פונ'ם מבול וואסער, אין זיין צייט, בין איך, ישראָליק, אויך ניצול געוואָרען אין אונזער צייט פונ'ם מבול שדכנים, וואָס האָבען זיך געלאָזט צו מיין מאמען מיר אנצושלאגען שידוכים. מיין מאַמע — א פראָסטע, נאר א קלוגע יודענע, איז געווען איין אלמנה, קיין רייכע, אבער ארם אויך נישט. זיא האט געהאט פרנסה פון איהר קלייט צעלניק, געגאנגען א האלז פעריל, געלעבט גאנץ פיין. איך בין ביי איהר געווען א בן יחיד, זיא האט זיך אין מיר געשמאָלצען, מיר נאָכגעגעבען אלסדינג, וואס איך האב פארלאנגט. דעריבער, אז איך האב מיך איינגעשפארט נישט יונג חתונה צו האבען, האב איך עס אויסגעפיהרט. תחלת האט זיא אפילו געפריווט מיך איבער־צוריידען מיט אזא גאנג:

— ישראָליק! וויפיל האב איך גאָט געבעטען, איך זאל דערלעבען דיא צייט, מען זאָל דיר ריידען שידוכים. דוא ביסט דאָך מיין איין אויג אין קאָפּ, איך מיין דאָך טאקי נאָר דיין טובה, פאָלג־זשע מיך, חלעבין, און האב חתונה! שוין צייט, צייט, ישראָליק. דיינע חברים האבען נאָך צו דער בר מצוה חתונה געהאט. פאָלג חלעבין א מאמע, טהו וואס גאט האט געבאָטען און לאָמיך פון דיר נחת האבען!

נאָר אז זיא האָט געזעהען, אז עס איז ארויסגעוואָרפענע רייד, ווײַל זיא זאָל נישט ריידען האלט איך מיך טאקי בייא מיינעם, אלץ ניין און ניין, האָט זיא מיר נאָכגעגעבען און שוין מעהר דערפון נישט גערעדט אפילו קיין וואָרט. איך האָב איהר ארויסגעזאגט גאנץ קלאהר דעם ריינעם אמת, אז איך בין נאר געזאָנען צו לעהרנען אלסדינג, וואס מען לעהרענט אין דיא קלאַסען, אָפּצונעבען דערנאָך עקזאמען און אריינגעהען אין אוניווערסיטעט, צו לעהרנען דאָרט חכמת-הדאָקטאָריע כדי איך זאָל דערמיט שפעטער ניטצליך זיין זיך און דער וועלט.

— מאמע! האב איך צו איהר זיך אנגערופען, עס איז היינט שוין עפּיס איין אנדער וועלט. שוין צייט, חלעבין, צו זעהען דיא גרויסע גליקען, וואס יודען מאכען היינט מיט זייערע פריהע חתונות, דיא גרויסע גדולה׳ם פון אונזערע יונגע בעלי-הבית ליך! א מאל האבען עלטערען חתונה געמאכט זייערע קינדער מיט דעם בטחון; גאט האט אונז צוגעשיקט צום לעבען, מסתמא וועט ער זיי אויך עפּיס צושיקען און זיי וועלען, נישקשה, נישט שטארבען פאר הונגער. אין יענער צייט איז בטחון נאָך וויא-עס-איז אָנגעגאנגען, אבער היינט ווערדט מען דערמיט פארשווארצט. שווער, זעהר שווער צו לעבען היינטיגע צייט פון דיא פינף פינגער און מאכען פון שנעע נאָ-מעלקעס, מען מוז עפּיס קענען, עפּיס זיך אויסלעהרנען און טראכטען פאר שפעטער. דוא ביסט דאָך, מאמע, א קלוגע, דוא פארשטעהסט דאָך אליין, אז אצינד איז עפּיס נאר אנדערש. עס איז קיין תכלית נישט אזוי צו בלייבען, מען מוז עפּיס זאָרגען, עפּיס טראכטען פאר שפעטער!

אזעלכע ווערטער פלעג איך אלץ זאגען דער מאמען און איהר ברייננען ראיות פון א סך יונגע לייט אין אונזער שטאָדט, וואָס האבען גליקליך חתונה געהאט און אריינגעפאלען אין א שמאלץ-גרוב. דיא שמאלץ איז דערנאָך אויסגערונען און דיא גרוב איז געבליבען,—א טהייל האבען זיך צושלעפּט, א טהייל זענען געווארען מלמדים און א טהייל, מישטעהנס געזאָגט, טויגען אפילו דערצו אויך נישט. אין-ברירה, דיא מאמע האט מיר שוין נאכגעגעבען אי דאָס אויך, אז איך זאל לעהרנען, נאר פריהער האב איך איהר געמוזט צוזאגען, אז איך זאל בלייבען איין עהרליכער יוד.

איך האב געהאט זעהר א גוט קעפּיל, קיין זאך אין דער גמרא איז פאר מיר נישט געווען צושווער. מען פלעגט שמיעסין אין דער שטאָדט, אז פון מיר וואקסט א גרויסער רב. איך האב מוחל געווען אנדערע דאס רבנות, זיך פארשפארט בייא מיר אין שטיבעל אקעגען א פאר יאהר און זיך גענומען געשמאק אויסצולערנען אלע זאכען, וואס זענען נייטיג צום עקזאמען. מאטעמאטיקע, דאס הייסט חשבון, אויך פהיזיקע, גראמאטיקע, און דיא שפּראכען זענען ביי מיר געגאנגען גרינג וויא א

פוסטע, שווער איז מיר נאר אנגעקומען דיא היסטאריע, אויך דאס, וואס מען רופט עס אין זייער לשון „סלאָוועסנאָסט“. אויסוועניג האב איך בעדארפט אלץ אויס־קליעפען פוסטע מעשיות און מלחמות, וויא אזוי מענשען האבען פון זינט דיא וועלט שטעהט ביז אצינד, זיך געהארגעט געשלאגען, איינער דעם אנדערען געמאכט דעם טויט, אנגעטאן צרות, געבראטענע לייד און נאך געדיינקען אין וואס פאר א יאהר, אין וואס פאר איין ארט! דאס וכדומה נאך אזעלכע זאכען האבען געהייסען היסטאריע.... דערצו האב איך ווייטער געמוזט אויסלעהרנען עפּיס ווילדע בייקעס, מעשיות מיט שרעקליכע גבורים, מיט שטארקע שבורים, מיט בעריהמטע גזלנים; מעשיות מיט גלגולים, מיט מכשפים און מכשפהטעס; מעשיות פון דעם לעבעדיגען און טויטען וואסעריל, פון גילדענע עפּעליך און גילדענע פערדליך. חוץ דעם האב איך נאך בעדארפט קענען אויסקפלוידערען, אזוי וויא א פאפאגייא, איבער יענעמס עפּיס א שטיקעל מליצה מיט גוט לשון, אריינלייגען דרינען קנייטשליך, אפשניטצליך און פשעטליך אזעלכע, וואס נישט איך, נישט דער שרייבער פון זיי אליין, נישט דער, וועלכער עס האט מיט מיר געלעהרענט האבען זיי פארשטאנען. מען האט בעדארפט דערבייא שטארק פארפלאמט זיין, ארויסגעהען פון דיא כלים, שרייען אויף א קול, מאכען מיט דיא הענט און מיט דיא פיס און ריידען מיט א ברען, עפּיס וויא סתרי־תורה, קבלה־ווערטער. מען האט געמאכט א גרויסע ווארע, זעהר פיל הקדמות, וויא אזוי מען זאל דיא זאך אביסיל פארדרעהען, מרחיק מן השכל זיין און מען זאל עס נאר עפּיס אנדערש, נישט גלאט אזוי פארשטעהען. יענע אלע פזומונות, שמאכטעלייען, מיט דיא אלע פשטליך האבען געהייסען „סלאָוועסנאָסט“... זאגט אייך וואס איהר ווילט, אין דיא עלטערע יאהרען איז זעהר שווער אויסצו־קלעפען און צו טראגען אויף דעם מוח אזעלכע מיני זאכענישען, בפרט נאך דעם, וואס האט א גוטען קאפ און גרויס לוסט צו לעהרנען עפּיס ניטצליכערע זאכען. איך זאג אייך נאך א מאל טאקי, מיר, זענין דיא דאזיגע מעשיות זעהר שווער אנגעקומען דאס בעשטענדיגע קליעפען האט מיר פשוט דעם קאפ פארשלאגען, עס האט ביי מיר צוגענומען אין גאנצען דאס געזונט, לייב און לעבען און מיך געמאכט צום גולם. איך פלעג דערפון פשוט א מאל ווערען פארדולט און ארומגעהען צומישט, וויא א נעכטיגער. עס האט מיר גערוישט אין דעם קאפ, זיך געדרעהט וויא א ווינטמיהל, נאר טאקי פארדיקט צו ווערען. צייטענווייס האב איך נאר אנגעהויבען מסופק צו ווערען אויב עס וועט מיר געראטען דער פלאן מיינער אריינצוגעהען אין אוניווער־סיטעט. א קשיא, וואס עס קען זיך מאכען? גראד וועל איך ביי דעם עקזאמען נישט געדיינקען עפּיס א נארישע מעשה. אדער איך וועל מיך אויסגליטשען אויף יענעמס א

בזמון, דענסטמאל וועל איך מיט א מאל צוברעכען דעם קאפ — און איין עק פון מיין גאנצער מיה, פון מיין לעהרנען און פון מיין דאקטאריע, וואס איך האב זיא אזוי געוואלט דערגרייכען; דענסטמאל ווערדט א תל פון אלע מיינע האפנונגען און פון מיר אליין! וואס וועל איך טאן און וואס פאר א פנים וועל איך האבען? איך וועל בלייבען א דערשלאגנען יודעל, איך וועל פארשווארצט ווערען און אויסשטעהען אין דער וועלט פון איטליכען, גלייך מיט אלע אנדערע יודליך, חרפות, בזיונות. איך וועל בלייבען א קראפט אהן שטאף, דאס הייסט: איך וועל פיהלען אין מיר א כח עפיס צו טאן, נאר איך וועל אבער נישט האבען דאס מעגליכקייט דעם כח ארויסצוברייגנען, צו וואס איהם איינצואווענדען און מיט איהם ניטצליך צו זיין, וויא א־סך אזעלכע, נעביך, וואס געפינען זיך צווישען אונזערע יודען....איך וועל בלייבען א יוד און נישט קיין מענש... איך וועל בלייבען א רעטהעניש: עפיס א פאניע, וואס קעהרט אויס, רייניגט אומע־טום אויס און באהאלט זיך אליין אין מיסט, ערגיץ אין א ווינקעל, דאס מיינט מען א בעזעם! עפיס א פאניע, וואס דרעהט זיך ארום דא, און איז פארט נישט דא אויף דעם עולם; וואס איז פלייש און בלוט און זיא דאכט זיך פארט איטליכען אויס, עפיס איז זיא גארנישט!.... ווען אבער נאט העלפט, עס וועט אפלויפען בשלום און איך וועל אויסשטודירען, דענסטמאל, האב איך געטראכט, איז דיא וועלט מיינע, דענסטמאל בין איך מיר א גאנצער מענש.

דאס בעשטענדיגע לעהרנען און צוגליך דאס בעשטענדיגע איבערטראכטען, מאמער חלילה וועט זיין אומזיסט דיא גאנצע מיה, דאס אלסדינג אין־איינעם האט מיך פשוט אויס מענש געמאכט. איך בין געווארען מאגער, דאר וויא א שפענדעל, זעהר אפגעשוואכט, דערצו נאך שטענדיג פארזארגט, פאר־מרה־שחורה׳ט, אזוי אז מען האט מיך כמעט נישט דערקענט. דיא מאמע פלעגט וויינען אויף מיר קוקענדיג און האט אנגעהויבען אראפבריינגען צו מיר דאקטוירים און רופאים. זיי האבען גע־געבען מיר פלעשעלעך, געגאסען אין מיר רפואות, אויך שטארק אנגעזאגט, אז זומער זאל איך למען־השם ולמען־השם געהען א סך שפאצירען, אטהמען פרישע לופט אונטער דער שטאדט און ווענינער טראכטען.

אך ווען דיא דאקטוירים זאלען בעסער פארשטעהען און מיך בעפרייען פון יענע שטאכטעלייען, וואס האבען מיך קראנק געמאכט און מיר פארשלאגען דעם קאפ!

2.
ישראליק און דיא קליאטשע.

זומער אין איין שיינעם טאג בין איך ארויסגעגאנגען אונטער דער שטאדט און געשפאצירט גאנץ וויט אויף דעם פרייען פעלד. עס האט מיר דענסטמאל עפיס שרעקליך זיך געדרעהט דער קאפ, געקלאפט אין דיא שלייפען, אין הארצען האט מיר געקאכט וויא אין א קעסעל און בין געוועזן שטארק צוטראגען, ערגער וויא תמיד. א היבשע צייט האב איך מיך ארומגעדרעהט, נישט רעכט צו וויסען, וואהין דיא פיס מיינע טראגען מיך. אלץ געגאנגען, געגאנגען ביז איך בין דערנאך אנידערגעפאלען אונטער א בוים, ערגיץ נעבין א קאנאל, מיך אויסציהענדיג וויא גרויס איך בין. באלד ביי מיין אנידערפאלען איז מיט מיר צוגלייך, דאכט זיך, געפאלען דיא גאנצע וועלט. פינסטער איז מיר געווארען אין דיא אויגען, געהילכט, געשאסען האט מיר אין דיא אויערען, גלייך וויא דורך זיי זענין געפלויגען קנאקעדיגע ראקעטען. עס האט מיר זיך געדאכט, איך זינק אין א טיפען אפגרונט וואסער, זינק אלץ טיפער, טיפער און ארום מיר רוישט זיך נאר א שרעק. איך וויל עפיס אנטאפען, אן וואס עפיס זיך אנהאפען. נאר איך פיהל אבער נישט קיין הענט, קיין פיס. עפיס בין איך וויא ארויסגעשפרונגען פון דער הויט, ארויס פון דיא כלים, בין גלאט אזוי א י ש ר א ל י ק, א לופטינס, אהן לייב, אהן אברים, נישטא פון מיר גארנישט, נאר דיא בלויזע נאקעטע נשמה. פלוצלים נימ עס מיך א טראג ארויף, עס טראגט מיך אלץ העכער העכער ביז איך טאפ אן דיא ערד, וואו איך בין געלעגען, און דערפיהל וויא דיא זון באקט מיר אין דעם רוקען. עפיס בין איך נאר וויא נייא געבוירען, אין גאנצען וויא איבערגעביטען געווארען, נאר עפיס איין אנדער מין בעשעפעניש. אלסדינג ארום מיר: דיא ערד, דער הימעל, ביימער און גראז זענין אויף וויא ערשט פון'ם איי ארויסגעקראכען. זיי שפרינגען שאקלען זיך, ווינטען זיך, נישט איינשטעהענדיג אויף איין ארט, און ווינקען ווינקען צו מיר גלייך וויא געדעדט: קומט העצקען זיך. חאפען א טענציל, פעטערו-צווייא גרילען שפרינגען טאנצענדיג ארויס פון צווישען דעם גראז מיר אקעגען, קוקען מיך אן מיט נארעשע גרויסע אויגען, מאכענדיג דערבייא מיט דיא פיסלעך, און את-את קריכען זיי, דאכט זיך, אריין אין מיר.

איך האב א מאך געגעבען מיט דער האנד, אויסדרעהענדיג דעם קאפ אין איין אנדער זייט, און ליגענדיג מיר אזוי האב איך אומעטום געקוקט, אלסדינג בעטראכט, א ביסעל אויף געטראכט און זיך פארטראכט.

אויף דעם פעלד, זעה איך פיטערען זיך פאנסקע צאפעס, אייזלען, גאנצע

טאבונעס פערד, וואס האבען א יחוס־בריף, אז זיי שטאמען ארויס פון איידעלע על־טערען. איינעמס דידע איז איין ענגלישער אנער, וואס האט פארצייטענס, דורכ־פאהרענדיג דורך דעם לאנד כנען, חתונה געהאט מיט איין אראבישער שקאפע. דעם אנדרענס באבע וואקסט פון א בעריהמטער משפחה, וואס האט אין לעבען גענוג פולווער געשמעקט, און יענעמס עלטער באבע האט גענאסען א גוטע ערציהונג, איין עדוקאציע, ערגעץ אין א בעריהמטען זאוואד, איז געוועזען א מלומדות און האט אין איהר צייט געגעבען קאנצערט אין טאנצען און שפרינגען אין־איינעם מיט נאך א סך געבילדעטע, געלערענטע פערד. דען איהר מוזט וויסען, אז ביי פערד שפילט יחוס א גרויסע ראליע, ביי זיי קוקט מען שטארק אויף איידעל בלוט, און דיא וואס פון א גוטען זאוואד הייסען איידעל אדער וואהלגעבארענע. דיא דאזיגע איידלע פערד האבען זיך געפיטערט פראנק און פרייא, זענען אויך געגאנגען אין שאדען, קאליע גע־מאכט דיא תבואות, וועלכע ארעמע פויערען האבען געזייעט מיט שוויס נעביך און מען האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט, זיי נישט געזאגט קיין אומתרבות ווארט. דיא פערד האבען געשפרונגען, געהירזעט, געדריגעט מיט דיא פיס. זייער כח, זייער שטארקייט און זייער ווילדקייט איז געווען שלא כדרך הטבע! פלוצלים הער איך פון דערווייטענס א שרעקליך געשרייא, א רעש פון מענשען און א בילען פון הינט. איך האב תחלת געמיינט, דאס האבען דיא פויערען זיך צונויפגענומען און לויפען מיט א געשרייא, ארויסצוטרייבען דיא פאנסקע צאפעס, דיא פערד פון זייערע תבואות; נאר אבער ניין. דיא קולות האבען זיך אלץ דערווייטערט און זיך פארטראגען גאר אין איין אנדער זייט. איך בין געווען ציקאווע און געגאנגען נאך דעם קול, געגאנגען ביז איך בין געקומען צו א גאנץ גרויסען פלאץ פארוואקסען מיט גראז. דארט האט פאר מיינע אויגען זיך פארגעשטעלט א שרעקליכע סצענע. יונגליך, קונדסים, האבען פון אלע זייטען זיך געיאגט נאך עפיס א דארער, מאגערער קליאטשע, געווארפען שטיינער און אנגערייצט אויף איהר א גאנצע טשאטע הינט פון אלערלייא מינים. א טהייל הינט האבען גאר געהיילט, געבילט, געקריצט מיט דיא צייהן, א טהייל אבער האבען טאקי אויך געביסען, וויא נאר זיי האבען געקענט. איך האב נישט געקענט שטעהען און צוזעהען אזא מעשה־רע פון דערווייטענס. איינמאל, איז דאך גלאט א רחמנות, דאס מענשליכקייט דערלאזט נישט צוצוזעהען אזא אכזריות. און צווייטענס, אוועקגענומען שוין רחמנות, האט דאך דיא שקאפע אויף מיר טאקע א גרויס רעכט געהאט איך זאל איהר העלפען, מחמת איך בין איינגעקויפט אין דער חברה „צער בעלי חיים“, וואס איהר איז נישט ניחא, מען זאל פייניגען, אנטהאן לייד לעבעדיגע בעשעפנים, ווארום זיי זיינען אויך בשר־ודם, פלייש און בלוט, און

האָבען איך דאָס רעכט צולעבען אויף גאָטס וועלט וויא מיר. איך וויל מיך דאָ נישט אריינלאזען אין דעם אלטען און זעהר טיפען שמיעס מכח דעם מענשען און דיא בהמות. לאז זיך זיין חאטש וויא יענע זאגען, אז איך, מענש, בין דער תכלית, דער צימעס, דער אנטיק פון אלע בעשעפעניש; נאר צוליב מיר, תכשיט, צוליב מיין בעדערפניש און מיין פערגעניגען לעבען זיי אלע אויף דער וועלט; לאז זיך זיין חאטש, אז איך, תכשיט, בין דער מלך, דער אויבערהאר איבער אלע בהמות, וואס מוזען מיר דינען, וואס מוזען געהן אין יאך און מקריב זיין פאר מיר זייער לעבען — פון דעסטוועגען, דאכט זיך מיר, וויא באלד אפילו א קליאטשע, אזא פראסטע פארשע, האט אויף מיר עפּיס א רעכט, מוז איך על פי דין, ווען נישט על פי מענשליכקייט, אנקעגען איהר יוצא זיין....

— קונדסים! זאג איך, צוגעהענדיג צו דיא ווייסע חברה, וואס האט איהר, איך בעט אייך, צו דער שקאפע נעבעך?

א טהייל פון דיא קונדסים האבען מיך גארנישט געהערט, אנדערע האבען יא עפּיס וויא געהערט און געלאכט מיט עזות. א טהייל הינט האבען מיך עפּיס פאר־וואונדערט אנגעקוקט, עטליכע האבען געבילט פון דערווייטענס, נאך עטליכע האבען אויסגעשטשירעט דיא אויגען, געקוקט שרעקליך בייז, זענען געווען בריים אנצופאלען אויף מיר פון הינטען און צורייסען מיך אויף שטיקער.

— קונדסים! רוף איך מיך נאך א מאל אן, וואס יאגט איהר און פייניגט גאטס בעשעפעניש, דיא קליאטשע נעביך?

— א שיינער נעביך! האבען זיי מיט געשפעט געענטפערט, פאר וואס פּיטערט זיא זיך דא? פאר וואס פּיטערט זיך דיא שיינע קליאטשע דא?

— סטייטש! מהו איך א זאג, דא איז דאך א פאשע, דא פּיטערען זיך דאך אלע שטאדט בהמות, פון אייביגע יאהרען!

דיא שטאדט־בהמות, האבען זיי געענטפערט, זענען עפּיס אנדערש, זיי מעגען און זיא טאר נישט.

— פאר וואס נישט זיא? רוף איך מיך אן, זיא האט דען נישט קיין נשמה וויא אלע שטאדט־בהמות?

— אפשר טאקי נישט. האבען זיי א זאג געטהאן.

— שקצים! זאג איך צו זיי, אבער זיא האט דאך זיכער א בעל־הבית, וואס צאהלט אין דער שטאדט צינש און אלע אנדערע אפּגאבען. זיא איז דאך אויך א שטאדט־בהמה!

— אט דאס טאקע ווייסען מיר נישט ! ענטפערען זיי מיר מיט א נעשפעט אויב זיא איז אויך א שטאָדט-בהמה, דאס איז ערשט א שאלה.

— עס מעג זיין וויא עס וויל זיך, האב איך געזאגט, אבער דיא קליאטשע איז דאָך דערוויל הונגעריג, זיא וויל דאך נעבעך עסען !

— לאז זיא עסען ווערם, קריינק, מכות. זאגען זיי צוריק. וואס האט זיא צו אונז ? פאר וואס זאל אזעלכע אויפפרעסען און צונעהמען ביי דיא שטאָדט-בהמות ?

— גזלנים ! האב איך שוין מעהר נישט געקענט מיך איינהאלטען און א גע־שריי געטהאן מיט כעס. פאר וואס קוקט איהר נישט, וואס דארט געהען ארום פאנסקע צאפעס. גאנצע מאבונעס פערד צווישען דיא תבואות און פרעסען אויף אָרם בלוט, ארם שוויים נעבעך? דא פארגינט איהר נישט א בידנער שקאפע א הויפען גראָז און עס ארט אייך כלל נישט, אז דארט טהוען פערד אָן א ים היזקות און מאכען אומגליקיך פיל מענשען. דאס נאר אליין, וואס זיי צוטרעטען וואס זיי מאכען קאליע גלאט אזוי, וואלט געגוג געווען דער קליאטשע ביז קינדס-קינדס קינדס קינדער ! סונדסים, איהר האט נישט קיין יושר אפילו אויף א האר. איהר זענט קיינעם נישט געטריי און איהר האט נאך א העזה זיך ארויסצושטעלען כלומר׳שט פאר דיא שטאדט בהמות!

— הע, הע ! האבען דיא קונדסים זיך אָנגערופען, ער איז נאר אין כעס, ער פרענט נאר עפּיס קשיות ! קומט חברה ! וואס טוינ אונז דא דיא טענות ? לאז ער זיך שרייען, ווער הערט איהם ? קומט חברה, קומט !

איין קונדס האט א פייף געטאן און באלד האבען דיא ווייסע חברה מיט ייערע הינט זיך געלאזט נאך דער קליאטשע און אויף איהר ווידער אָנגעפאלען. א לאנגע צייט האט מען זיא געטריבען, געריסען און געביסען, ביז מען האט זיא צום סוף פארטריבען אין א טיפער גרוב, און דארט האט זיא זיך איינגעגריזעט אין בלאָטע.

דער אָוועגט איז געוועזען זעהער א שיינער א שטילער, דער הימעל לויטער אויסגעשטערענט און גאנץ נידעריג, וואו ער לאָזט זיך אראָפּ, איז אזוי וויא פון דער ערד אויפגעגאנגען דיא לבנה רויט וויא בלוט. דיא שטאָדט-טשערעדע האט שוין לאנג אָפּגעגעסען דיא צעבּרעס, איהר געוועהנטליכע וועטשערע, און געשלאָ־פען רוהיג אויף איהר געלעגער, אין דיא שטאלען, נאָכדעם אז מען האָט זיא פריהער גוט אויסגעמאָלקען. איך האב בעקומען א בינטיל פריש היי, אָפּצוטראָ־גען עס דער אומגליקליכער שקאפע אין גרוב אריין, אזוי וויא איין עהרליכער מאן פון דער חברה „צער בעלי החיים״ בעדארף צו טאָן. דיא קליאטשע נעביך איז גע־

לענגען שטאַרק מיך אין דער בלאָטע, ווען זיא זאָל נישט געוועזען מאַכען מיט דיא
וויטען און סאָפּען, וואָלט מען זיכער געמיינט, דאָ ליגט אַ נבלה, אזוי דאַר, אזוי
מאָגער איז זיא געוועזען, נאָר הויט און ביין.

— שאָק, שאָק, שאָק! האָב איך געזאָגט אויף פערדיש, צונעהענדיג צו דער
קליאַטשע, איהר אַ גלעט געגעבען דעם האַלז און אַנידערגעלייגט דאָס בינדעל היי.

זיא האָט אויפגעהייבען דעם קאָפּ און מיך שטאַרק אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר
אויגען, גלייך וויא איהר איז אַ גרויס וואונדער געוועזען, וואָס איא מענש וויא איך
זאָל אָנטאָן כבוד אַ וויסטער קליאַטשע און איהר ביי דער נאַכט מאַכען אַ וויזיט
אין דער בלאָטע!

שאָק, שאָק, שאָק! האָב איך ווידער צו איהר גערעדט אויף פערדיש. דאָס
האָט אזוי פיל געהייסען וויא: גוט גאָוועגט, קליאַטשע! האָסט־דוא נאָך אַ גאַנץ
ביינדעל? שאָק, שאָק! נאַ דיר וועטשערע, עס, אויב דיר איז נאָך איבערגעבליבען אַ
צאָהן אין מויל. שאָק, שאָק! חלעבין אַ גאָטס רחמנות, ביסט געביך זעהר אָפּגע־
שלאָפּט! שאָק, שאָק! האָב איך נאָך עטליכע מאָל געזאָגט און איהר אונטערגע־
ריקט דאָס בינטעל היי האַרט אונטער דער נאָז.

— ברוך־הבא, יונגער מאַן! לאָזט זיך הערען פּלוצלים אַ פאַרדומפּטען קול.

איך בין טויט געבליבען הערענדיג דעם ברוך־הבא. פון וואַנען, וואונדער איך
מיך, האָט עס פּלוצלים זיך גענומען? ווער זאָל עס ריידען? אַז לעבין מיר און ווייט
אַרום און אַרום איז נישטאָ אַפילו קיין זכר פון אַ מענשען!

— שרעק זיך נישט, יונגער מאַן! האָט דאָס קול זיך געלאָזט ווידער הערען.
זיי אַ מענש און שרעק זיך נישט. איך קליאַטשע רעדט צו דיר.

— קליאַטשע! טהו איך אַ געשרייא און בלייב שטעהן פאַרגאַפט וויא אַ
גולם.— דאָס איז אַ פּנים דיא גוטע קליאַמשע, האָב איך בייא מיר געטראַכט,
נאָכדעם אַז איך בין שפּעטער אַביסיל צו זיך געקומען. באַלד האָב איך מיך טאַקי
דערמאָהנט, היינט איז מיטוואָך בייא דער נאַכט, דיא רעכטע צייט פאַר דיא לצים.

— טראַכט גאָר נישט איבער, האָט דיא קליאַטשע גאַנץ דייטליך זיך אָנגע־
רופען. פּשוט איז פּשוט, איך קליאַטשע רעד צו דיר.

— סטייטשו וויא רעדט עס אַ קליאַטשע?! מאַך איך שטאַרק פאַרוואונדערט.

— דאָס איז גאָר נישט אזא וואונדער, ענטפערט זיא. אזעלכע מעשיות האָ־
בען שוין זיך געטראָפען. אין דיא בעשריבענע היסטאָריעס געפינט מען אַ סך רעדען
און דרשות, וואָס פערד האָבען געהאַלטען פון בלעם'ס אייזעל אָ ביז אַצינד.

אַי, אַי! האָבט זיך מיר אַרויס אַ געשרייא און דערמאָהן מיך אין יענע

מעשיות, וואס איך האב געלעהרענט צו דעם עקזאמען. יא, טאקי גאנץ רעכט, אבער א קליאטשע!

— וואס מאכט עס אויס? אי א קליאטשע. אדרבה, ווען עס טרעפט זיך שוין רעדט טאקי געוועהנליך נאר א קליאטשע. בלעם'ס אייזעל איז אויך געווען א קליאטשע, נאר פון דעסטוועגען זיי רוהיג, מיט דיר רעדט נישט קיין קליאטשע.

— וואס הייסט עס? נישט קיין קליאטשע! — פריהער זאגסט דוא א קליאטשע, דערנאך נישט קיין קליאטשע! גיב איך א געשרייא, איינבייגענדיג זיך דיא זאך בעסער צובעטראכטען — נישט אנדערש דוא ביסט....

— א ליג, וואלסט־דו זאגען, פאלט זיא מיר אריין און דיא רייד. ניין, ניין, מיין פריינד, דו האסט א טעות. איך בין נישט קיין ליג, זאג איך דיר, אויך נישט קיין קליאטשע. מיין פנים, מיין געשטאלט איז וויא א קליאטשע, אבער באמת בין איך נאר עפיס אנדערש. ווען דוא זאלסט וויסען, וואס מיט מיר אין דער וועלט האט זיך פאסירט, וואלסט־דו מיך פארשטאנען און אויפגעהערט זיך צו־וואונדערען.

אויף מיר קוקען א פאר אויגען, וועלכע עס דריקען אויס ליידען, מידקייט אין איינעם מיט א געבעט און גוטסקייט אהן איין עק. עפיס טאקי נאר אויגען פון א שלאפען, אומגליקליכען, אומזיסט בעליידיגטען, געקריינקטען מענשען, וואס קוקט אויף איטליכען שוויינענדיג שטיל, און איטליכער קוק זיינער דערצעהלט זיינע אינווענינסטע וועהטיגען: איטליכער בליק רעדט, שרייעט געוואלד, בעט רחמים און רייסט אויס א שטיק הארץ. איך קוק און קוק — וואס קליאטשע, ווען קליאטשע! פאר מיר איז נאר א מענשליך פנים. וויא, וואס, פון וואנען פלוצלים א מענש, עפיס אזא פארזעהעניש?!....

— שוין לאנג איז דאס אזוי?

— אָ, לאנג וויא דער גלות!

— וויא קומט עס? דערצעהל! בעט איך אין איין קול, אנחאפענדיג זיך ביים קאפ. דיא קליאטשע האט מיך שארף אנגעקוקט, געשוויגען, זיך אביסיל וויא בעטראכט, דערנאך האט זיא אנגענומען איין ערענסט פנים און אנגעהויבען מרוי־ערדיג צו ריידען מיט דיא ווערטער:

„דער וואס האט חאָטש אביסיל אריינגעקוקט אין ספרים, אדער געהערט פון עלטערע דערצעהלען, דער דאזיגער ווייסט, אז מענשען זאָלען אָנגעהמען דיא געשטאלט פון אלערלייא חיות און בהמות נאך ביים לעבען, אדער אין זיי מגולגל צו ווערען נאך דעם טויט — דאס איז איינס פון דיא געוועהנליכע זאכען. פארצייטענס האבען אזעלכע זאכען זעהר אָפט זיך געטראָפען. מיר געפינען אין דיא היס־

טאַריע ביבער, אַז סעמיראַמידאַ, דיא קעניגען פון בבל, האט אויף דער עלטער אַנגענומען דיא געשטאַלט פון אַ טויב. דניאל האט בנבואה געזעהען דיא פיער קיסריות אין דיא געשטאַלטען פון לייבען, לעמפּערטען, בערען, און ער דערצעהלט וויא נבוכדנצר מלך בבל איז לסוף ימיו געוואָרען אַ בער. ווער שמיעסט בײַ דיא גרעקען זענין אַזעלכע געווען זעהר געוועהנטליך. זייער גאָט יופּיטער, וואָס ער איז געווען, מחילה שטאַרק נעהאַפּט אין דער מעשה, האט אַ מאָהל זיך פאַרשטעלט פאַר איין אָקס. דיא בת-מלכה יאָה, דעם קעניג אינאַכוס אַ טאָכטער, האט יופּיטער פאַר־שטעלט אין אַ קוה, און אַזוי האָט זיא שלימזול זיך אַרומגעשלעפּט אַ היבשע צייט אין דער וועלט. אין זייער לאַנד האבען זיך אויך געפונען מיני בעשעפּניש, האלב בהמה און האלב מענש, וואָס האָבען געהייסען צ ע נ ט אַ ו ו ר ע ן. איין צענטאַוווער, מיט דעם נאָמען ח י ר אָ ן, האלב פערד און האלב מענש, מיט באָרד און פאות און אויף דעם קאָפּ אַ ספּאָדיק, איז געוועזען דעם פּרינץ ט ע ז י י אַ ו ס מלמד. עס פאַרשטעהט זיך וואָס פאַר אַ פאָלק אַזאַ מלמד, זענין מענשען ווילד, איז בײַ זיי אויך אַ ווילדער מלמד.... פאַר דיא מאַשענשפּילער, פאַר דיא שוואַרצע־קונצען מאַכער און פאַר דיא וואָס קענען פאַרבלענדזען יענעם דיא אויגען איז דאָס אַביסיל אַ לעבען געווען דענסטמאָל! זיי האבען געפיהרט אַ וועלט און אָנגעטהאָן מעשים וואָס אַ שרעק צו הערען! אַ סך מענשען, אַ סך פּרינצען און פּרינצעסעס זענין דורך זיי געוואָרען ווילדע בהמות נעביך.... לייענט אין דיא ביכליך, אין דיא געשריבענע מעשיות פון איטליכס פאָלק, וועט איהר זעהן, אַז נישט איין פּרינץ, נישט איין מלך איז דורך זיי איבערגעקעהרט געוואָרען אין אַ צאַפּ, אין אַ פערד, אָדער אין איין אָקס וכדומה אין אַזעלכע מיני בהמות; נישט איין פּרינצעסין, נישט איין מלכה איז דורך זיי געוואָרען אַ ק ו ה, אַ קעלביל, אַ ציג נעביך; נישט איין פּריץ, נישט איין גראַף איז דורך זיי געוואָרען אַ הונט, אַ וואָלף, אַ בער, וואָס האָט געריסען, געוואָרגען מענשען, געזויגען זייער בּלוט און בײַ זיי אַרויסגענומען דעם מאַרך פון דיא ביינער. יאָ, גאַנצע דערפער, גאַנצע שטעדט זענין נעביך דורך זיי איבערגקעהרט געוואָרען אין טשערעדעס שאָף און האָבען געליטען זעהר פיל צרות, שרעקליכע יסורים און עינויים קשים.... אָט וואָס אויף דער וועלט האָט זיך פּאַסירט, אָט וואָס דער כח פון פאַרבלענדזענעס, פון כשוף און פון פּאַרען זיך מיט רוחות האָט אָנגעמאַכט!

בידנע אומגליקליכע מענשען!

„אין יענער צייט איז אַ מאָל געווען אַ פּרינץ, אַ בן מלך, זעהר אַ פיינער, אַ קלוגער, אַ געראָטענער מיט צלע מעלות, נאָר איין אַנטיק, דער דאָזיגער בן־מלך האָט אין דער יוגענד געוואָנדערט, געמאַכט רייזען, בכדי צו דערקענען דיא וועלט,

און אומעטום, וואוהין ער איז געקומען, האט מיט איהם די וועלט נעקרותנגען. איין קעניג פון מצרים, דעם בעריהמטען לאנד פון ציגאינער און פון טאשענשפילער, איז שטארק אין כעס געווארען אויף דעם דאזיגען פרינץ, וואס איז געקומען צו איהם צו גאסט. פאר גרויס שרעק, דער פרינץ זאל שפעטער מיט איהם־זיך נישט אפרעכנען און ארויסטרייבען איהם פון זיין אייגען לאנד, האט ער פארבעטען צו זיך זיינע גרויסע כשוף־מאכער און צו זיי אזוי געזאגט: הבה נתחכמה לו! דאס טייטש: לאמיר, ברידער, צו דעם פרינץ זיך קלינגען און איהם אפטאן עפיס אויף טערקיש. די מכשפים האבען מיט זייער כשוף פארשטעלט דעם פרינץ אין א קליאטשע, און מיט איהר נעביך געארבייט עבודת־פרך!

די קליאטשקע נעביך פלעגט פיהרען ציגעל און לעהם גאנצע בערג און דערמיט אויסגעמויערט פיתום מיט רמסס, זעהר פיל יאהרען האבען די ציגאינער זיא געפיי־ניגט איהר פאראומערט דאס לעבען, ביז גאט האט אויף איהר זיך דערבארעמט. עס איז געקומען א גרויסער, א בעריהמטער מענש, א בעל שם. וואס האט חוזק געמ כמ פון אלע ציגאינער מיט זייער כשוף און גרעסערע קונצען פון זייערע בעוויזען מיט דעם הייליגען „שם המפורש‟. ער האט געזאגט א שפרוך, איז פון דער קליאטשע ווידער א פרינץ געווארען! כל זמן יענער גרויסער בעל שם און זיינע וואונדערליכע תלמידים, וואס נאך איהם, האבען געלעבט, האט דער פרינץ א פנים געהאט ווי א מענש און געלעבט אין עושר, אין כבוד, ביי זיך אין לאנד. נאכדעם אבער, אז זיי אלע זענען אויסגעשטארבען, האבען שונאים דעם פרינץ ווידער פארווארפען אין א קליאט־שע, און אין דער געשטאלט טרייבט מען יהם נעביך ארום שוין א גוזמא יאהרען פון איין ארט צום אנדערען. דעם אומגליקליכען פרינץ פאסט טאקי גאנץ גלייך דער נאמען: „די אייביגע קליאטשע‟. אייביג שלעפט זיך די קליאטשע ארום און נעהט אויס וואו די וועלט האט איין עק, ווער עס האט נאט אין הארצען זעטצט זיך אויף איהר רייטענדיג; ווער אין גאט גלויבט ניט איהר א קלאפ, א זעטץ, איטליכער לייגט אויף איהר אנידער זיין פעקיל, זיין קלימעק. אייביג נעהט זיא אין יאך, שלעפט, שלעפט נעביך ציגעל און לעהם מיט פיל מיה, מיט בלוט און מיט שוויס וואס דערפון האט מען שוין אויסגעבויט גאנצע שטעדט!‟...

אין יענער צייט, אז דער קאפ מיינער איז פול געווען מיט וואונדערליכע מעשיות פון מכשפים און צויבערער; אין יענער צייט, וואס חוץ די מעשה ביכליך, ווי א שטיינער „טויזענט און איין נאכט‟, „צענטוריע־ווענטוריע‟, „בבא מעשה‟ וכדומה, וועלכע איך האב געשמאק געלייענט אין דער יוגענד, האב איך גאר אויף דאס־נייא ווי די האלעשקעס איינגעשלונגען נאך אנדערע מיני מעשיות; אין יענער צייט, אז

מיין הארץ איז געווען הייס, מיין בלוט אקראפ און מיין כח הדמיון פלאם פייער, אז מיינע געפיהלען זענין געווען פולווער, זיך אנגעצונדען און אויסגעשאסען פון א מינדסטען רייב, מיינע אויגען קוואלען, ווארמבעדער, איטליכער, וואס האט עפיס געליטען, האט אין זיי פאר זיך געפונען ווארמע, הייסע טרעהרען — אט אין יענער צייט האט מיך דיא מעשה מיט דעם אומגליקליכען פרינץ שטארק געריהרט. איך בין געווארען נאר צוקאכט.

—זאג מיר, איך בעט דיך! האב איך זיך אנגערופען, זאג מיר, וואו איז ער איצט? וואו געפינט זיך אצינד דער שלימזלדינגער, דער אומגליקליכער פרינץ?

—דער פרינץ, דער שלימזלדינגער פרינץ ליגט איצט פאר דיר אין דער געשטאלט מיט דעם פנים פון א קליאטשע!

איך האב געזיפצט, געוויינט און אפגעגאסען מיט הייסע בלוטיגע טרעהרען מיין וויסטע, אומגליקליכע קליאטשע.

3.

וואס לאזט מיך דיא קליאטשע הערען.

דיא לבנה האט געשיינט און אראפגעקוקט מיט איהרע זילבערנע שטראהלען אין דער טיפער גרוב אויף דער טרויעריגער סצענע דארט. אז איך בין אביסעל צו זיך געקומען און אויפגעהויבען דעם קאפ האב איך דערזעהען וויא דיא קליאטשע קייעט היי גאנץ רוהיג, קאלט-בלוטיג, אהן א פיטצעל זארג, טאקי נאר אזוי וויא א געבוירענע, אמת׳ע קליאטשע. אין מיין הארץ האבען געקאכט פערשידענע געפיהלען. באלד האב איך געפיהלט וויא דאס לעבען עקט זיך מיר פשוט פאר גרויס רחמנות אויף דער וויסטער, אומגליקליכער קליאטשע, און באלד ווידער האב איך געהאט אויף איהר פארדראס—סטייטש, וויא אזוי ליגט זיא אין דער בלאטע אזוי רוהיג, קאלט-בלוטיג, גלייך וויא זיא פיהלט נישט, פארשטעהט נישט איהר ביטערע לאגע! וויא אזוי עפענט זיך איהר דאס מויל צוקייען היי נאך אזא שרעקליכער סצענע און נאך אזעלכע קלעפ, וואס זיא האט ערשט היינט געכאפט! איך האב אנגעהויבען בייא מיר צוטראכטען אויב דיא גאנצע מעשה איז נישט א חלום; אויב איך האב נישט צוטהאן נאר מיט א פשוטער שקאפע, וואס האט אין זיך נישט אפילו קיין אדער פון א פרינץ; וואס האט נישט קיין שום געפיהל פון כבוד, פון האנאר, און איז, מישטעהנעס געזאגט, נישט אין שטאנד צופיהלען איהרע אייגענע צרות, דיא גרויסע חרפות און בזיונות. ווארום, ווען זיא זאל נאר האבען חאטש א פיטצעל געפיהל, חאטש א פיטצעל פארשטאנד וואלט זיא נישט בשום אופן געקענט רינען אויף איהר ארט אזוי רוהיג. עס האט אין איהר בעדארפט קאכען דאס בלוט

וויא אין א קעסיל ; עס האט אין איהר בעדארפט זיך בעווענען איטליכס גליד. איטליבער אדער ; זיא האט בעדארפט טראכטען, אין זיגען האבען, אז עס איז נישט גוט צובלייבען אין דער וועלט דיא אייביגע קליאטשע, נישט גוט צוליידען פון א ליאדען קונדס, פון א ליאדע הינטעל און בעדארפט זיך שטרעקען אין דער לייגג און אין דער ברייט, צו טאָן אלע מיטעל ווידער צובעקומען א פנים פון א מענשען. איך האב מיך נעשעהמט פשוט פאר מיר אליין. נישט אנדערש איך בין משונע ! וואָס האָב איך נעטאָן ? פאר וועמען האב איך ערשט אזוי נעזיפצט, נעוויינט ? פאר וועמען האב איך פארגאָסען בלוטיגע טרעהרען ? פאר וועמען בין איך ערשט בערייט נעווען זיך אוועקצולייגען, מקריב צוזיין מיינע טעג, מיינע יאָהרען, מיין גאנץ לעבען ? פאר וועמען ? פאר א קליאטשע ! פאר א יאדעשליוועה, אָפגעבארעטער שקאפע !.. איך האָב מיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען און מיט א צעבראָכען הארץ זיך אוועקגערוקט אביסעל ווייטער.—

דיא קליאטשע האָט פלוצים א זיפץ געטאָן. איהר זיפץ האָט מיר אין הארצען זיך אָפגערופען וויא א דונער. איך בין פארציטערט געוואָרען. פייערדיגע געפיהלען פון רחמנות האָבען ווידער אָנגעצונדען מיין בלוט. איין זיפץ איהרער האָט אין מיר אָנגעמאכט א גאנצע איבערקעהרעניש און מיך ווידער שטארק געצויגען צו איהר וויא א מאגנעט. אָט אזוי, האָב איך געטראכט, איז מאקי גוט. זיפץ, זיפץ קליאטשע ! דאָס איז א גוטער סימן, פון דעם זיפצען זעהט מען ארויס דעם אומגליקליכען פרינץ, וויא ער רייסט זיך מיט אלע קרעפטען צו בעקומען א מענשליך פנים, אין דעם זיפצען הערט זיך זיין קול, וויא ער שרייעט ; איך לעב נאָך און פיהל נאָך אלסדינג, וויא אלע מענשען ! עס הערט זיך וויא ער שרייעט און בעט רחמים : גוואלד, מענשען דערבארמט זיך, לאָזט מיך צוריק אָננעהמען מיין געשטאלט ! — זיפץ קליאטשע, זיפץ ! דאָס זיפצען קען עפיס אָנמאכען, עס קען א מאָל ריהרען, צערברעכען הערצער, עס קען א מאָל אריינגעהן מענשען אין דיא אויערען, זיי וועלען אויש אָנהויבען צוציטערען, וועלען רחמנות האָבען און דיר העלפען. אָט אזוי קליאטשע, אז דוא זיפצסט איז מאקי גוט !

און וויא איך טראכט אזוי גיב איך א בליק : לעבען מיין קליאטשע איז נישטאָ קיין לעק היי, זיא האָט עס אין גאנצען אויפגעגעסען, נישט איבערגעלאָזט, איהר זאָלט זאָגען, אפילו א בלעטיל. א־א־א ! האָב איך בייא מיר געטראכט. אָט וואָס איהר זיפץ בעטייט ! דיא זיפצט פשוט, וואָס דערנעהט איהר נישט דיא קישקע, וואָס דיא האָט נישט נאָך א בינטעל היי, נאָך א הויפען גראָז. ווען זיא זאָל בעקומען א סך היי, א סך גראָז, דערצו נאָך עטליכע מעסטליך האָבער, וואָלט זיא געווען צר

פרירען, נאָר איבערגליקליך. עס מעג שוין זיין וויא עס וויל זיך, אבי א סך האָבער, אבי דיא קישקע. א ריינע, עכטע קליאטשע, חלעבען!... דער דאָזיגער געדאַנק האָט מיך נאָר צושרויפט. פאַר פאַרדראָס האָב איך געציטערט און געוועז שטאַרק צר רודערט.

— דו ציטערסט! האָט דיא קליאַטשע געזאָגט, א קוק-געבענדיג אויף מיר. עס איז דיר א פנים נישט גוט דאָ לעבען מיר?

— איך בין אַ מענש, האָב איך געענטפערט מיט א שטעכווערטעל, איך בין א מענש מיט געפיהל, מיט פערשטאַנד. מיר געפעלט נישט אזא אָרט, אזא בלאטע. דיר מעג עס אפשר געפעהלען.

—אוודאי איז דיר גוט צו ריידען! האט זיא זיך אנגערופען און א מאַך געגעבען מיט דעם קאָפ. איין אנדערער זאָל וויא איך פארשטעלט ווערען אין א קליאַטשע אזוי פיל יאהר, איין אנדערער זאל וויא איך פיל אויסשטעהן, זיין פארוואגעלט, דערהרגעט, דערשלאָגען, אזוי פיל איבערטראָגען צרות און לייד פון אימליכען בער ונדער, וואלט ער חלעבין שוין לאנג פארלוירען זיין פערשטאנד, זיין געפיהל. עס וואלט איהם אין גאנצען דאס לשון אפגענומען און וואלט געוועזן א ריינע אמת'ע בהמה.

—נו, נו, בין איך איהר אריינגעפאלען אין דיא רייד, דיר איז ליעב דיא בלאַטע, דיר איז דא גוט?

—זיא צו מיר: דאַכט זיך גוט. אלץ בעסער וויא פריהער. עס זענין געוועזן צייטען, וואָס מען האט מיך נאָר געטריבען און נישט געלאזט אויסרוהען מיך אפילו קיין רגע. מיינע שונאים. פלעגען מיך אלץ טרייבען, טרייבען און צונעהמען בייא מיר דעם לעצטען כח. איצט, וויינסטענס, רוה איך דא אביסעל, אויף דער בלאטע איז מיר ווייך צו ליגען און איך גריך חאָטש אביסיל אויס מיינע אלטע קראַנקע ביינער.

—איך צו איהר: און דיא קלעפ, וואס דוא האסט ערשט היינט געחאפט פון דיא קונדסים, און דיא הינט, וואס זענין ערשט נישט לאנג אויף דיר אנגעפאלען, האסט דוא שוין פארגעסען? אפשר איז דאס ביי דיר אויך גוט?

—זיא צו מיר: אלץ בעסער וויא פריהער. אויך מיר הינט? חינט האסט דוא בעדאַרפט זעהען, וועלכע דיא לצים, דיא דייטשליך, האבען א מאל אויף מיר אנגערייצט. יענע זענין געוועזן גרויסע געלעהרענטע, האבען געסלוחשעט, געשטאנען אויף דיא לאפקעס, געדרעהט מיט דיא ווידלען און אויסגעפאלגט אלסדינג, וואס מען האט נאר געהייסען, צווישען דיא הינט זענין געוועזן פשוט פראפעסארען. שכל האבען זיי געהאט כמעט וויא מענשען, אבער א הארץ און א מויל — עבט הינטעשע. זייער

בים איז געווען שרעקליך, עד היום שטעהן נאך ביי מיר צייכענס פון זייערע צייחן... דיא חינט, וואס דוא האסט היינט געזעהן, זענין פראסט קעלבליך, גראבע קעפּ, אהן שכל; ווייסען אפילו ניט רעכט וויא אנצופאלען, וויא צובייסען; בילען, מישטעהנס געזאגט, גלאט אבי געבילט, און בילען אויך אקעגען דער לבנה. מיט א שטיקעל ברויט פארשטאפט מען זייא דאס מויל און דערנסטמאל קען מען פראנק און פריי גנבהנען, גזלנען, ראבעווען פאר זייערע אויגען... אויך מיר קונדסים! קונדסים זענין געווען אין יענע יאהרען, וואס פלעגען זיך שטארק נארעש מאכען, איטליכען פארדרעהן דיא קעפּ און אייסטראכטען ווילדע אַנשטעלען; וואס פלעגען זיך פארשטעלען כלומר'שט פאר בערען, מאכען בוא און שרעקען דעם עולם. אמת טאקי, דיא היינטינע קונדסים נעהמט אויך גאַרנישט אפּ, נאר וויא קומען זייא אבער דאך צו דיא אלטע! אז יענע האבען זיך גענומען צו מיר מיט זייערע אנשטעלען, פלעגט מיר פשוט ניט ניחא זיין דאס לעבען. וועניג, א שטיינער, האבען מיך געפלאַגט אט יענע שטארקע פערד, וואס דוא האסט היינט געזעהן צווישען דיא תבואות!

—וואס רעדסט דוא? מאך איך שרעקליך פארוואונדערט. וואס הייסט עס, פערד, האבען דיך אויך געפלאגט, געפּייניגט? וויא קומען דיא פערד, דיא היינטינע פערד צו דיר?

—ווען מענשען זאלען קענען אריינקוקען אין איטליכער זאך אינוועניג, וואלט זייא פארענטפערט געוואָרען אין דעם לעבען זעהר פיל קשיות. האט דיא קליאַטשע זיך אנגערופען. נישקשה, איך רייד צו דער זאך. אט דיא דאזיגע פערד זענין גלגולים פון שרעקליך ווילדע מיאוסע קונדסים, וואס האבען פארצייטענס געגאַנגט, געפלאַגט דעם עולם, געארבייט מעשים און אנגעטאָן זעהר פיל שאדען. אליין איז איטליכער געווען בעזדושנע, דאס הייסט אָהן א זעל, און אויף איהם האבען געמוזט ארבייטען טויזענטער זעלען; יענע פלעגען עסען דאס דאר שטיקעל ברויט מיט דעם שוויים פון זייער פנים, חוץ דעם זיך גאָרנישט פארגינען אפילו דאס, וואס זייא האבען אליין ארויסגעבראכט, אויסגעהאָרעוועט מיט זייער פראצע, — און ער האט זיך געבאדען אין וואוילטאָג, אויפגעגעסען זייער מיה און נאך געשאסטעט, פארשווענדעט. יענע האבען פון זיינעטוועגען איינגעליינט דיא וועלט, מיט זייער ארבייט איהם פארשאפט מאיאָנטקעס דערפער, שטעדט; מיט זייער מיה איהם געמאכט א גרויס פארמעגען, און דאס ביסעל עסען, וואָס זיי נעביך פלעגען פון איהם א מאל בעקומען, טאקי נאָר אבי צוערהאלטען דיא נשמה — דאס האט געהייסען א נדבה. זיי האבען געהייסען ארמע בעטלער, און ער — בעל רחמים, א פריינעבינער, א בעל צדקה, א בעל־טובה ווייא, אז האבען אויף איהם געהארעוועט איז עס געווען א גאַנץ געוועהנטליכע זאך,

אזוי האָט עס בעדאַרפט טאַקי זיין, און אז ער האט א מאל נענעבען עפּיס א נדבה אויף הונגעריגע, אויף קראנקע, פון זייער שווערער האַראָוואַניע טאַקי, האט דערמיט די נאַנצע וועלט נעהאט צוטאָן; מען האָט עס בעזונגען, בעוואונדערט און אלע גאַזעטען און צוליינט אויף טויזענט טעלערליך — לאָז דער עולם וויסען, אַז ס'איז דאָ א באַרמהארצדיגער, אַ גוטער, א פרומער, אַ דימענטיגער מענש!... אַ מאָל זענין די דאָזיגע פערד געווען איידעלע מענשען, ליידיגנעהער, היינט זענין זיי איידעלע פערד, ליידיגנעהער. ווארום, לאָמיר זיך נאר נישט נארען, צו וואס טויגען איידעלע, נעקעהרענטע פערד? ארבייטען, ארבייטען דאָך פערדליך נעביך, די נעמיינע פערד. זיי אקערען די פעלדער, פיהרען וואסער און האלץ, שלעפּען, טראָגען משא און טהוען אלסדינג אין דעם בעל הבתישקייט. די איידעלע פערד אקעגען פיהרען זיך א גליקליך לעבען אין שטאָל לעבען היי און האבער; פאָהרען זיך א מאל ארויס שפּאַצירען מיט זייער פּריץ, הייבען פיסליך און שטאָלצירען מיט זייער פעט בייכעל, מיט זייער שעהנעם אופּראַזש, אדער טאנצען. מאכען אנשטעלען אין די צירקען און נאַרען דערמיט ביי דעם עולם אויס דאס נעלט. צו וואס נוטצט עס באמת אז א פערד טאַנצט, מאכט הוקעס־פּוקעס? פאר וואס זאל אזא פערד געהען אין גאלד און מען זאל איהם, וויא גרויס עס איז, מיט געלד אפּשיטען? לאָזען בעסער יענע פערד ארבייטען און נישט נעהען אין שאַרען!

—שאַ, שטילער אביסיל! האב איך צו איהר געזאגט. דוא רעדסט תמיד אזוי פיל?

—אָך! האט די קליאטשע מיט א זיפץ נעענטפערט, געוועהנטליך שוויינ איך און קען נישט ריידען אפילו קיין ווארט. מען וויל נישט, איך זאל ריידען. גאַנץ אפט קען איך אפילו קיין פּיפּס נישט טאָן, און דענסטמאָל בין איך טאַקי א קליאטשע מיט אלע פּישטשעווקעס. האָטש רייד איבער מיר פון היינט ביז איבער א יאהר וועל איך דיך נישט הערען. דוא וועסט שרייען: געה רעכטס! און איך וועל מיר געהן לינקס. סיידען דוא וועסט מיך אננעהמען ביי דער טשאַפּרינע און שלעפּען מיט געוואלד, דענסטמאל קען אויף מיר רייטען ווער עס וויל, אפילו א יונגעל א שוטה, א ווייסע־חברה'ניק, א דראַב, א טויגעניכטס, א לא־יוצלח! נאר עס זענין דא געוויסע צייטען, וואס מיר עפענט זיך א מויל, און אז מען ציהט מיך דענסטמאל ביי דעם צונג, שיטען זיך מיר ניין מאס רייד פון דעם מויל. איך רייד דענסטמאל פאר פייער און פאר וואסער. עס זעטצט דענסטמאל פון מיר ארויס מיט אימפּעט, וויא פון א פייער־שפּייענדיגען בארג, אלסדינג, וואס מיר האט זיך אנגעקליבען אויפן הארצען; גאנצע וואלקענס פּאַרדראַס, טריזאָטע, וועהטיג און פּורעניות, עס צושפּילען זיך אין מיר די

נעבליטען, וויא פלייצענדינע טייכען אין וועסנע-צייט, הייבען זיך-אויף מיר אין דעם קאָפּ מיט שרעקליכע חוואַליעס, רייסען דעם מוח און שטופען זיך מיר ארויס דורך דיא אויגען. עס פוקעט זיך מיר דיא גאל, עס רעדט זיך ארויס מיין ביטער הארץ מיין שווער נעמיטה!....

—זאג מיר נשמה, האב איך מיך אנגערופען, זאג מיר, צו ס'איז שוין יא געקומען צו רייד, פאר וואס נעהסט דוא אין שאדען? ערשט היינט מאקי איז מען דערפאר אויף דיר אנגעפאלען. ערשט היינט האט מען געשריגען: דוא מאכסט א שאדען!

- בעטראכט דיא זאך בעסער, ענטפערט זיא, וועסט דוא מיך אזוי נישט בעשולדיגען. אז מען רעדט פון מיין שאדען מוז מען אקענען שטעלען אויף דעם נוטצען וועלכען איך ברייננ. ווארום וויא דיא וועלט אין גאנצען פיהרט זיך אצינד, מוז מען בערעכנען דיא ביידע זאכען אין איינעם. ווען נישט, קומט אויס, אז כמעט איטליכער מהוט אן שאדען: קיינער כמעט איז נישט ריין פון דעם פעהלער, אפילו יענער, וואס שרייט דארויף געוואלד. בייא דער היינטיגער פיהרונג אין דער גאנצער וועלט ארום און ארום, איז שאדען אזא פעהלער, אזא זינד, וואס לאזט זיך גארנישט אויסמעקען און פארענטפערט זיך נאר מיט נאָך אזא זינד. למאי, זאגט מען, נעהט יענער אין שאָדען? — דאס איז אזא זינד. וואס וויא דוא זאלסט נישט שרייען, בלייבט זיא טאקי אלץ; זיא קען מען נאָר פיהרען אונטער דעם דעקטוך — פארדעקט, פאר האנגען מיט צדקה, אדער מיט נוטצען. שמעון דער נגזל געפיך שרייט: אוי רא בן שאדעט! יאָ, ענטפערט מען: ראובן מאכט טאקי אביסיל קאליע, אין ברירה, וואס זאָל ער טאָן? דערפאר קוק אבער וויא ער נוטצט ערגיץ אנדערש!.... און אויב איך נוטץ אויך, אויב איך האב אויך געבראכט און ברייננ דער וועלט א נוטצען? דאס דאכט זיך, וועט נישט אפלייגענען קיינער. פון אייביגע, אייביגע צייטען איז מען אויף מיר געריטען. איטליכער האט פון מיר, מעהר אדער וויינינער, גענאָסען. וועמען האב איך שוין אויף מיין ריקען נישט איבערגעטראָגען? און וועמענס שאדען בין איך שוין אין מיין לעבען נישט אויסגעשטאנען? איך מיין, אז מיין א-בייט איז ווערטה א סך מעהר פון א הויפען נראז!.... דאס, האסט דוא איינמאל. היינט צווייטענס, פארנעס נישט, אז מיך קוועטשען דיא אומשטענדען, מיך צווינגט דיא נויט. ווען איך וועל מיר אליין נישט זוכען עסען, וועט מען מיר טאקי נישט געבען. איך וועל מוזען לייגען די צייי אויף דער פאלעצע און שטארבען פאר הונגער: אויף דרך ארץ קען איך נישט ווארטען; כל-זמן מען לעבט מוז מען עסען. וואס וויל איך דען מעהר וויא עסען? און וואס, מישטעהנעס געזאגט, איז אין גאנצען מיין שאדען? א הויפען היי, א ביסיל גראז!... יענע שיינע פערד אבער האבען דאך פון כל-טוב,

זיי גיט מען דאך זייער בעדערפניש, זיי האבען דאך דאס רעכט צו פיטערען זיך אַר מעטום פריי אויף דעם גראז פאר וואס געהן זיי אין שאדען? און נאך וואס פאר א שאדען! זיי צוטרעטען תבואות פארוויסטען גאנצע פעלדער און מאכען תל.

— וואס פאר א שייכות, פרעג איך זיא, איז א מאל געווען צווישען דיר און יענע פערד, אדער, וויא דו זאגסט, קונדסים?

— יענע קונדסים, אדער וויא דו זאגסט, פערד, ענטפערט זיא, פלעגען א מאל, א מאל אין דיא אלטע יאהרען שרעקליך זיך אפרעבענען מיט מיר און מיך פייניגען צום טויט. בשעת זייערע א קאמפאניע האט זיך א מאל געלאזט אויף א מלחמה מיט דעם תוגר, האבען זיי מיך געדריגעט, געמזרעטען מיט דיא פיס און מיר ארויסגעקוועטש דעם מארך פון דיא ביינער. זיי האבען דענסטמאל פון מיר געריסען דיא הויט, געטרענט דיא אדערען, מיך געשטעמפעלט, געברענט מיט גליהענדע קוילען פייער. אויף מיין פעל שטעהט אפגעדרוקט מיט אקערליי צייכענס דיא גאנצע גע־שיכטע פון אכזריות, פון ווילדקיים און פון נארעשקייט, וואס האבען געהערשט אין יענע שווערע, ביטערע צייטען. מיין אפגעבארעטע פעל מיט דיא בלויע צייכענס, מיין צוקאראדאשעטער ריקען מיט דיא ביילען — איז דיא געשריבענע געשיכטע פון יענע אלטע דורות. קוק אויף מיין פעל און לייען! ....

נאר־וואס דיא קליאטשע האט געענדיגט דעם שמיעס האט זיא אנגעהויבען שטארק זיך צומינען, אויפגעשטעלט דיא אויערען און זיך צוגעהערט. גלייך וויא זיא האט עפיס געשפירט. באלד טאקי האט זיך איהר געענדערט דאס גאנצע פנים, זיא האט זיך אויפגעשטעלט משונה גישווינד, וויא א שלאנג וואלט זיא א בים געטאן, זיך אויסגעשטרעקט, אויסגעקנאקט דיא ביינער, א שאקעל געגעבען מיט דער טשאפרינע און געקוקט וויא א געבוירענע קליאטשע. פלוצלים איז אויפגע־שטאנען א ווינט, און אט האט פון דערווייטענס זיך פארדרעהט א רעדיל, זיך גע־דרעהט, וויא א זייל, גאנץ הויך אין דער לופטען. ס'איז א קאבעניש, איין אויסמי־שעניש פון אלערליי געשטאלטען, וואס טאנצען, שפרינגען פליהען משוגענערווייס וויא דיא רוחות, אריינהאפענדיג צו זיך אין קאהן אריין אלסדינג, וואס קומט זיי אויפן וועג אקעגען. עס טראגט זיך, דרעהט זיך רעשדיג מיט אימפעט, בעגלייט פון א משוגענער קאפעלע: עס קראקעט, קוואקעט, קוואקעט, קרעכצט, היילט, זזשעט, פילדערט, גרילצט אין דיא אויערען. ביימער אין דעם וואלד ענטפערען אפ צום טאקט, ביינענדיג זיך אין אלע זייטען, רוישען, צימבעלען און פאטשען, פליעסקען מיט דיא צווייגען. דיא לבנה דערשרעקט זיך און לויפט זיך באהאלטען אין א שטיק וואלקען.— עס איז א פנים א חתונה, דאס גוטע פעקיל מחותנים פיהרט עם אפי

טאראראמענדיג א מכשפה׳טע צו דער חופה. אין מיטען דעם געטימעל וואקסט ווי א פון דער ערד אויס עפיס א נפש, חאפט זיך אויף דער קליאטשע ארויף רייטענדיג, טהוט א שמיץ, א פייף—אוועק, אוועק, און ווערט מיט איהר באלד פארשווינדען.

4.

ישראליק פארקריכט קיין בויבעריק.

ווי א ווינטמיהל האט אין מיר די גאנצע וועלט זיך געדרעהט פון דעם אלסדינג, וואס איך האב געזעהען מיט מיינע אויגען און געהערט מיט מיינע אויערען. עפיס איז מיר פירגעקומען אלסדינג פארקערט, אלסדינג קאפויר. אלע בעשעפניש האבען אין מיר זיך אויסגעמישט, זיך פארביטען איינס מיט דעם אנדערען. עס האט מיר זיך געדאכט, אז אלע זענען נישט דאס, פאר וואס זיי גיבען זיך אויס, קיינער איז אינוועגדיג נישט דאס וויא אזוי ער זעהעט אויס פון דרויסען. א פנים די אינ־דיאנער, וואס גלויבען, אז די נשמות פון מענשען געהען איבער אין אלערלייא בעשעפעניש, און די בעלי הקבלה להבדיל, זענען טאקי גערעכט. די גאנצע וועלט איז לויטער גלגולים. א פנים, אז דער טעם, וואס שטעהט ערגיץ אין א סידור, פאר וואס עס איז א מצוה צו עסען פיש שבת, בכדי דערמיט מתקן צו זיין די נשמות, וואס ווערען אין זיי מגולגל איז טאקי זעהר אמת. אויב אזוי בעקומט דאן די וועלט גאר איין אנדער פנים, מען מוז אויף איהר קוקען מיט אנדערע אויגע און בעטראכטען איטליכע זאך גאר אנדערש. אין א מענשען, קען זיין, ליגט בעגר בען א הונט און אין א הונט ליגט בעגראבען א מענש; א פונט פרישע פיש, ק זיין, איז א פונט פריש־צאפעלדיגע נשמות, אין א גוטען קארפ אויף דעם פאלי־מעשיק ליגט א דיקער, א פעטער בעל־טאקסע, געקאכט מיט פעפער און ציבעלס! אויב אזוי וועלען דאך פערענטפערט ווערען א סך קשיות אין דער השגחה, אויך אין די פיהרונגען פון פיל מענשען. עס וועט שוין פארענטפערט ווערען פון וואנען עס האבען זיך גענומען ביי אונז שוטים, נאראנים, צבועקעס, בטלנים קהל׳ס־לייט, חאפערס, בעלי־טאקסעס, נבאים, נאמנים, שתדלנים, בעלי־טובות, שטאדטס־יורשים, פיינע בריות, שיינע מענשען, נאטס־סטראפטשעס, טענצער, טעלערלעקער און קאכלעפעל. מען וועט שוין פארשטעהן ווער זיי זענען, פון וואנען זיי שטאמען, וועמענס טבע זיי האבען און וואס זייער תכלית, זייער כוונה איז אויף דעם עולם, צווישען אונז אומגליקליכע, זינדיגע מענשען....דער קאפ האט מיר פון אזעלכע גע־דאנקען אזוי זיך געדרעהט, אז איך געדיינק נישט, וויא איך בין א היים געקומען, וואס דארט איז מיט מיר פירגעגאנגען און וויא איך האב מיך געלייגט שלאפען. נאר אז איך בין אויפגעשטאנען האב איך געזעהען, לעבין מיר זיצט מיין מאמע. אין דער

זיין אביסיל איז געשטאנען איין אלטע גויע און עפיס א מאנספארשוין מיט א צוקאַשמעטער באָרד און פאות.

— וואָס מאַכסטו ישראליק? האט מיך דיא מאמע געפרעגט מיט פאַר־וויינטע אויגען. פיהלסט־דו זיך איצט בעסער אביסיל?

— וואס הייסט, וואס מאך איך? האב איך פארוואונדערט מיך אנגערופען. איך פיהל מיך אזוי וויא תמיד.

— נעדאנקט און געלויבט איז גאָט! האט דיא מאמע נעזאגט מיט א פרעה־ליך פנים, דו ביסט, מיין קינד, געווען זעהר קראנק. מיר האבען מורא געהאט, אויב דוא ביסט חליכה אויף אייביג נישט אראפ פון דעם זינען.

דיא אלטע גויע האט דערווייל עפיס געשעפטשעט און געגעניצט שטארק הויך אויף א קול. דער מאנספארשוין האט זיך נעבאָברעט אין א ווינקעל, געגלאצט מיט דיא אויגען, געמאכט משונה ווילדע הויות, געטופעט, גלייך וויא ער האט מיט עמיצען זיך געקריגט און מיט א בייזער גערעדט עפיס אזעלכע מיני ווערטער:

„איך בין אייך משביע בשם לוציפעריציאל, בשם פלוטאָניאל, צערבעריאל, פראזערפיניאל, בשם.... בשם.... און בשם.... אז איהר זאָלט קיין שליטה נישט האבען אויף ישראליק בן ציפע. צחייעט זיך, צושפרייעט זיך אין דיא וויסטע פעלדער, אין דיא פוסטע וועלדער. דאָרט שטעהט א שטיין, אויף דעם שטיין נאך א שטיין, דארט שטעהט א בארג, אויף דעם בארג נאך א בארג, אויבען זיצט שמינדריג בן נעץ און פאסעט ווילדע קעמץ. האפט וואו ערניץ נאר א קאטער, האפט וואו ערניץ נאר א פיפערנאטער. האפט פון ער וועלט אלע פלינען, טאראקאנעס, גריקען, פליי, וואנצען, און נעהמט מיט זיי טאנצען, טאנצט אין דיא פוסטע וועלדער, אין דיא וויסטע פעלדער, טאנצט, שפרינגט, קוועלט, און לאזט צורוה דיא וועלט“...

— וואס טהוט זיך דאָ אזוינס? האב איך שטארק פארוואונדערט געפרעגט דיא מאמע, וואס איז אזעלכס געשעהען?

— זאָל שוין מעהר זיך נישט אומקעהרען דאס, וואס איז געשעהען! האט דיא מאמע געענטפערט און אויסגעשפיגען: דאס איז געשעהען מיט עטליכע טעג פריהער. דוא ואסט אונז גוט דיא נשמה ארויסגענומען מיט דיינע שרעקליכע רייד, נישט היינט געדאכט, נישט ביי אונז אין שטוב געדאכט!

„האפט דיא אלע נפשות וואס בייסען, פיאווקעס, וואנצען, שצורעס, פרייסען, לאזען זיי אלע פאר ישראליק בן־ציפע געהען אין קאהן, פארשלעפט זיי אין דער מדבר, צורייבט זיי וויא מאהן!“ האט דער מאנספארשוין א געשריי געטאן און

אָנגעהויבען צובלאָזען, גלייך וויא ער האט דערמיט עפּיצין פאַרטריבען. דערנאָך האט ער זיך געווענדעט צו דער מאמען און געזאָגט:

— ציפּע! איך פאַרע מיך שוין מיט דיא לצים אפשר א יאָהר דרייסיג — יאָ, אזוי ציפּע, איז טאַקי דער חשבון באלד נאך דער ערשטער בהלה, נישט היינט געדאכט, בין איך געוואָרען א בעל־שם, א פאַר יאחר פאַר דער גרויסער שרפה, פונקט אין דער צייט, וואָס רב' טוביה־קלמן רב נדליה־איטעס האט געפונען אין דער שטאָדט איין אוצר, פריהער מיט א יאָהר לערך, אז מען האט : ויסגעריינינט דיזם טייך און דיא מקוה — יאָ, ציפּע, עס וועט שוין טאַקי זיין א יאָהר דרייסיג אויב נישט מעהר. אין דער צייט האָב איך מיט זיי געגוג זיך געפּאָרעט. דיא לייט האָבען פון מיר היינט געחאפּט דעם פּסק, נישקשה! דאָס איז געוועזען זייער ארבייט, זייער מלאכה.

חא־הוך! האָט דיא אלטע נויע אויף א קול א געניץ געטאָן, עפּיס געשפּראָ־כען, אויסגעשפּיגען און ווייטער מיט א געניץ טאַקי אויסגעלאָזען: טראַסצאַ איח מאַטערי!

איך האב דאס אין גאַנצען נישט פאַרשטאַנען און זיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס טהוט־זיך דאָ מיט מיר אזוינס? איך האָב געבעטען דיא מאַמען, זיא זאָל מיר דערצעהלען אלסדינג פונם אָנהויב ביז דעם סוף, לאָמיר וויסען אויף וועלכע וועלט איך בין. דיא מאַמע האָט געווישט דיא אויגען און אָנגעהויבען צו דערצעהלען מיט דיא דאזיגע ווערטער:

— אז דוא ביסט פאַראַכטאָגען, געדיינקסט־דוא, ארויסג׳גאַנגען שפּאַצירען אויף דעם פעלד און נישט צוריק געקומען ביז שפּעט אין דער נאַכט, זענען מיר אַלע געגאַנגען אונטער דער שטאָדט און זיך צולאזט אין אַלע זייטען, דיך אויפצוזוכען דאָרט. מיר האָבען אזוי לאַנג געזוכט, געזוכט, ביז מען האָט דיך געפונען שלאָפענדיג אונטער א בוים, ערגיץ לעבין א קאַנאַל. קומענדיג א היים האָט מען שוין ארויסגעזעהן אין דיר, אז דוא ביסט עפּיס צוטראָגען. עס האָט פון דיר זיך אָפּגעטאָן דער שלאָף און ביסט געווען שטאַרק צוקאָכט. אויף מאָרגען האסט־דו אין מויל נישט גענומען קיין עסען, אַליץ געוועזען צורודערט, פאַרטראַכט און גערעדט צו זיך אַליין עפּיס אזעלכע ווערטער, וואָס איינס צום אַנדערען האָט זיך נישט געקלעבט. מיר אַלע אין שטוב האָבען עס נישט געקענט פאַרשטעהן, וואָס זאָל עס אזוינס בעטייטען? דערנאָך אָבער, נישט היינט געדאַכט, נישט פאַר קיין יודען געדאַכט, האָט עס זיך ארויסגעוויזען. ארויסגעהענדיג אויף דעם הויף איז דיר אקעגען געקומען אונזער הויבער גאַלגאַנסקער האָהן, וואָס האָט ערשט־נאָר זיך געקרינט, געשלאָגען מיט נאָך א האָהן. — וואשע בלאַגאָראָדיע!

זאגסט דוא צו איהם אַח נעהמסט אראָפּ דאָס היטעל, איהר זענט א גוואַרדייעץ,
טראָגט שפּאָרען און שיינע פּעדערען, דיא וועלט האַלט אייך פאַר א גענבירדעטען,
פאַר זעהר א פאַרשטענדינען; נאַר, זייט מיר מוחל, וואס איך וועל אייך זאָגען, אייער
אויפפיהרונג איז חלעבען עפּיס נישט אזוי שיין. זינט איהר וואוינט ביא אונז הערט
מען נישט מעהר וויא איהר שרייעט, פּילדערט און שלאָגט זיך דאָס־מיט דעם, דאָס
מיט יענעם, אַלץ פאַר ווייבער, פאַר נאַרעשע זאַכען, קאָרג ליבעם פיהרט איהר
אלע טאָג, ווילט איהר נאָך ביא דעם אנדערען זיין איינציגע אויף צונעהמען, וואָס א
שטיינער האט איהר נעהאט ערשט צו יענעם שלימזלניק ? פאר וואס זענט איהר
נענאַנגען מיט איהם אויף א דועל און איהם פאַרוואונדעט ? אָט אויף־דארויף האט
איהר שפּאָרען, איינער דעם אנדערען איין אויג זיך ארויסצונעהמען ? און דאס הייסט
נאָך ביא אייך כבוד, האָנאָר ! ביא דעם געמיינעם עולם הייסט עס פּשוט רציחה.
א רחמנות, חלעבין, אויף אייער ווייב. זיא נעביך פּלאָגט זיך, פיהרט זיך דארט ארום
מיט אייערע קינדער. איהר ווילט צו זייא אפילו קיין שמעק נישט טאָן, לויפט גאנצע
טעג נאָך אנדערע און האט אין זינען נאַרעשקייטען. הערר גאנז, הערר אינדיג געפע־
לען מיר, חלעבין, בעסער. דיא וועלט האַלט זיי פאר נאַראָנים, פאַר פּראסטאַקעס,
זייא פיהרען זיך אבער אויף גאנץ ארענטליך. זענין נעטרייע טאַטעס און מפרנס
ווייב און קינדער, וויא נאָט האָט געבאָטען. אין פאַרגלייך מיט זיי, טוינט איהר,
חלעבין, וואשע בלאָגאָראַדיע, טאקי אויף כפּרות !

—אוועקגעהענדינ פון דעם האָהן דערזעהסט־דוא אונזער קוה מיט דעם קעלביל
לעבען צעבער פּאַלאָווע. דוא האסט מיט זייא זיך געוויטעט זעהר שיין. א, מאַראַם
קיה ! זאגסט דוא, וויא נעהט עס ? וואס מאַכט אייער ווערטהער געמאַהל, הערר
ביק ? אייער אנצוג, מאַדאַם, געפעהלט מיר זעהר, ער איז אי שטאַרק אי שיין. דער
עק, וואס שלעפּט זיך אייך הינטען נאָך, איז היינט דיא נייעסטע, דיא לעצטע מאָ־
דע, ער פאַסט זעהר דיא דאמען... גאנץ שיין חלעבין, אייער מאַן האט פון אייך
בעקומען הערנער ! אָ, זעהר א שיינע מתנה, חלעבין. עס מוז איהם שטאַרק הנאה
טאָן.... למאי איז ער תמיד אזוי בעשעפטינט ? מען מוז מיט א ווייב א מאָל ארויס־
געהן שפּאַצירין און אין איינעם מאַכען וויזיטין. וואס דען זאל א דאמע טאָן ?...
איהר האַלט א פּנים מיט יענע, מאַראַם קיה, אז נקבות זענין נישט בעשאַפען גע־
וואָרען צו ערנסטע ארבייט וויא דיא מענער. וואס פאַר א פּנים האט עס א שטיי־
נער, אז א שיקסע טרייבט אָן ? יאָ, האט איהר שוין בעקאנטשאַפט געמאַכט מיט
אונזער חאָלענדערקע ? אָך, זעהר א שיינע, א דיקע דאמע ! אויסלאנד איז טאקי
נאָר עפּיס אנדערש ! הער ביק איז, דאַכט זיך, מיט איהר א נאָהנטער שמעלקען—

נעניסען זיא אביסעל קאנפעטור, האסט-דוא איהר נעוויזען אויף דעם צעבער, נעני־סען זיא מאדאם און ניט אויך אייער פריילין! שעהמט זיך נישט, פריילין קעלביל. ועהר גלייך, מאדאם קיה, וואס איהר האלט אייער פריילין תמיד לעבען אייך. וואס קומט ארויס פון דיא דאזיגע, וואס מען ניט אפּ ערניץ אויף דער האדיוולע? א נע־נארטע זאך, חלעבין! רעדט מען שוין בעסער אייער פריילין שידוכים! שעהמט זיך נישט פריילין, נישקשה, דאס איז א בעקאנטע זאך. קעלבעלי איז א גוטע, א כשרה וויא דיא מאמע. איך זאג: אייך חלילה נישט קיין קאמפּלימענט, טאקי נאר דעם ריינעם אמת...

גראד רענסטמאל, בעדארף זיך מאכען, קומט צו אונז מיט א וויזיט הער צעמ־פעל מיט דער פרויא און מיט דיא טעכטער. חאפּסט דוא, נישט היינט נעדאכט, דעם צעבער, טראגסט איהם נעשווינד אין זאל אריין, שטעלסט איהם אנידער פאר דיא געסט און מאכסט צו זייא אויף קיהע: צועסען פּאלאווע. שוין צייט חלעבין, זאנסט דוא, דיא קיה אויסצומעלקען און זיי צו פארטרייבען. ביז וואנען איז דער שיעור אזוי זיך ארומצושלעפּען? בייא אונז אין דעם בעל-הבתישקייט נעהט עס עפּיס צו גאר אהן א טאלק!... דוא קענסט דאך דיר משער זיין, וויא מיר זענין געבליבען אלע נעפּלעווט און וויא איטליכען איז געווען אויף דעם הארצען. איך האב דיר נע־שווינד ארויסגעפּטערט און אליין בין איך, פון יוצא וועגען, געבליבען זיטצען לעבין דיא געסט, וויא אויף שפּילקעס. פּלוצלים הער איך א געשרייא, איך לויף ארויס און זעה — איז מיר פינסטער געווארען אין דיא אויגען! אין שטוב שטעהט רב איציק וואלף, אונזער פיינע בריה, א קאטאוועס א נבאי, וואס אלסדינג אין דער שטאדט איז אין זיינע הענד און מען גלויבט איהם אויף נאמנות! דוא שטעהסט א קעגען איהם און שרייעסט, נישט היינט געדאכט, מיט אזעלכע ווערטער: מישטעהנעס גע־זאגט וויא אונזער קהל פיהרט אין גאנצען! אבי מען בעקומט שוין דעם באק, דעם קהלשען צאפּ, לאזט מען איהם אפּ און קיינער קוקט זיך אויף איהם מעהר נישט ארום. וואס טהוט אבער אזא צאפּ? ער נעהט מייסטענס אין קלויז, דארט איז זיין מקום מנוחה, ער לעקט, זייט מיר מוחל, דיא ווענט, באברעט זיך אין שמות, שפּרינגט אויך אין גערטנער מיט דער נאנצער חברה ציגען, חאפּט זיך שטילערהייט אריין צו איטליכען אין שטוב; קוים קעהרט מען אוועק דיא אויגען, שטעקט ער אריין דיא מארדע אין א מולטער, אין א קעסטעל, אדער אין א פּושקע און מאכט אן שאדען. נעהם-זשע קהל אן דיין צאפּ פאר דעם בערדיל און מאך אזוי, אז ער זאל מעהר נישט שפּרינגען אין דיא גערטנער, מעהר נישט חאפּען פון מולטער, ניין! דאס טהוט נישט קיינער, איטליכער האט מורא צו איהם אפילו זיך צוצוריהרען. מאכט זיך א

מאָל שטעהען איין עדה יודען און שמיעסין פון תוך־זאכען, דערזעהען זייא פון דער ווייטענס אָט דעם קהלשען צאפּ, הויבט דיא הויט אויף זיי און צו ציטערען און צר לויפען זיך אין אלע זייטען. אנדערע ווייסען נישט פון אזעלכע צאפּעס וואס צוואָגען, זיי קען זיך דאַכטען, דאָס איז נאר א פּזמון, בייא אונז יודען אבער, איז א קהלשער־צאפּ א גאַנץ געוועהנטליכע זאך.

—ציפּע! מאכט דער בעל־שם, נישט ער חלעבען, נישט ער האָט עס גערעדט. דאס זענען זייערע ווערטער, דאס וואקסט פון זייא. פון דיא לצים וואקסט עס.

—פּראַוודא, האט זיך ארייגעמישט דיא אַלטע גויע, וואס האט פארשטאַנען, אביסיל יודיש, עטאָ איחניע דילע, טראַסצאַ איח מאַטערי!

אלע האבען דרייא מאל אויסגעשפּיגען, דיא מאמע האָט געווישט דיא אויגען און ווייטער דערצעהלט:

—דוא האָסט יענעם מאָג, נישט היינט געדאַכט, אָנגעטאָן מעשים. איך קען נאָר אזוי פיל נישט ארויסזאָגען, וואס דוא האסט דענסטמאָל איבערגערעדט. א סך שיינע, כשרע מענשען האסט־דוא נעמאכט צו בהמות, צו חיות רעות. קיינער האט פון דיר זיך נישט געגארט. עפּיס איז דיר נישט אראָפּ פון דעם צונג א שקאַפּע, אלץ גערעדט: מען צופּט זיא, דיא שקאַפּע; מען רייסט זיא, דיא שקאפּע. דיינע רייד, רבונו של עולם, לאָזען נאר אוועקגעהען מיט דעם רויך, מיט דעם ווינט, אויף וויסטע פעלדער, אויף פּוסטע וועלדער! אין שטאָדט האט דערוויל געקלונגען, אז דיר האט זיך איבערגעקעהרט דער מוח, דוא ביסט משוגע, וועה איז מיר. איך האָב באלד געשיקט נאך דער זנאחערקע און, להבדיל, נאך דעם בעל־שם. מיר האבען דיך ארייג־געליינט אין בעט. דיר געטאָן אלע מיטעל, ביז גאָט האָט געהאָלפען דוא ביסט אנ־שלאפען געווארען, און היינט, געלויבט אין געדאנקט גאָט, האסט דוא זיך אויפגע־חאפּט געזונט.

אין מיטען דרינען איז אריינגעקומען ברײנדיל דיא זאגערין, וואס דיא מאמע האט זיא געשיקט אויף דעם היילינען ארט רייסען קברים און מעסטען פעלד. זיא האט אריינגעהענדינ דרייא מאל געקושט דיא מזוזה און צונעלאָפען צו דער מאמען פארוויינט פארחליפּעט מיט אזעלכע ווערטער:

—איך האָב געבעטען דיא באָבע יענטען, דיא מוהמע זעלדען, זאָלען א ליכטיגען גן־עדן האבען, זייא זענען געווען כשרע יודענעס, דעם טאטען, דעם זיידען רב שעפּסלן און דיא גאַנצע משפּחה. איך האָב אויך געבעטען דיא אלטע רביצין, דיא צדקניות, איהר זכות זאל אונז ביישטעהן, זיי זאָלען זיך מיהען, דער וואס לעבט אייביג וועט דערהערען זייער תפלה, ער איז דאָך א טאטע, רחום, צדיק. ישראֵליק וועט איה״ש

זיין געזונט.—מען האט איהם בעד רפט פריווען אויסקויקלען נאך א מאל מיט אייער און אויסניטעז פון וואקס. דאס איז איהם געקומען פון א דערשרעקעניש, פאר א יאָה־רען האט עס זיך געמאכט אזוי דאס איינענע טאקי מיט דעם בראדער מלמד'ס זוהן. פרוינע האָט איהם באַלד גוט אויסגעקויקעלט מיט אייער און וויא מיט דער האנד צוגענומען. וואָס מאכט ער איצט, ציפע?

—נישקשה! זאגט דער בעל־שם, איך האָב זיי פארטריבען. דאָס איז געווען זייער ארבייט, בריינדיל, זייער מלאָכה. איהר מענט פרעגען דיא ערלטע, זיא איז מבין כל דבור. מיר האָבען שוין עפּיס אויך איבערגעהאט עסקים אין אונזער לעבען.

—פראוודא, בריינדליא, האָט דיא אלטע נויע געזאגט און צונעשאקעלט מיט דעם קאפּ, שטשאָ פראוודא טאָ פראוודא, עטא איחניע דילע. טראסצא איח מאטעריו

— איך וויים אָסור נישט, האָט דיא מאמע צו מיר זיך אָנגערופען, פון וואַנען קומט צו דיר אזעלכע זאכען, אזעלכע ווילדע געדאנקען און אזעלכע פוסטע רייד? נישט אנדערש טאקי, קלעהר איך, אז דאָס קומט פון דיינע ביכליך, וואס דוא האסט זיך פארטיפט אין זיי. נישט איינמאל האב איך דיר געזאָגט: ישראליק, א שיינע ריינע כפרה דער נאנצער עקזאמענט און פארשלאג דיר נישט דעם קאפּ מיט אזעל־כע נארע'שע ביכליך, מיט אזעלכע משונענע מעשיות! א קאטאוועס א לאנגע צייט בסדר האסט־דו הויך אויף א קול איינגעחאזערט מעשיות, עפּיס פון א סאלאוויי א ראזבאָיניק, פון א בעריהמטען ריצער, וואס פלעגט אויסטרינקען א ירדן בראנפּין און אויסרייסען נרויסע דעמבענעביימער אזוי גרינג וויא א האָר; מעשיות פון א מכשף קאשציי און עפּיס פון א באבע יאַנאַ וואָס האבען נעקעהרט דיא וועלט און וואָס זייערע פערד האבען גערעדט וויא מענישען; מעשיות פון א שטיפמאמע, וואָס האָט איהר שטיפזוהן פארשטעלט אין א צאפּ און נאך אזעלכע מעשיות, וואס נישט געשטוי־נען, נישט געפלויגען. וואס דען? גוטס קען ארויסקומען פון אזעלכע פוסטע זאכען!

— סטייטש, מאמע לעב! האב איך געזאָגט, אין אונזרע ספרים שטעהען דען נישט אזעלכע מעשיות? וויינינ האסט־דוא מיר אליין דערצעהלט און וויינינ האב איך מיך פון אנדערע אנגעהערט דערצעהלענדינ אויך אזעלכע מעשיות און נאך מעשיות פון וואָווקאָלאקעס און פון גלגולים? וויפיל נעבראטענע היהנער האבען יודען ביי אונז שוין געהערט קרעהען פאר זיך אויף דעם פאלימישיק? — וויפיל קעלבליך, וויפיל קיה, וויפיל אָקסען, ביקעס, פערד און אייזלען האבען פון דער העלער הויט זיך צו וויינט און נעבעטען תיקון; וויפיל אזעלכע האבען שוין די בעלי שמות מתקן געווע, און זיי געבראכט צו קבר ישראל? — מי מנה עפר יעקב!

— וואס איז דאס פאר א ווערטער ? האט דיא מאמע מיט שרעק זיך אנגע־רופען און געמיינט, איך רעד ווידער פון דעם וועג. הא, וואס הייסט עס אזוינס „מנה“ ?

— נישקשה, ציפע ! האט ברײנדיל זיך אונטערגעחאפט מיט א שמייכעלע פאר תענוג, וואס זיא קען אצינד ארויסווייזען, אז זיא איז א וואוילקענעוודיגע. דאס טייטש: מנה, ווער כען איבערצעהלען עפר, דיא ערד, דאס הייסט, דיא קברים, יעקב, וואס מען האט אנגעמאכט ביי יעקב, דאס מיינט מען דיא יודען, וואס הייסען יעקב.

— וואס ער זאגט מכח גלגולים, האט דער בעל־שם זיך ארייגגעמישט אין שמיעס, שווער איך ביי בארד און פאות, אז מיר אליין האט זיך שיין געטראפען אין מיין לעבען א סך גלגולים ארויסצוטרייבען. איך האב זיי אליין געהערט שרייענדיג, איך זאל אזוי הערען שופר של משיח !

— סטייטש גלגול, סטייטש גלגול ! האט ברײנדיל געזאגט מיט א פארפרומט פעניםעל. דאס שטעהט געשריבען אין ספרים. דאס איז זעהר געוועהנטליך. וואס בעדארפט איהר מעהר פון דעם קאבצאנסקען גלגול ? דיא גאנצע וועלט האט מיט איהם געקלונגען. שא, ברוך מזכיר נשכחות ! ביי אונז האט דען זיך נישט געטרא־פען א מעשה מיט א שווארצען קאטער ? דאס איז געווען א דריי יאהר נאך מיין חתונה מיט דעם צווייטען מאן עליו השלום, פונקט אין דער צייט, ווען איך בין פארגאנגען אין טראגען מיט מיין חאצקעלען, זאל געזונט זיין. איך געדיינק אפילו, מען האט דענסטמאל געלאזט אויסרופען אין דיא אלע שולען, אז מעוברת׳ע זאלען נישט געהן קוקען....

— דוא הערסט מאמע לעב ? האב איך צו איהר זיך אנגערופען, דוא הערסט וואס דער בעל־שם און ברײנדיל זאגע ?

— עט, חלעבין, ישראליק ! ענטפערט זיא עפיס אחן לשון. אונזערע להבדיל זעניז עפיס אנדערש. עט, וואוהין דוא פארקריכסטו עט, עט, וויא קען מען אזעלכס פארגלייכען ? דאס איז אין דער טומאה און דאס איז אין דער קדושה להבדיל.

— אמת, וויא איך טראג באָרד און פאות ! האט דער בעל־שם צוגעבאס־ועט דער מאמען. א גוטער תירוץ חלעבין. ציפע ! אזוי איז טאקי דער אמת, בנאמנות !

— נוא א שטשא וויא קאזשעטע ? האב איך גלאט א זאג געטאן צו דער אלטער גויע, אז איך האב ארויסגעזעהען, דא וועט שוין קיין טענות נישט העלפען און מען וועט נאך נאר זאגען, איך בין משוגע.

— ווין מאיע פראווא, האט זיא געענטפערט און געשאקעלט מיט דעם קאפ. עטא איחניע דיעלא, טראסצא איח מאטערי!

5.

ער האט זיא ווידער דערטאפט.

עס איז אוועקגעגאנגען א היבשע צייט און דיא אלע זאכען, וואס האבען מיט מיר זיך געטראפען האבען ביסליכווייס אנגעהויבען צו פארגעסען ווערען. יענע מיני פארשוינען, וואס דאס גאנצע געשעפט זייערס איז אלץ אנדערע אויף דעם קאפ צוטראגען און זיך אפצוגעבען מיט פרעמדע עסקים — זיי האט גאט שוין צוגעשיקט פון וואס עפיס אנדערש צו ריידען און האבען אנשטאט מיר טויזענד אנדערע מענשען געהאט אין דעם מויל. אונזער שטאדט, אהן עין-הרע, איז גרויס, אלע טאג שפרינגט ארויס עפיס נייעס, ס'איז דא ברוך-השם פון וועמען צו ריידען, מיט וואס זיך צובעשעפטיגען. אבי געזונט, מיט פרעמדע געשעפטען האט מען שוין נישט צו זארגען. עס וואלט גענוג געווען, דאכט זיך מיר, פאר א גאנצער וועלט ליידיגגעהער!....

איך האב דערווייל טאקי געטאן מיין זאך, מיך ווייטער גענומען געשמאק צום לעהרנען. האב געארבייט, געקלעפעט, געלעהרענט ביז עס איז שוין געקומען דיא צייט אפצוגעבען עקזאמען.

אין איין שיינעם פרימארגען, וועסנע-צייט, איז פארפאהרען צו אונזער הויז א בריד, וואס אין איהר האב איך בעדארפט פאהרען קיין דניעפראוויץ, אפצוארבייטען דארט מיין עקזאמען. דיא מאמע איז געווען זעהר אומעטיג, דיא אויגען האבען איהר נישט געטריקענט פון טרעהרען, אלץ געוויינט און אויף מיר געקוקט און ווייטער געוויינט.

— ווין נישט מאמע! האב איך זיא געבעטען און אליין טאקי זיך אויף צר-וויינט. עס איז מיר עפיס שרעקליך שווער געווען אויף דעם הארצען. ווין חלעבין נישט, מאמעניו! איך פאהר דאך נישט אוועק גאט ווייסט וואוהין און אויף וויאס. איך מוז שוין דאך איבערקומען דעם טאנץ, האב אזוי פיל געארבייט, אזוי פיל גע-הארעוועט, גאט וועט העלפען, איך וועל דערגרייכען מיין וואונטש, איך וועל קענען פארדינען מיין ברויט בכבוד און זיין לייטען גלייך, דענסטמאל, מאמעניו, וועסט-דוא פון מיר נחת האבען. ווין חלעבין נישט, ווין נישט, מאמעניו!

— אך, ישראליק! האט זיא געענטפערט, עס איז דיר גרינג: אזוי צוזאגען. א מאמעס הארץ אז עס וויינט, קען מען עס אזוי גרינג נישט איינגעהמען וויא א קינד. עס וויינט נישט אומזיסט. עפיס שפירט עס, עפיס שמעקט עס אזעלכס אן, וואס

קיינער קען עס מיט דעם שׂכל נישט פֿארשטעהן. איך בעט דיך, ישׂראליק, טאָמיר וואָלט פֿאָרט אַ סברה געוועזן דוא זאָלסט נישט פֿאחרען! צו וואָס זאָלסט־דוא זיך אין דיא יאָהרען אַזוי נעביך פּלאָגען? ווער ווייסט, אויב נאָך אַלע מיה וועט דיר שוין גוט זיין? אויב דיין פּלאָגען־זיך וועט דיר עפּיס העלפֿען? וויפֿיל געבילדעטע מענשען געהען, בּיי אונז יודען, אָהן שטיוועל נעבּיך! וויפֿיל געלעהרענטע מענשען ווערען פֿארפֿאַלען און קומען אָפּ זייער גאַנץ לעבען! ישׂראליק, איך בעט דיך, בלייב אין דער היים! מען רעדט דיר אָצינד אַ גוטען שידוך. דערפֿרעה אַ מאַמע חלבין און האָב חתונה.

דער בעל־עגלה, איז אַריינגעקומען אין שטוב, פֿארנומען אַלע מיינע זאַכען און האָט דערמיט איין עק געמאַכט פֿון מיין שמיעס מיט דער מאַמען. מיר האָבען בּיי־דע וויינענדיג זיך געקושט און געזעגענט. איך האָב מיך אַריינגעשטופּט אינוועגדיג אין דער בויד און אַוועקגעפֿאָהרען.

לאַכט אייך, איהר הייַנטיגע אויפֿגעקלעהרטע, לאַכט אייך פֿון וואָס איהר ווילט, נאָר לאַכט נישט, איך בעט אייך, דערפֿון, אַז אַ מאַמעס האַרץ וויינט נישט אומזיסט! כל־זמן איהר שווייגט און קענט מיר נישט ענטפֿערען, וואָס איז אַזוינס לעבען, וויא אַזוי עס ווערען בּיי אונז אינווענדיג אין דיא געהירען צוגעבּרייט און געמאַכט אַלע אונזערע געדאַנקען און געפֿיהלען, וויא אַזוי עס שפּינט זיך, עס וועבט זיך אין אונז אויס וואונדערליכע חלומות פֿון אַזאַ שטאָף, פֿון אַזאַ פֿאָדים, וואָס לעת־עתה איז ער נאָך אַפילו אויף דער וועלט נישטאָ און וועט ערשט אויסוואַקסען שפּעטער? — כל־זמן איהר שווייגט און הייבּט עס נישט אָן צו פֿארשטעהען, וועל איך אייך, נישקשה, נישט לאָזען לאַכען דערפֿון, אַז אַ מענשענס האַרץ פֿיהלט און טרעפֿט! איהר טאָהרט נישט, איהר האָט נישט דאָס רעכט צו לאַכען אויב איך זאָג, אַז מיין מאַמעס האַרץ האָט געוויינט נישט אומזיסט! — דער עקזאַמען איז מיר נישט געראָטען!

עס שאַדט אָבער נישט צו וויסען וויא אַזוי און וואָס מיר האָט נישט געראָטען. דעם טאָג, וואָס איך האָב מיך בעדאַרפֿט עקזאַמעניִרען, בּין איך דוקא געוועזן בעהאַרצט און האָב נאָך, פֿון קוראַזש וועגען, אויך אויסגעטרונקען אַ גלעזיל בּראַנפֿין, הגם איך טרינק קיינמאָל נישט. נישקשה, האָב איך געטראַכט, גאָט וועט העלפֿען! וואָס האָב איך מיך אַזוי צושרעקען? איך האָב דאָך צו טהאָן מיט געלעהרענטע, איידעלע מענשען, מסתמא וועלען זיי זיך בעגעהען מיט מיר דעליקאַט, פֿיין, אַזוי וויא געלעהרענטע בעדאַרפֿען צו טאָן, און דערמיט זאָלען זיי מיר אונטערגעבען שטאַרקייט. נאָר, אוי ווע! קומענדיג צום עקזאַמען האָב איך באַלד דערפֿנלאָזט דיא נאָז. דיא לעהרער זענען געזעסען אָנגעטאָן אין מונדירן מיט מעשענע קנעפּ און געקוקט

אויף מיר אַזוי שטרענג, אַזוי בייז, גלייך ווי איך האָב גענגנבעט אָדער געקוילעט א מענשען, זיי האָבען געקוקט אַזוי ווי אין יענע צייטען א סטאַנאָוואָי, וואָס דאָס ערשטע ברוך־הבא איז ביי איהם געווען: „איסקודעווא? יא טעבי!.... פּאַספּאָרט מאַיעש?"..... צו וואָס, דאַכט זיך, זאָלען לעהרער, וואָס זייער עסק איז צו מאַכען פון אונז, פון אונזערע קינדער מענשען מיט שכל און מיט געפיהל, וואָס זייער עסק פאָדערט, זיי זאָלען זיין גוט, פּראָסט און צו איטליכען צוגעלאָזט, בכדי עס זאָלען פאַר זיי זיך עפענען די הערצער, אין וועלכען זיי בעדאַרפען זייען און פלאַנצען מדות טובות — צו וואָס, דאַכט זיך, זאָלען זיי טראָגען מעשענע קנעפּ און קוקען שטרענג ווי קוואַרטאַלנעס? וואָס איהר ווילט זאָגט אייך, עפּיס קען מען זיך נישט פיר־שטעלען סאָקראַטוס, פּלאַטאָן, אַריסטאָטעלעס וכדומה אין אַזעלכע קנעפּליך מיט אַזעלכע זויערע מינעס און פינצטערע צורות.... עס פאַרשטעהט זיך, אַז פון זייער ברוך־הבא, האָב איך באַלד פאַרלאָהרען דעם קוראַזש און האָב שוין נישט געוואוסט וואָס מיט מיר טהוט זיך. אויב דאָס טאַקי מיינט דער פּסוק, האָבען די לעהרער דערלאַנגט זייער וואונש וואָס דערלאַנגען הייסט. מיין קאָפּ איז שוין געווען פאַר־שלאָגען... באַלד דאַרויף האָט זיך געווענדעט צו מיר עפּיס א לעהרער מיט אַזאַ מינע, ווי איינער רעדט: אויך מיר א מענש! איך בין עס דער גרויסער קאָפּ, דער אָפענער מוח. איך פרעג! פאַרשטעהסט־דוא? איך פרעג. דרך־ארץ, אַזאַשס! מיט אַזאַ מינע האָט ער צו מיר זיך געווענדעט און מיך מכבד געווען מיט א פּסוק פון דאַנען, פון דאַרטען, ביז מען איז אַרויף אויף א מעשה, אַקוראַט אויף דער באַבע יאַגאַ! איך האָב מיך פאַרדרעהט, פאַרפּלאָנטערט, פאַרקראָכען קיין בויבעריק. די לעהרער האָבען מיר אנגעטאָן כבוד, מיר געשענקט א גלעכטעריל, שוין מיט א פרעהליכער מינע און דערמיט איז געוואָרען איין עק פון מיין עקזאַמען, איין עק פון מיין גאַנצער מיה, איין עק א סוף פון אַלע מיינע האָפנונגען!

פאַר צרות האָב איך נישט געקענט איינזיצען אויף דער סטאַנציע און האָב מיך אַרום געבלאָנקעט אין דער שטאָדט, אויסגעמאָסטען אַלע גאַסען און די הויכע שיינע בערג. איך פלעג קומען אויף דער קוואַרטיר נאָר וואָס ס'איז אָפּצועסען און שלאָפען. עס רעדט זיך נאָר אַזוי שלאָפען! דער שלאָף האָט פון מיר זיך אין גאַנצען אָפּגעטאָן; און איך פלעג צובריינגען שרעקליכע נעכט, וואַרפענדיג זיך אויף מיין געלע־גער פון איין זייט אויף דער אַנדערער. קוים האָב איך צוגעמאַכט איין אויג זעגין פאַר מיר, ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסען עפּיס ווילדע געשטאַלטען, געקוקט אויף מיר ביי מיט זויערע מינעס — און עס האָט זיך אנגעהויבען א שפּיל, די גוטע שפּיל. ס'איז געגאַנגען א קאָמעדיע, אין וועלכער איך פלעג זיין דאָס כפּרה־היהנדעל,

קוקען ווי א חאָהן אין „בני־אדם" וואס פאר מיר, נישט צו־ווימען פון „בני־אדם" דיא טייטש, וואס „בני־אדם" הייסט אזוינס — און פיהלען, עפּיס דרעה איך מיך, דרעה מיך אין דער קופּטען, געבונדען אויף אלע פיער, ווי מען שלאָגט מיט מיר כפּרות. איינמאָל האָב איך, בשעת אזא שפּיל, א קרעה געטאָן, עפּיס נישט מיט מיין קול און האָב פון מיין קרעה זיך אליין טאקי דערשראָקען, אזוי אז איך בין נישט טויט נישט לעבעדיג אראָפּגעשפּרונגען האסטיג פון מיין געלעגער און ארויסגעלאָפען צוקאָכט אין דרויסען. עס האט מיר זיך געדאכט, מען רופט מיר נאך אין איין קול: וואו איז ער ערגיץ?.... חאַפּט איהם!... קויפענדיג אזוי הענדום־פּענדום, אין איין אָטהעם, שלאָג איך מיך אן פלוצלים אין עמיצען עפּיס און דערפיהל, ווי א קאלטע האנד האלט מיך אייזען פעסט. אקעגען מיר, גיב איך א בליק, שטעהט איין אַלטע באָבע, א דאַרע, אָהן א קויט פלייש, נאָר הויט און ביין. אויף דעם ארט פון דיא אויגען זענען צוויי טיפע לעכער, בעברעהמט מיט א שמוטציג־געקנייטשטע הויט ווי יערכע, פון א מיתה־משונה קאַליר, דאָס מויל אָפען ביז צו דיא אויערען, אהן איין צאהן, ליידיג, וויסט, נאר וואס דאס ציגנעל אינווענדיג ווארפט זיך, קרימט זיך צאַפּלענדיג ווי א וואָרעם אין זיין גריבעל. אויף ארם הייגנט איהר א קויש מיט גרויסע לעבעדיגע ראקעס, וואס קריכען אומגעלומפּערט איינע דיא אנדערע אויף דיא קעפּ, מאכענדיג מיט דיא הערנער, ווי דיא צוואנגען. זיא קוקט מיך אן שווייגענדיג, דאס מויל ציהט זיך איהר אוים נאָך ברייטער. דאכט זיך עס לאכט. מישטעהנעם נעזאָגט א לאכען, פון וועלכען עס לייגט זיך אויף דער נשמה א פינסטערער סאָטען מרה־שחורה און עס ווערט פארקיהלט אינוועניג אין בויך... עס קומט מיר אויפן געדאנק דיא באבע יאגא, דאס אומגליק מיינס שוין עטליכע יאהר, וואס שטעהט מיר אין וועג און לאזט מיך נישט אויפקומען. א קאלטער שוויס טרעט מיר אויפן לייב ארויס און עס ווערט מיר איבעל נאָר צום חלישען. איך טהו מיר אן א כח, גיב מיך א ריס פונם ארט און לאז מיך לויפען ווי א דולער.

שפּאַצירענדיג אויף דער גאס דערזעה איך פון דערווייטענס ווי פּאָליצייסקע שלעפּען עפּיס א פערדיל און שלאָגען עס טויט שלעג וואו נאָר זיי טרעפען. לויט מיין שולדיגקייט, ווי איינער פון דער חברה „צער בעלי החיים" בעדארף טאָן, האָב איך מיך באלד געלאָזט געהען צו דיא סאָלדאטען, בעטען רחמים פאר דעם פערדיל נעביך. אז איך בין צוגעקומען נעהענטער און א קוק געטאָן האָט מיך בעשלאָגען א קאלטער שוויס, עס איז אין מיר געשטאָרבען געוואָרען איטליכס אבר. איך האָב זיא דערקענט. דאָס איז זיא, זיא מיט דיא ביינער — מיין אלטע, מיין דארע, מיין בידנע שקאפּע!

—פאר וואס, האב איך דיא פאליצייסקע געפרעגט, פאר וואס שלאגט איהר אזוי דיא אומגליקליכע קליאטשע נעביך ?

—פאר וואס מיר שלאגען דיא פארשיווע קליאטשע? האבען געענטפערט דיא פאליצייסקע, אנקוקענדיג מיך פון קאפ ביז דיא פיס. מיר פיהרען זיא אין פאליציע.

—פאר וואס קומט נאך שלאגען ?

—אהן א קלאפ האט דאס פיהרען עפיס קיין פנים נישט אזוי וויא א חתונה אהן כלי זמר. מיט שלאגען נעהט עס צו לעבעדיגער, פרעהליכער !

—עס איז דאך אבער א צער בעלי החיים, עס איז דאך נעביך א רחמנות !

—א רחמנות! מאכען זיי מיט א געלעכטער. חא, חא, חא, אויך אזא פארשיווער קליאטשע א רחמנית !

—עס טהוט איהר דען נישט וועה ? זיא איז דען נישט קיין לעבעדיגע בעשעפניש? פאר וואס פיהרט איהר זיא אין פאליציע ?

—זיא טאר דא נישט ארומגעהען. זיא קען אנמאכען, פאראומרייניגען דיא שטאדט, וואס מען האלט זיא אזוי ריין. עס איז אזא זאקאן !

—למאי געהען אנדערע פערד דא ארום אין דיא גאסען? רמאי יענע בהמות? אט נישט ווייט פון אייך, קוקט נאר, לאגערען א פעקיל ציגאינער מיט פערד און וועגעליך גאנץ פריי ! ווייטער אביסיל וועט איהר בעגעגנען דעסולייכען שכור׳ע טשומאקעס וכדומה !

—דיא זענין עפיס אנדערש. עס איז נישט אונזער עסק אריינצולאזען זיך אין חקירות. איבריגענס, וואס האט עס צו דיר ? עס איז דען דיין קליאטשע ?

איך האב געוואלט באלד ענטפערען : יא, זיא איז מיינע. דיא קליאטשע איז מיינע ! גראד אבער האב איך אויף איהר א קוק געטאן און עס האט מיך מיאוס פארדראסען, וויא אזוי זיא שטעהט זיך רוהיג אהן א פיטצעל געפיהל, גלייך וויא דער גאנצער שמיעס געהט זיא נישט אן ; גלייך וויא נישט זיא מיינט מען, דיא וואנט מיינט מען; גלייך וויא זיא טראכט זיך ; נור מילא אז מען בעליידיגט מיך, אז יענע מאכען חוזיק וואס-זשע ארט עס מיך? אדער גלייך וויא זיא טראכט גאר נישט, טאקי פשוט גאר נישט. עס ליגט איהר נישט מעהר אין זינען, וואו דערטאפט מען ערגיץ עפיס, אנצושטאפען דיא קישקע. פאר פארדראס האב איך שוין געוואלט זאגען : ניין, זיא איז נישט מיינע, מיר געהערען זיך כלל נישט אן ! האב געוואלט א שפיי טאן און אוועקגעהען... נאר באלד אבער האט זיא מיך אנגעחאפט ביים הארצען, אזוי אז מיט פייער האב איך א זאג געטאן : מסתמא איז זיא מיינע !... וואס טויג דא א סך צו בריען פון מיין גאנצען שמיעס דערנאך מיט דיא פאליצייסקע,

קורץ, איך האָב מיך מיט זיי אויסגערעדונגען, בעצאהלט, אפגעגעבען זייערס און אויס־
געלייזט דיא קליאַטשע פון זייערע הענד, נאָר באופן, איך זאָל זיא ארויספיהרען פון
דער שטאָדט. אויב אבער זיא וועט זיך פּאַפּאדען נאך אַ מאל פאר זייערע אויגען
מעג איך מיך ריכטען, אז דענסטמאָל וועט מיך שוין קאָסטען... טהייערער.

איך האָב געהאַלטען ווארט און נישט לאנג געטראַכט לאז איך מיך מיט דער
שקאַפּע אין וועג אריין.

שטעלט איך פאַר מיין לאגע! אויף דעם וועג, ערטערווייס גריבערדיג מיט שטיי־
נער און מיט דערנער, נעה איך, שלימזל, צופוס מיט אַ קליאַטשע! איך פלאָג מיך,
ארבייט איבער דיא קרעפטען, נעה פאַראויס און זיא קוים וואס זיא שלעפּט זיך,
קוים וואס זיא הייבט אַ פוס. דאָס איז נאך גוט, צווייטען ספּאָטיקעט זיא זיך,
שטעלט זיך אנידער, האָטש האק זיא און בראך נישט פון דעם ארט! אדער זיא
נעהמט זיך גאר אראפּ פון דעם וועג און וויל פארקריכען ערגיץ אין אַ בלאטע. וואס
טהוט מען מיט איהר? וואס פאר איין עצה גיט מען זיך דאָ? איך נעהם זיא אן
ביי דער טשאָפּרינע און שלעפּ זיא מיט געוואלד. איך ווער אבער מיד זיא שלעפּ־
פענדיג און נעה אפּ מיט שווייס עס רייסט מיר אויף דאס הארץ זיא צושלעפּען, אַ
רחמנות, עס מוז איהר וועה טאָן! שלעכט, זעהר אַ שלעכטער עסק! איך שטעל
מיך אנידער מיט פארלייגטע הענט, שטארק אנגעברונזט אויף איהר און בטל
חלומות:

—פע, חלעבין! זאג איך אנגעדרודעלט, עפּיס וויא גלאט אזוי אין דער וועלט
אריין. איך האב מיך נישט געריכט, חלעבין, זיא זאל מיר אנטאן אזוי פיל צרות,
אזוי פיל לייד פאר מיין פריינדשאפט, פאר מיין גוטסקייט! איך קריג מיך דא פאר
איהר אזוי, האמפּער מיך און נעהם מיך פאר איהר אן; איך פארוואָרף פאר איהר
א גוט ווארט, בעט זיא וויא עס איז אפּ, מען זאל זיא אזוי מיאוס נישט בעהאנדלען;
איך נעה צוליב איהר צופוס וויא א בעטלער, כבוד שוין אן א זייט, לייג אנידער
מיין געזונט און פּייניג מיך דאָ אזוי, וואס איז? בכדי זיא זאל זיך צושלאגען צו עפּיס
בעסערס, אויסצורוהען, צואטהמען פריי — און זיא מאכט מיר א פארפּוילטע לע־
בער, טהוט מיר אין דער גאל אריין, וויא דער ערגסטער שונא! אדרבה, איך פרעג,
איז דאס רעכט, איז דאס שיין? — פע, חלעבין! איך מאך ביי מיר גאנצע פּלענער
און טראכט זעהר פיל וועגען איהר, אלץ וועגען איהר, וועגען איהר — און זיא צו־
שלאגט מיר אלע מיינע געדאנקען מיט איהר איצטיגער אויפפיהרונג. איך זאג
איהר: נעה! שטעלט זיא זיך אפּ פון הינטען; איך שריי: נעה מיט דעם וועג!
קריכט זיא אין דער בלאטע. איך אדרבה ואדרבה און זיא אלץ קידער ווידער, אלץ

קאפויר! אדרבה איז דאס רעכט, איז דאס שיין ? מפור! נאר א נעלעכטער, חלעבין... איך וויים זעהר גוט, זאג איך, נאכדעם וויא איך שווייג אביסיל, מייטענדיג מיט א פינגער גלייך איהר אין פנים אריין, ווען איך זאל מיך ארויפהאפען אויף דיר רייטענדיג, אנטאן דיר א צוים און א שמיטץ טאן, וואלסט דוא זיכער נעגאנגען, וואוהין איך וואלט דיך נעקערעוועט. פאר דעם וואס רייט אויף דיר, שקאפעלע, האסט-דוא דרך ארץ, דוא ציטערסט פאר זיין ווינק, פאר זיין בליק און שעצסט זיך איבערגליקליך, אז דוא שטעלסט איהם צופרידען, ער מעג אפילו שינדען, אראפציהען דיר דיא פעל; נאר מיין הארץ אבער דערלאזט מיך נישט צו רייטען אויף דיר. לאז מיר דער צונג זיך צוקלעבען צום גומען אויב איך וועל דיר זאגען, טראג! אויב איך וועל דיר דערלאנגען א שמיטץ, בידנע שקאפע, לאז מיר אפדארען מיין רעכטע האנד! בעטראכט זיך נאר גוט, וואס דוא טהוסט, וויא אזוי מיאוס דוא בעהאנ־רעלסט מיך, דיין נעטרייען פריינד, וואס ווינשט דיר א בעסער לעבען וויא אצינד, וואס ווינשט דיך צוזעהען אין א בעסערען צושטאנד און צו האבען א מאל נחת פון דיר! בעטראכט זיך נאר, וויא אזוי דוא פייניגסט מיך און פארביטערסט מיר דאס לעבען. אי פע, חלעבין, איך האב מיך עס גארנישט נעריכט!

אזוי רעד איך צו דער קליאטשע מיט פייער, אזוי טענה איך און זאג איהר א דרשה פון דעם גאנצען הארצען, איך וויין פשוט וויא א קינד פאר וועהטיג, און זיא שטעהט זיך, שטשיפעט גאנץ קאלט-בלוטיג גראז ביי דער זייט פון דעם וועג. וואס טהוט מען? וואס הויבט מען אן? טענות העלפען נישט, דרשות טויגען נישט, עס איז נישט צומאכען נישט מיט בייזען נישט מיט גוטען. אוועקווארפען זיא, לאזט מיר דאס הארץ נישט. עפיס האב איך אויף איהר שרעקליך רחמנות און עס ציהט מיך צו איהר וויא א מאגנעט. איך נעהם זיא ווייטער בייא דער משאפרינע און שלעפ זיא, אויף גאטס בעראטה, וויא ווייט איך קען. איך בעט גאט, לאזען ווייניגסטענס נישט דורכפאהרען קיין פרעמדע מענשען און לאזען זיי נישט לאכען פון מיר און פון מיין קליאטשע; לאזען האטשע פרעמדע נישט זעהען, וואס צווישען אונז נעהט פאר, לאז עס האטש בלייבען בסוד, האטשע פאקרישקע! דאס נעבעט אבער איז נישט מקוים געווארען. צום אומגליק האבען זיך בעדארפט א שאט נעבען פארשוינען פון אלע זייטען, אי פונם איידעלען אי פונם נעמיינעם גראד מענשען. איטליכער האט דורכ־פאהרענדיג אויף אונז נעטייט מיט דיא פינגער, נעזאגט א ווערטיל און נעלאכט. דער האט נעזאגט: וואו האט איהר עס דערטאפט אזא לעבעדיגע קליאטשע? אזא כשרה מציאה? — יענער: וואס האלט איהר זיך, יונגער מאן, לעבין אזא שלימזול? נעהט אייך אייער וועג און לאזט דיא נבלה אייערע צופרידען. וואס דולט איהר אייך

אומזיסט א קאפ, איהר וועט מיט אזעלכער גאר נישט מאכען! זעהט איהר דען נים, אז זיא שמעקט מיט קברות פלעטליך, מיט צדוק-חדין? — נאך איינער: אם ועטצט זיך אויף איהר רייטענדיג און ברעכט איהר דיא ביינער, נישקשה וועט זיא הייבען פיסליך, וועט פליהען. — און ווידער איין אנדערער זאגט: נעהמט דיא שקאפע אויף דיא פלייצעס, וועט איהר חלעבין בעסער מאכען!... וויא אזוי מיר איז געווען אויף דעם הארצען פון איטליכען אזעלכע רייד צו צוהערען, ווייסט נאר איין גאט וואויל.

דערווייל איז אונטערגעפאלען דיא נאכט. דער הימעל איז געווען איבערגעצויגען מיט א שווארצער חמארע, ערטערווייס האט געבליצט און דיא קליאטשע האט אלץ געמאכט דיא פריהערדיגע אנשטעלען. איך האב זיך נעאיילט, געוואלט אנציהען ער־גיץ אויף נאכטלעגער און דעריבער האב איך אויף מיר גענומען, צושלעפען מיין שלימזול מיט אלע כוחות. נאר הערט אבער א מעשה! אז איך האב זיא א שטאר־קען ציה געטאן, האט זיא זיך אופגעשטעלט נאר דובאם, געענטפערט קוממיות און געבריקעט. הע הע! טראכט איך, דוא בריקעסט־זיך, דוא ווילסט מיך שלאגען, טא האב־זשע דיר א גוטע נאכט! שלאף־זשע דיר אליין. איך וועל מיר אוועקגעהען, וועל איך פטור ווערען פון אלע צרות, וועל פארשפארען פארשווארצט צו ווערען און צו זיין צום געשפעט, צום געלעכטער אין איינעם מיט דיר. באלד אבער האב איך צוריק מיך בעטראכט: הע־הע! דוא בריקעסט זיך, דוא ביסט אין כעס, ווילסט מיך שלאגען. גאנץ גוט: מסתמא הויבסט דוא אן צו פיהלען, מסתמא ארט דיך, און אז עס ארט דיך און הויבסט אן צו פיהלען איז דא א האפנונג, אז דוא וועסט אם־ירצה השם קומען צום שכל — און דענסטמאל וועט זיין גאר עפיס אנדערש!....

מיט גרויס ליבשאפט האב איך געהאלזט, געגלעט מיין קליאטשע און זיא פא־מעליך, פאמעליך געפיהרט ביז מיר זענין נעקומען צו א גרויסען, געדיכטען וואלד. אהינצו זענין מיר אריינגעגאנגען אויף נאכטלאגער.

6.

דיא קליאטשע א פירוש אויף איוב.

אונטער א חויבען, א גרויסען בוים האבען מיר ביידע זיך געטאן א ווארף שטארק מיד און אפגעשוואכט פון אזא ביטערער רייזע, נישט פאר אייך געדאכט! עס האט געטאן א בליטץ, גלייך וויא דער הימעל האט זיך געשפאלטען און אפגעטוקט דיא וועלט מיט פייער. באלד דאראוף האט א היכך געגעבען א דונער און זיך אפגערופען ארום און ארום מיט שרעקליכע קולות וויא פון טויזענטער הארמאטען. עס האט זיך אריבגעהויבען א שטורעווינט. ער האט משונה געפייפט, געוויינט, געהיילט חיא

חונגערינע וועלף, גלייך וויא עס האבען דעם טאָג זיך אויפגעהאנגען הונדערט מכשפים. דער אנשלאָפענער וואלד האָט זיך אויפגעהאפט שטארק דערשראָקען. עס האָט זיך אויפגעהאפט איטליכס גרעזעלע, איטליכס צווייגעלע, איטליכס בלעטעלע אלע האָבען געדעשט, געפילדערט, געפלוידערט אויף אלערליי קולות און פארמישטע לשונות. פאראָקעס, וואָראָנעס און סאָוועס מיט זייער גאנץ פעקיל האבען אויך צוגעקרעכצט, צוגעשפילט, א ווייגענדינס. יעדער בעזונדער האָט געקרעכצט, געזיפצט, געשריגען, איינער דעם אנדערען מבלבל געווען, ביז א שלאקס-רעגען האט מיט אמאל איטליכען פארשטאפט דיא מיילער.

שרעקליך אזא נאכט אין וואלד, שרעקליך, שרעקליך!....

איך שפאר מיך צו, איינגעהייקערט אין צעהנטען צום בוים. דער רעגען וואשט מיך א שרעק, עס ציטערט מיר דאס לייב, און צווישען דיא בליצען מיט דיא דונערען קלינגען מיר אין דיא אויערען יענע געטליכע, קרעפטינע ווערטער אין תהלים:

ותגעש ותרעש הארץ ומוסדי הרים ירגזו....

עס וויגט דיא ערד זיך, שטורעמט אונטען,
עס ציטערען פון בערג דיא גרונטען —
קראך—קראך! אָט וואליען זיי זיך איין,
וויא באלד ער קומט אין כעס אריין.
פונ'ם נאָז איהם זעטצט ארויס א רויך,
א פייער פלאמט פונ'ם מויל ביי איהם
און גליהנדע קוילען פליהען הויך,
עס ברענט, עס שרפה'ט אומעטום!
ער נייגט דעם הימעל, געהט ארונטער,
א וואָלקען שפארט דיא פיס איהם אונטער.
ער רייט אויפן כרוב, ער פליהט געשווינד
און שוועבט אויף פליגעל פון דעם ווינד. (תהלים י״ח,—ח׳ י״א)

אָט איז ער, גאָט! אָט זעה איך איהם באלד פאהרען דארט, דארט צווישען דיא צעריסענע חמארעס! — א שטיק שווארץ געדיכטער וואלקען, העל ליכטיג ביי דיא קאנטען, טראָגט זיך דארט אויבען אין דער געשטאלט פון א מורא'דיג גרויס פערד, מיט א קלאָהר ווייסער גריווע אויף דעם טונקעל געפלעקטען האלז. פון דיא נאָזלעכער, פונ'ם מויל פליהען איהם ביסליכווייס פייערדיגע בליטצען, מיט א ציק הין און הער... דאס איז ער — דער כרוב, אויף ועלכען עס זיטצט רייטענדיג א שרעקליך גרויסער העלד, א גבור, אין א פורפור-קלייד, מיט כאנצע גרייד-גרויע לאר

קען און מיט א לאנגער נעגרייזעלמער בארד, ריין ווייס וויא זילבער. נאך איהם ציהט זיך א גאנצע מחנה ריזען, עוג מלך הבשן׳ס, גוג מגוג׳ן, מיט אלערליי חיות, וועלכע איהר ווילט. אלע מיט ערענסטע פנימער, אלע עפיס פארטראכט, אלע איילען, יאגען זיך פלינק, דער גוטער יאהר ווייסט וואוהין — און לאזען נאך זיך איבער אויפן הימעל א בלויען, לויטערען שטעג. דיא לבנה שטעקט פון צווישען דיא וואלקען ארויס א שטיק קעפיל און קוקט זיי נאך פון דערווייטענס מיט אפשיי, וויא איין עלטסטער בשעת עס פאהרט דורך אין זיין ארט א גרעסערער פריץ פון איהם... דיא ביימער בויגען אן דיא קעפ, ביקען זיך מיט גרויס דרך ארץ, האבען א פנים וויא דיא אפגעשמיסענע — תרבית, שא שטיל! און פונ׳ם גרינעם בלעטער־מאנטעל קאפעט זיי טראפענס וואסער, קאפ קאפ אויף דער ערד, קאפ, קאפ מיר אויפן קאפ.

א, היילינער גאט! לאז איך ארויס א געשריי און פאל כורעים אויפן פייכטען נאסען גראז.—

— דוא ביסט עס מיין גוטער, אלטער בעקאנטער?

—איך בין עס, מיין שלימזולדינער, פרינץ, מיין בידנע, אומגליקליכע קליאטשע! האב איך געענטפערט און זיך צו־וויינט.

— וואס וויינסט דוא? האט זיא געפרעגט, א שטארקען שאקעל געבענדיג מיט דעם האלז, גלייך וויא זיא וואלט פון זיך אראפגעווארפען א גאנצען בארג משא און מיך פריינדליך אנגעקוקט מיט אזא פנים, טאקי נאר וויא א מענש. דוא האסט גע־מוזט אויסשטעהען און ליידען פון מיר צרות?

— אהן האב איך געענטפערט, מיינע צרות זענין גארנישט, דוא האסט זיי מיר געמאכט אומגעהערען. דוא ביסט נעביך נישט שולדינ. דיינע צרות, זעהסט דוא זענין אהן א ברעג, גרויס וויא דער ים. איך וויין קוקענדיג אויף דיר, מיין געפאלענער, פארוואגעלטער פרינץ. אך, ביז ווענען וועסט דוא אזוי אפקומען, אלץ זיך ארומשלע־פען און פון איטליכען אלץ ליידע? ביז וואנען, אך, וועסט דוא זיין א שקאפע, דער וועלטס קליאטשע?

— ביז וואנען, האט זיא געזאגט, מענשען וועלען ווערען בעסער און קלינער, ביז וואנען עס וועט אויפהערען אי אכזריות אי רחמנות, אי רעות אי טובות, אי צו להכעיס אי צוליב־זאכען, נאר אמת און גערעכטיגקייט אליין וועלען הערשען אויף דער וועלט; ביז וואנען עס וועט אויפהערען צו זיין א חילוק צווישען מענשען, א וואלף וועט וואוינען מיט א שאף, א בער מיט א קיה וועלען אין איינעם זיך פיטערן און א לייב וועט וויא א רינד עסען שטרוי; ביז וואנען עס וועט זיך פעלבען

אלדאס־ביין, דיא ניט־גוטע, וועלען פארלירען זייער כח און עס יעט אפגעווישט ווערען טרעהרען פון איטליכענס פנים!...

— אך! האב איך געקרעכצט, עס איז נאך צרווייט צו ווארטען! ביז יענער צייט, האב איך מורא, זאל מען דיר דערווייל נישט דערגעהען דעם עק, נישט ארו ס־נעהמען דיא נשמה!

— מיט מיר, האט זיא זיך אנגערופען, מיט מיר געהט עס אקוראט וויא מיט מיינעם איין אלטען חבר איוב, וואס בשעת ער איז איבערגעגעבען געווארען דעם שטן אין דיא הענט האט גאט דענסטמאל אזוי געזאגט: שטן, וואס דוא ווילסט טהו מיט מיין איוב'ן, שלאג איהם, טהו איהם אן געבראטענע לייד, מאך איהם ברוין און בלוי דאס לייב, נאר זיין גייסט, זיין נשמה זאלסט דו היטען!...

— איוב, האב איך א געשריי געטאן, דאס איז טאקי דיין חבר, ניין, דאס ביסט־דוא טאקי אליין; דאס איז א משל אקאגען דיר, דארט שפיגעלט זיך אפ דיין גליקליכעס לעבען א מאל אין עושר אין כבוד; דארט שפיגלען זיך אפ דיינע יסורים, דיא רדיפות, דיא שטעכווערטליך פון דעם עולם בשעת דיין גרוים אומגליק; דארט שפיגעלט זיך געטריי אפ איטליכס זאך בעזונדער. א י ו ב ביסט־דוא! דוא ביסט איוב מיט זיין ש א ט א ן, מיט זיינע מ כ ו ת, מיט זיינע פ א ל ש ע ח ב ר י ם, וואס פאלען אויף איהם אן אין דער שלעכטער צייט און בעשולדיגען איהם, ער איז נישט גוט, ער איז נישט פרום.... א י ו ב איז דיין היסטאריע. דער אנהויב איוב און דער מיטען האבען שוין ריכטיג ביי דיר זיך ארויסגעוויזען, זיין סוף וועט ביי דיר אויך, גאנץ זיכער, מקוים ווערען. דער שטורם, אין וועלכען גאט אלז דיא גערעכטיקייט וועלען זיך בעוויזען, וועט, מיין איך, זיין א גרעסערער, א שטארקערער פון דעם, וואס איז געוועזן ערשט נישט לאנג!....

— מען שמיעסט, האט זיא זיך אנגערופען, אז דאס האט טאקי אנגעשריבען יענער בערהימטער מענש, וואס האט מיך א מאל פון א קליאטשע צוריק פאר א מענש געמאכט. ער האט דערמיט געקוקט גאנץ ווייט!....

דערצעהל מיר נאר, האב איך זיא געבעטען וואו ביסט־דוא געוועזן דיא גאנצע צייט, זינט דוא ביסט פון מיר פארשוואונדען געווארען? ווער איז יענער פארשוין, וואס האט דענסטמאל זיך ארויפגעהאפט אויף דיר רייטענדיג? פון וואנען האט ער זיך גענומען?

— יענער, וואס האט אויף מיר זיך ארויפגעהאפט רייטענדיג, האט זיא אנ־געהויבען צו דערצעהלען, דאס איז געוועזן א לץ. נאכדעם, אז דיא דייטשליך, דיא נישט־גוטע לאזען מיך אביסיל צורות, וואקסט געוועהנטליך פלוצלים אויס א לץ,

אַזוי וויא פון אונטער דער ערד, זעטצט זיך אויף מיר רייטענדיג און טרייבט מיך איבער בערג, איבער טהאָלען, איבער פעלדער, איבער וועלדער. אבי נאָר איינער האט געמאכט דעם אָנהויב שפּרינגען שוין ארויס נאָך אַ סך לצים פון פארשידענע געשטאַלטען און פון פארשידענע סאָסלאָוויעס. עס ווערדט א געשפּעט, א געלעכ־טער ביז דעם הימעל, איטליכער זאגט א ממרא, א סליחה, נישט געשטויגען, נישט געפלויגען, איטליכער גיט א פייג און שטעלט ארויס א צונג. אלע פון גרויס ביז קליין זעטצען זיך אויף מיר אָן און האבען מיט מיר צו טהאָן. פיל מאל צוקריגען זיי זיך איבער מיר; איינער זאָגט, מען זאָל מיט מיר זיך נוהג זיין אַזוי, און דער אַנדערער זאגט עפּיס אנדערש: יענער זאָגט, איך זאָל פליהען אין דער לופטען, און דער ווינשט, איך זאָל געהען דורך דער ערד, עס ווערדט א ליארם, א געשריי א געפילדער, א מהומה, אז דער קאָפּ ווערדט דול הערענדיג. אַזוי שפּילען זיי זיך מיט מיר אָן, שרייען זיך אָן. און דער „אייבּיגער וואָפּראָס“ וועגען מיר בלייבּט טאַקי אַלץ נישט געררעשעט. א קאַלעמוטנע וואסער, זאָגט דער עולם אין ווערטיל, איז גוט פיש צו חאַ־פּען. דאס איז אויך געזאָגט געוואָרען אויף מיר. אין מיטען דער בייזער מהומה חאַפּט מיך דערוויילע איינער פון דער הברה, פאהרט אויף מיר ארויס אין דער וועלט, מאכט מיט מיר געשעפטען און הויבט מיך אָן צופארקופען צו פארשידענע מענשען. איך זאָג צו פארשידענע, מחמת אין א קורצע צייט דיען איך זעהר פיל בעלי־בתים. איידער איך האב מיך נאָך נישט רעכט ארומגעקוקט ביי איינעם, קומט דער רוח אין טראָגט מיך אוועק צו איין אנדערען. ביי וועמען, וויכסט־דוא, בין איך שוין דען נישט איבערגעוועזען? ווער האט דען נישט גענאסען און פון מיר נישט אָפּגעלעקט א ביינדעל? הויב אָן פון א מינדסט פּאָריציל, פון א סאָטצקע, א קווארטאַלנע וכדומה ביז עפּיס העכערס; פון א מגיד, א מוכיח, א מוסר־זאָגער א ירא־שמים ביז גאטס סטראָפּטשעס וכדומה אַזעלכע טשינאָווניקעס צווישען דיא הימעל־מענשען; פון א לאַקיי, א סמאָטריטעל, א פּיסמאָוואָדיטעל, א נאַדזיראַטעל ביז א דירעקטאָר אין דיא יודישע שולען; פון א שמש, א קהלשען שרייבער, א חאַפּער, א סבאָרשטשיק, א פּאָווערענע, א דעפּאָטאַט, א בעל־עצה, א בעל טובה, איין אָנחאַפּער ביז דעם בעל־טאַקסע פון פלייש און סוועטשנאָ־סבאָר וכודומה דיא גאַנצע כנופיא קהל; הייב אָן פון בעהעלפער, מלמדים, שדכנים, בדחנים, בטלנים, טויזענטערליי נבאים, משולחים און שתדלנים, ישיבה־בחורים, פּרושים, לומדים, זיידענע מענשען, שיינע יודען, טאַטענס־קינדער, תהלים־זאָגער, משניות־לעהרנער, בעלי־תפלות, שופר־בלאָזער, דרעהדליך־מאַכער, פורים־שפּילער, מצה־רעדלער, ביז דיא דיינים, שוחטים, מנקרים, משגיחים, טוקערענס, קנייטליך־לייגערענס, פעלד־מעסטערענס וכדומה דאס גאַנצע

כלי־קודש. אלע בסדר האָבען אויף מיר זיך אָנגעזעצט, פאר איטליכען האב איך נעביך בעדארפט ארבייטען און איטליכען אויף מיר טראגען. זיי קאפּטען מיך געזונט און לעבען, איך האב פון זיי צו זינגען אח צו זאגען. ניחוי וואלט מיין ארבייט חאָטש אנגעליינט געווען — חלילה! וויפיל איך זאל נישט ארבייטען איז אלץ ווייניג, אלץ קארג. א קאטאָוועס עפּיס אזא פעקיל, אזא גרויסע, הונגעריגע כנופיא! ניחוי וואָלט מיין ארבייט חאָטש עפּיס נוטצען געבראַכט—חלילה! איך ארבייט, איך האָרעווע פאר וועמען? מישטעהנעם געזאָגט, פאר וועמען?.... מעשה שטן פאל איך תמיד אריין אזעלבע לייט אין דיא הענט, זיי נעהמען ביי מיר ארויס דעם דם התמצית, פארשלאָגען מיר דעם קאָפּ מיט דעם מוח און מאכען מיך אויסצודרעהען. פון דיא לייט וויים איך זעהר פיל זאכען, איבער זיי איז דאָ פיל צו שמיעסען און צו פרעגען. נאר נישט אלץ אָבער, וואָס מען וויים קען מען ריידען, נישט אלע קשיות קען מען פרעגען און נישט אויף איטליכער קשיא בעקומט מען א תירוץ. וואָס זאָל מען טאָן? מען מוז א מאל זיך בעגנינען מיט איין תירוץ אויף אלע קשיות: „עבדים היינו לפרעה במצרים,“ דאס הייסט: פאר א קליאטשע האט מיך געמאכט דער קעניג פון מצרים!

— איין קשיא וועל איך דיר טאקי פרעגען, האב איך צו איהר געזאגט. וויא קומט עס, אז אויף יענע פריצים, וועלכע דוא האסט גערעכענט אין צעטיל זאָלען ועלען אין דיא הענדט נעהמען אזא ווייסטע, בידנע קליאטשע?

— מעשה שטן, האָט זיא געענטפערט, ווערען זיי פארבלענדט דיא אויגען, מעשה שטן נארען זיי זיך און מיינען, אז איך בין גאָרנישט קיין בידנע, אדרבה א האראָפּאשנע, א ק א פּ י ט א ל נ ע קליאטשע!....

— אומגליקליכער פרינץ, בידנע קליאטשע! האב איך א קרעכץ געטאָן און מיך שטארק פארטראכט.

7.

ישראליק בעקלעהרט דיא וועלט.

א פריש, געשמאק ווינטעלע האט פאמעליך געבלאזען און פון דיא וואָלקענס, פון דעם שטורמווינט איז נישט געווען אפילו קיין זכר. דער אפגעטובלטער, אויס־געצוואָגענער וואלד, איז געשטאַנען וויא א חתן־בחור. אנגעטאן אין א נייער, גרינער ושיפּעצע, ערשט פון דער נאדעל, געשיינט און געלויכטען וויא דער ליכטינער מאר־גענשטערען, וואָס האט ערשט טאקי געבראכט דיא פרעהליכע בשורה, אז אָט באלד קומט צו פאָהרען דיא זון, דיא טהייערע, גילדענע מחותנת׳טע, און דיא תתונה וועט זיך אנהויבען. אלסדינג האט געלויכטען, געפינקעלט, אלסדינג האט

ווי א עפּיס זיך מכין נעווען, אלסדינג האט עפּיס אויסגעזעהען וויא יום־טובדיג און אומעטום האט געשמעקט געווירצט, זיסע, ליבע ריחות פון בשמים. — שיין איז דער אנבּרוך אויף טאָג וועסנע־צייט אין דעם וואלד, שיין, זעהר שיין! דער בּערִיהמער כלי־זמר, דער סאָלאָוויי, האט אנגעשטעלט זיין פידעל, אָפּצושפּילען א שיינעם, א פיינעם „דאבּרי־דזיען".

ער האט א שפּיל געטאן און זיין שפּילען האט מיך צונומען! זיין ניגונדיל האט אין מיין הארצען אויפגעריהרט טויזענט סטרונעס, זיי האבען געוויינט, געשריגען און ארויסגעגעבען זעהר א טרויערדיגען ניגון. מיינע געדאנקען האבען אלע געטאנצט אין א ראד, א שרעקליך פארמישטען טאנץ! איך האב געטראכט און מיר פאָרגעשטעלט זעהר פיל אלטע און נייע אומעטיגע זאכען.

עס האט מיר זיך פאָרגעשטעלט א טאָג אין מיין שטאדט, וויא אזוי און מיט וואס מענשען ברייגנען איהם צו, מיט וואס זיי שטעהן אויף און מיט וואס זיי לייגען זיך שלאפען עס האט מיר זיך פאָרגעשטעלט א פריהמארגען: יודען שטעהען אויף און קרעכצען! ווייסען נישט וואס מען טהוט, וואס מען הייבט אן, פון וואנען מען זאל זיך דערנעהרען? זייערע פּנימער זענען בּלייך דער שטערען פול מיט קנייטשען, די אויגען ווארפען זיך אין אלע זייטען, גלייך וויא זיי זוכען עפּיס אן וואס זיך אָנצוחאַפּען, אן וואס זיך אנצושפּארען, די חוואליעס פון דעם טאג זאלען זיי נעביך נישט דערטרינקען. זיי זיפצען, זיי קרעכצען און קנייטשען דעם שטערן. עס האט מיר זיך געדאכט, זיידענע מענשען געניצין, קנאקען אוים די ביינער און נעהמען זיך צו דער ע ב ו ד ה: רחצה, מוהען אן די האלאטליך, שיך און זעקליך און חאפּען זיך אראפּ אין וואסער. — פּיפּקע: דערנאך נעהמט מען קארענצעס און מען פּיפּקעט. אז מען ווערדט פארטיג... בעלאדט מען זיך מיט גרויסע טלית און תפילין זעק, איטליבער נעהמט אין זיין קלייזעל, אין זיין שטיבעל, אין זיין מנין, דארט וועט מען פארטרייבען א שטיק טאג. אביסיל מיט ריידען, אביסיל מיט פּאַטשטען, אביסיל מיט דאווענען, אביסיל מיט כוונות און דערנאך מיט א קעלעשיקעל בראנפין. — עס האט מיר זיך געדאכט: א בעהעלפער געהט און שלעפּט, וויא א קצב אויף די פּלייצעס, צוויי יונגע שעפּעליך, צוויי יונגע פּיטצליך קינדערליך, וואס ער האָט זייא נעביך אויפגעוועקט פון זעהר א זיסען, א געשמאקען שלאף, וואס ער האט צו־שטערט זייערע גוטע, פרעהליכע חלומות, צוטריבען פון זייא די מלאכים און איבּער־געקעהרט זייער געלעכטער אין א געוויין. זיי וויינען, זיי שרייען איבער דער גאנצער גאס מיט א ביטער קול, ווארפען און צאפּלען זיך נעביך שרעקליך שטארק מיט הענט־ליך און פיסליך, פּוקען זיך אלע רגע אום צו דער היים און פארגיסען נייע קוואלען

טרעהרען, עס גלוסט זיך זיי נישט בעגראבען צו ווערען ערגיץ אין א לאך, עס גלוסט זיך זיי נישט אנצוקוקען דארט פינסטערע פנימער, צו צוזעהן דיא ווילדע אכזריות און פיין, עס האבען זיי ערשט זיך אויפגעעפענט דיא אויגליך ערשט זיך צופיהרט דיא פיסליך, זיי ווילען זיין פריי, ווילען לעבען, שפרינגען און זיך שפילען! — אך, קוים וואס עס איז געווארען טאג איז שוין אזוי פיל קרעבצען, אזוי פיל הארצוועהטיג, אזוי פיל טייבען טרעהרען. — איין אומעטיגער זעהר איין אומעטיגער ניגון!...

דער סאלאוויי האט וואס ווייטער, ווייטער מעהר זיך צולאזט, געמאכט שטיי־נער און מיינע געפיהלען האבען אויך אלץ מעהר און מעהר אין מיר זיך צוגאסען, געשפילט א וויינענדינס און וועה געשריגען!

עס האט מיר זיך פארגעשטעלט דער מארק, אין גאנצען וויא ער איז, מיט אלע זיינע געשעפטען און מיט אלע זיינע מענשען. עס האט מיר זיך געדאכט; הונגעריגע; דארע טאנדעטניקעס. און אין צעהנטען איינגעהויקערטע טענדלער דרעהען זיך הין און הער ארום אין איינע צרות, קוקען זיך צו און שאטצען ביי זיך אפ איטליכענס קליידער, האבען איין אויג ביי וועמען עס זענין צעריסען דיא שטיוועל, בייא וועמען דיא הויזען, בייא וועמען דיא קאפאטע, דערפיהלען אין דער שטאדט דיא קלענס־טע לאטע, דיא מינדסטע שמאטע. עס האט מיר זיך געדאכט: בלייבע, טויטע מענשען נעביך לויפען ארום וויא דיא פארסמטע מייז, שטעקען אומעטום אריין דיא נאז און שמעקען. טאמיר וועלען זיי געפינען עפיס א שטיקעל ברויט, טאמיר וועלען זיי האטש עפיס דערטאפען. איטליכער איז פארטראגען, איטליכען שפאלט זיך דער קאפ, איטליכער פארבייסט א ליפ, מאכט פלאנען און פארטראכט זיך, איטליכער ריקט ארויף דאס היטעל, לויפט און איז וויא אויף דעם עולם התועה. — עס האבען מיר זיך פארגעשטעלט אלערליי סארטען קלייטען און קלייטליך, טישליך און שאפ־קעליך, צוואנציג קרעמער שלאגען זיך פאר איין קונה, איטליכער ציהט איהם צו זיך און זאגט איהם צו הרים וגבעות, איטליכען קריכען ארויס דיא אויגען צוזעהען א גראשען לייזעכטס. דיא קונים און דיא קרעמער דינגען זיך, שווערען זיך,ביידע שווערען בנאמנות, ביים ווייב, בייא דיא קינדער. ביי דעם חלק לעולם הבא, און גלויבען איינער דעם אנדערען וויא דעם הונט. זיי צוגעהען זיך, קוקען נאך איינער דעם אנדערען הינטערוויילינס מיט איינעליך, ווער וועמען וועט צוריק בעטען, קומען זיך צונויף ווידער, ווייטער דינגען זיך, ווייטער שווערען זיך מיט טויזענטער שבועות, מיט טויזענטער חרמות, ביז איינעם נעראט פארט צום סוף אפצונארען דעם אנ־דערען!.... עס האבען מיר זיך פארגעשטעלט רעדליך פארשווינען מיט שטעקליך אין דיא הענט, שיינע מענשעליך, וואס האלטען זיך וויא הינד, וויא ווארענעס לע־

בין טויטע און נבילות, וואס לעבען פון יענעמס פלייש פון יענעמס בלוט; מענשעליך, וואס זיי אליין זענין נישט ווערטה קיין דרייער און גילטען פארט זעהר שטארק; מענשעליך, וואס איטליכער קען זיי פאר קליינעטשקע און זענין דאך זעהר גרויס; מענשעליך, וואס אונטער דיא אויגען, האט איטליכער אויף זיי צו דערצעהלען עפיס נישט קיין שיינע מעשיות, פיהרט ארויס דעם גאנצען יחוס פון זיי, פון זייערע ווייבער, און אין דיא אויגען האט מען פאר זיי פארט דרך ארץ; מענשעליך, וואס זענין אין דער געמיינדע א מכה, וואס מאכען איהר קאליע דאס בלוט און נאגען זיא אויס; מענשעליך, וואס אנקוקענדיג דאכט זיך, זיי זענין שטארק בעשעפטינט, פארנומען מיט וויכטינע עסקים, עס שוויצט זיי תמיד דאס פנים, שטענדיג פול מיט סודות, מיט סעקרעטען, ריידען דאס רוב אויף דעם ווינק — און באמת זענין זיי סווישטשען, ליידיגגעהער, גארנישטען, טויגעניכטסען; קורץ און גוט, יענע מיני מענשעליך, וואס דרעהען זיך תמיד ארום קהל, ווילען דער שטאדט רק איינברייננגען, רק טאן טובות. וואס לייגען זיך אין גאנצען אוועק פאר דער שטאדט און לעבען בכבוד, עסען דאס בעסטע און טרינקען טאג טעגליך א גוט גלעזעלע וויין; מענשליך, וואס דרעהען זיך אלץ אין דיא קהל-שטיבליך, לעבין דיא גבירים, אויף דיא אסיפות, אין דיא יאטקעס און אין דיא ווײנשענקען, וואס פיהרען דיא גאנצע קאמאנדע ביי דיא וויבארעס, ריימען איטליכען איין א סוד אין אויער און שרייען „זשעלאיעם“, אדער „ניעזשעלאיעם“ פאר כל ישראל; מענשעליך, וואס וויטען זיך, נעהמען אראפ דאס היטעל פאר איטליכען טשינאווניקעל, פאר איטליכען פריציל, וואס קריכען תמיד זיך פארצושטעלען, פאר א נייעם גובערנאטאר, פאר א נייעם פאליצמייסטער, ראפארטעווען תמיד מכוח דער שטאדט; מענשעליך, וואס זעהן אוים וויא שרעקליכע וועלף צווישען דיא ארמע, בידנע שאף אויף דעם מארק!... איך זעה דארט דעם בעל-טאקסע, וואס א מאל איז ער געווען א דאר יודעל, א ביטערער אביון, א קבצן, גע־גאנגען תמיד צופוס אין צעריסענע שטיוועל, קיינער האט אויף איהם אפילו זיך נישט אומגעקוקט, אצינד האט ער זיך פארלאזט א בייכעל, פאהרט וויא א שררה אין א פאיעטאן מיט א פאר גוטע פערד און קלאגט זיך פאר איטליכען אויף דער איצטיגער שלעכטער צייט, ער דערלייגט נעביך געלד!... איך הער וויא איינער דינגט זיך מיט א בעל-מלאכה, וויל איהם פון דער ארבייט אפרייסען א פאר גראשען. דער בעל מלאכה בעט רחמים, טענהט, געוואלד! ער וועט דעם גאנצען טאג ארבייטען, פראצעווען מיט נויטשוויים און דאס פארדינסט וועט איהם נישט טראגען אפילו אויף דעם עסען. ער בעט זיך נעביך וויא בייא א גזלן, מען וויל איהם אבער נישט הערען. פלוצלים, ווה איך, קומט אונטער א נעזונטער, א בעלייבטער, א

שיינער יוד אין א גרויסען ספאדיק מיט א פאטשיילע אין דער האנד. מען גיט איהם א גאנץ פייגע נדבה, און ער בלאזט זיך, ווארטשעט, עס איז קארג. מען דערלייגט איהם נאך, עס איז אלץ קארג, אזעלכען וויא ער קומט א סך מעהר פאר זיין בייכעל פאר זיינע גענרייזעלטע פייקעליך און פאר זיין אויסגעווייקט שיין פנימיל, יענער בעדארף האלטען זיך פאר א זכיה, אז זיין געלט, זיין מיה, געהט צו אזעלכען וויא ער אין דעם בויך אריין! — אָך, וויא שרעקליך דער מארק זעהט אויס! וויפיל אומגערעכטיגקייט דארט ווערט געשעהען! דיא אָרעמקייט, דאס ביטערע עלענט, דאס שרייען און קרעכצען רופען זיך טרויערדיג אפ טיף אין דעם הארצען. — א טרויערדיגער, זעהר א טרויערדיגער ניגון!

שפיל סאלאָווייטשיקיל, שפיל! דיין שפילען צונעהמט מיך בעסער וויא אויף א בעדעקענס. איך וויל אביסיל זיך בעטראכטען, איך וויל אביסיל זיך דערמאהנען און פאָרשטעלען אונזערע צרות. שפיל סאלאווייטשיקעל, שפיל, איך וויל אביסיל וויינען!

ער האט געקנאקט, זיך צולאזט אויפן העלזעל און טרויערדיג געשפילט! עס האט מיר זיך פאָרגעשטעלט א יודענס שטוב, וויא דארט מאכט זיך קיין רגע נישט צו דיא טהיר. עס גע־ען זעהר פיל ארמע לייט, יונגע און אלטע ווייבליך, מיידליך און קליינע קינדער, איינער געהט ארויס, דער אנדערער קומט אריין. בתוך הבאים קומען אן נבאיטעס מיט זייער חן. דערנאך טהוען זיך א לאז שיינע יודען אין זיידענע קאפאטקעליך. פאדערען געלד פאר זייערע זכות אבות. נאך זיי קומט אריין א מגיד, א נשרף, א ירושלמי, א משולח, איין ענונה מיט אלטע פארשימעלטע כתבים. באלד נאכדעם קומט א שמש פון דער שוהל מאהנט פאר א שטאט. פאר איין „עליה״, פאר א „מי שברך״ פאר א „מלא״ און פאר א „נדר״. ערשט אָפּגעפּארטיגט זיך מיט דעם, גיבט זיך איינער נאך דעם אנדערען א שאָט א פעקיל פארשידענע נבאים מיט פושקעס און אהן פושקעס, איינער מאהנט מעמדות אויף ארץ ישראל, דער אנדערער עפּיס אויף תלמוד־תורה, דער דריטער בעט אויף הכנסת־כלה, דער פערטער אויף דעם הקדש, דער פינפטער אויף חברה משניות, דער זעקסטער אויף חברה נר־תמיד וכדומה נאך און נאך חברות. בינתים קומען צוויא בכבודינע בעלי־בתים מיט ברייטקיים, רייסען עפּיס שטילערהייט איין אין דעם אויער, זאגען דער־נאך הויך אויף א קול מיט א זיפץ: „היינט פארשטעהט איהר שוין פאר וועמען?״ און נעהמען.... נאר אין מיטען דרינען קומט דער קהלשער שמש און מאהנט עפּיס צום רייסטעו, דער רעפּאָטאט שטעלט נאך א מאל אריין א פאסטאי, דער קצב יאגט און מיט דער דינסט, אז פון איצט אן, זאל מען מוחל זיין צולייגען צו דער אקצ פלייש נאך צוואנציג גראשען, מען האט פארגרעסערט דיא טאקסע.... חבלל מען

רייסט פון אלע זייטען, איטליכער גיט א חאַפּ, א קניפּ, א צופּ, עס שטעלען זיך אין דיא אויגען טרעהרען, עס איז שווער אויסצוהאלטען. — שפּיל סאלאוויטשיקיל, שפּיל, איך וויל אביסיל וויינען!....

ער האט זיך צושפּילט, צוגאַסען און געמאכט אומעטיגע שטייגער! עס שטעלט זיך מיר פאַר, וויא יודעש געלד, יודעש בלוט געהען לאיבוד, זיי גיסען זיך וויא וואַסער און ברייגגען נישט קיין שום נוטצען. מישטעהנעס נעזאַגט מ ה ח ס ד נ ו, וואס איז אונזער חסד, אונזערע צדקות? עס שטעלט מיר זיך פאַר אונזערס א תּלמוד־תּורה, א וויסטע, א פינסטערע חורבה, עפּיס א שטיבעל אויף א היהנערש פּיסעל, ערגיץ אין א לאך. אינווענדיג שטינקט שימעל; דער צובראכענער פּאָל און דיא ביינק זענין דארט בעדעקט דיק מיט בלאטע, דיא פענסטער אויסגעשלאגען. פאַרשטעקט מיט שמאטעס. ארמע, הונגעריגע, אפּגעריסענע יתומים וואַלגערען זיך ביז דעם חאלז וויט אין מיסט, פאַרשמירט וויא דיא רוחות און האָבען קיין פּנים נישט פון מענשען. וואָס, מישטעהנעס געזאגט, קען פון זיי דארט ווערען? וואס ווען זיי זיך אויסלערנען און צו וואס וועלען זיי שפּעטער טויגען? איך הער וויא אזוי זיי קרעכצען און זיפצען. דאס קול פון זייערע פאַרלוירענע יונגע יאהרען, הער איך, שרייעט ארויס פון דיא קופּעס ערד און מיסט! דאס קול פון דיא אומגליקליכע, פון דיא פאַרלוירענע נפשות, הער איך, נעהט ארויף אין דעם הימעל און שרייעט ארט גוואַלד אויף דער גאנצער שטאָדט יודען! אויף איטליכען פון אונז קאַפּען אראפּ דיא בלוטיגע טרעהרען, קיינעם פון אונז וועלען זיי נישט געשוויגען ווערען!.... עס שטעלט מיר זיך פאַר אויף דער הקדש, אדער, לאז זיך חאטש זיין, דער בקור־חולים, מיט אלע זיינע ווילדע הנהגות. איך הער עפּיס א רעש, א יאמער, א קלאג דארט אויף דעם הויף. איין ארמע יודענע האט אהינצו געבראכט צופיהרען איהר קראנקען מאַן, איהר גאנצער פּרנסהגעבער, איהר גאנצע אַנהאלטעניש. דיא גבאים אָבער לאָזען איהם נישט אריין ביז דיא אריסענקע וועט נישט געבען פריהער א פּאָר קערבליך. דערווייל וויא זיא לויפט ארום, ברעכט דעם קאָפּ וויא צו בעקומען דאָס געלט, איז איהר קראַנקער מאַן נעביך לעבען פּלייט געשטאָרבען. דיא פרישע, וויסטע אלמנה קומט און בעוויינט איהר מאַן אויף דער גאַס, מיט איהר אין איינעם וויינען נאָך אָרמע לייט, נאָך וויסטע אלמנות מיט צובראכענע הערצער. עס איז א יאָמער, א קלאָג, מען צוגעהט פון טרעהרען. — פּאַמעליך אביסיל שפּיל סאלאָוויי, עס האָט ביי מיר אין דעם הארצען שוין געלאַפּנעט א סטרונע!

ער האָט אביסיל צוגעקנאַקט און געמאכט טרעלען. עס האָבען מיר זיך פאַרגע־

שטעלט יודישע פּאַראַדקעס, וויא פון אונזער ריידען קומט גאַרנישט ארויס, מישטעה־
נעס געזאגט מה אָנ ו, מ ח ח י י נ ו, וואס מיר זעגין און וואס איז אונזער לעבען ?
עס שטעלט מיר זיך פאַר איין אסיפה. דאָרט איז א ליארם, א געשריי וויא אין א
באָד, איינער איז מבלבל דעם אנדערען. זאגט איינער עפּיס א וואָרט, שרייעט יענער.
ניין, אדרבה, פארקעהרט! און הערען ביידע נישט, וואס זיי ריידען. איטליכער האַלט
זיך פאר א חכם, פאר א ווערטל־זאָגער, לאָז עמיצער עפּים אָנהויבען צו זאָגען, פאַרט
איהם יענער אריין אין דיא רייד. עט, מאַכט ער, לאָזט זיך דינען, מכח דעם האָב
איך געזאָגט א גאַנץ גלייך־ווערטעל... וואס הייסט עס ? שפּרינגט ארויס איינער
פון דער זייט, איך בין אויך א בעל־הבית, בין אויך א הינער, איך האָב אויך א דעה!
מען צונעהט זיך לסוף שטארק פארשוויצט און מען ווייסט נישט מיט וואס מען איז
געקומען, מיט וואָס מען געהט אוועק. עס קומט אויס דעם עולם'ס ווערטעל טאַקי:
„ס'איז געבליבען, שמעון ווארנער זאל ווייטער וואוינען מיט דער גרושה!" איך הער,
וויא א פאר גבירליך, עטליכע בעלי־טובות, עטליכע דרעהער אין קהל, און דער בעל־
טאַקסע מיט זיין קאַפּיטעל לאַכען זיך נאָכדעם גוט אויס און מען טהוט וואָס מען
וויל. באלד נאָך אזא אסיפה ווערט וויא געוועהנטליך טהייערער דער מקח פון
פלייש. בעלי־טובות נעהמען בעזונדער פון איטליכער אָקע עפּים דרייערליך און עס
ווערען בעשאפען עפּים שטילע, שפּאָגעל נייע נתינות. עס שטעהען מיר פאר דיא אוי־
גען אונזערע וויבאָרעס, וויא אזוי מען קלויבט אויס גבאים, פיהרערס און א גובערנ־
קען רב. פע, וואס דא טהוט זיך! איך קען נישט צוזעהען וויא מענשען פארליערע
זייער שכל, זייער הארץ, זייער ווילען, און זייער מענשליכע בחירה; איך קען נישט צו־
זעהען וויא מען לעקט זיך אונטער, פיינט זיך עפּים פאר א ליאדע גבירעל, וויא מען
סקוזשעט, נעהמט אויף דיא שפּיטץ פינגער פאר איין אויפגעקומענעם משרת וכדומה
אזוינע מיני פארשוינען. איך קען נים צוזעהען וויא מען פארקויפט דעם אמת, דעם
יושר, דעם נוטצען און דעם אינטערעס פון דער שטאָדט פאר א גלעזעל בראנפין,
פאר א קניש. עס קאָכט זיך מיר איבער דאס בלוט צוזעהענדיג, אז בעונותינו הרבים
איז נישטאָ ביי אונז מיט וועמען עפּים צו טאָן, מיט וועמען עפּים צו מאַכען. קיינער
מיינט נישט ערענסט! עס ווערט מיר צהעטצט דיא גאַל צוקוקענדיג, וויא בעונותינו
הרבים אונזער עולם שלאפט, וויא ער איז פארטראגען אין חלומות — ער דיינקט
נישט, בעטראכט נישט, ווייסט נישט זיין לאַגע. קיינער בערעכענט
נישט, זאָרגט נישט און פיהלט נישט כל־זמן עס בעריהרט איהם נישט זיין אייגען
נפש'ל. טאַקי נאָר מחילה אָקסען, וואס בשעת מען קוילעט איינעם, שטעהען זיך דיא
איברינע און קייען, מעלי־גרה'ן גאַנץ רוהיג. עס ווערט מיר א לאַך אין הארצען צו־

ועהענדיג... נאָר אבער געוואלד פאמעליך, סאלאָווי, פאמעליך! עס האט ביי מיר געשפרונגען שוין נאָך א סטרונע!

ווין ישראליק, ווין! האָט מיט איטליבען שפיל דאס וואלד־כלי־זמריל מיר געזאָגט. עס האט מיר זיך געדאכט וויא פאר דער חופה. ד'ערבדחן דערמאָהנט מיך, איך בין א יתום... ישראליק, לאזט ער אויס צום גראם מיט א ריהרענדיג קול: א יתום מוז אויף דער וועלט פון איטליבען אויסשטעהן זעהר פיל; ווין, ישראליק לעב, ווין — כלי זמריל שפיל!

איך דעק צו דיא אויגען מיט א טיכעל, בעוואש מיך מיט טרעהרען און שטעל מיר פאָר זעהר נישט קיין פרעהליכע זאכען.

עס שטעלען מיר זיך פאָר אונזערע קלייזליך און שטיבליך. מישטעהנעס געזאגט וויא אזוי זיי זעהען אויס, וויא אזוי מען פיהרט זיי און וויא מען האלט זיי ריין! איך געה פאַרביי דורך — און עס פארשלאָגט מיר אין דער נאָז... דארט האלטען זיך אויף ליידיגגעהער, בטלנים ליגען זיך דאָרט אויסגעצויגען אויף טיש און אויף ביינק מיט פיפקעס אין דעם מויל. זיי פיפקען, שפעטען פון דער גאנצער וועלט און דערצעהלען מעשיות. דאס זענען אזעלכע מיני ווערעם, וואס נאגען, פרעסען און האבען זייער גאנצע יניקה פון אנדערע. דאס זענען עפּיס גאר מאדנע באנקירען, וואס רעכנען דיא גאנצע שטאדט הייזער פאר זייער קאנטאָר; איטליכער איז זיי תמיד שולדיג און מיט איטליכען פיהרען זיי בעשטענדיג קאנטעס. גליקליך מעג זיך שעטצען יענער, ועמען זיי פארלייגערען דעם חוב אויף אביסיל שפעטער. — איך זעה עפּיס א נוזמא מקבלים, אביונים, קבצנים, דלפנים, טויגעניכטסען, קאליעקעס מלמדים, פארצעהנ־יאהרדיגע, פאריאָהרדיגע, און היינטיגס־יאהרדיגע בעלי־הביתליך, וואס עסען קעסט. איך הער פּרוצלים אויף דער גאס עפּיס כלי־זמר שפּילען, פריהער לויפען ווייסע חברה, הענדום פענדום, הינטען געהט א גרויסער עולם, עס ברענגען הבדלות. דאָס פיהרט מען צו דער שוהל א חופה, אומגליקליך צומאכען דארט א יונגעל מיט א מיידעל, וואס ווייסען נאָך גאָר נישט פון וואס צוזאגען. ביז שפּעט אין דער נאכט, זעה איך, פיהרט מען חופות, עס ווערען אפגעמאכט עפּיס א נוזמא חתונות. אלטע באבעס פליעסקען, מחותנים טאנצען, דער עולם איז לוסטיג, א שמחה! — מזל טוב אייך, יודען, מיט שפּאָגעל נייע אָרמע לייט! מזל טוב אייך מיט א ניי פעקיל לעדיגגעהער! מיט נייע קאנדידאטען אויף מלמדים, אויף מקבלים, אויף באנק־קוועטשער און אויף גילדענע אָדער יודען! מזל טוב אייך נאר מיט א פריש צעטיל פון קייטינע גרעט: מיט אלע אייערע שמוטציגע, פויקע און פוסטע מענשעליך! מזל טוב

אייך מיט פריש-צאַפּעלדיגע פּיאַווקעליך! גרייט און יודען, בל ט, גרייט און געלט געלט, געלט! —

נוואַלד, סאַלאַווי, נענונ, נענונ צו שפּילען! עס רייסט מיר דאס הארץ, עס שפּרינגען, עס לאַפּען אין מיר אַלע סטרונעס!...

8.

ווי איך קוים לעבעדיג פון זייערע הענט ארויס.

איך האב מיך אומגעקוקט דערנאָך צו מיין קליאַטשע האב איך געזעהען, ווי זי ליגט אויסגעשטרעקט ווי א טויטע און סאַפּעט גאנץ שטארק.

— אָך! האט זי צו מיר זיך אָנגערופען מיט א קרעכץ, זיי האבען מיך גאַר פערמוטשעט. איך פיהל, אז אלץ וואס ווייטער געהען מיר אויס די קרעפטען. אין דער צייט, ווען עס עפּעס זיך מיר אויף דאס מויל צום ריידען. ווען איך הויב מיך אָן ארומצוקוקען און אלסדינג צו בעטראַכטען, דערנסטמאַל הויב איך ערשט אָן צו דערפיהלען מיינע וועהטיגען... אָך, זיי האָבען מיך שרעקליך אָפּגעשוואַכט, שרעקליך קראַנק געמאַכט — איך פיהל אין מיר נישט קיין גאנץ אבר קיין גאנץביינדעל! זעהר שטארק האבען מיך דאָ ערשט פערמוטשעט עטליכע פאַרשווינדליך, איך בין פון זייערע הענט קוים גאנץ ארויס מיט דעם לעבען.

— דערצעהל מיר, בעט איך זי מיט א פאַרקלעמט הארץ, דערצעהל מיר, ווער זענען עס די ראַזינע פאַרשוינען, און וואס האבען זיי דיר געטאָן?

— העלף מיר, איך בעט דיך, אביסל זיך אויפצוהייבען און אנצושפּאַרען זיך אויף דער זייט. ס'איז עפּיס קיין דרך ארץ נישט ווי איך ליג אזוי אויסגעשטרעקט איך קען מיך, לא עליכם, אליין קיין ריהר נישט טאָן, אוי מיין קאָפּ, מיין קאָפּ!

— וואָס איז? האב איך זי א פרעג געטאָן מיט רחמנות, דער קאָפּ טוהט דיר נעביך וועה?

— אוי! האט זי געענטפערט, עס טוהט מיר וועה איטליכס א ב ר, איטליכס ג ל י ד בעזונדער, מיין גאנץ ל י י ב א ו ן ל ע ב ע ן. עס טוהט מיר וועה אי ד ע ר ק א פּ, דער קאפּ, אי דער גאנצער פ אָ ד ע ר ח ל ק, — דער פאָדער חלק ווי אויך מחילה דער ה י נ ט ע ר, הינטער חלק!....

— לאָז זיך פון דעסטוועגען נאר נישט אָפּ, האב איך זי געבעטען. מאָרגען, אז מיר וועלען זיין אין דער שטאָדט, וועל איך בעטען א דאָקטאָר, ער זאל דיך בעטראַכטען און דיר עפּיס פאַרשרייבען.

— אי, אי! האט זי זיך א חאַפּ געטאָן זעהר דערשראָקען. דערמאָהן מיר נישט, איך בעט דיך, דערמאָהן מיר נישט קיין דאָקטאָר! ווער קען נאָך אזוי ווי

איך דיא דאָקטוירים, דיא קאַנאַוואַלעס מיט זייערע רפואות, מיט זייערע פאַרשריי־בענטסען ?!.... ביי זיי איז באַלד לאָזען צו דער אָדער, בלוט אַפּצאַפּען און דורכ־ציהען זאַוואַלקעס. איך האָב שוין ברוך־השם אויף מיר אַ סך בלויע צייכענס פון זייער פאַרשרייבענטס. זעהסט־דו ביי מיר אַם דיא פרישע סינאַקעס? דאָס האָט מיר נישט לאַנג געמאַכט אַ דניעפּראָוויצער קאַנאַוואַל מיט זיין קליפּערנעציינ און מיט זיין פאַרשרייבענטס. ער איז פּשוט זיך מחיה, ווען עס מאַכט זיך איהם אַ גע־לעגענהייט צופאַרשרייבען. עס זעניען דאָ זעהר פיל אַזעלכע דאָקטוירימליך, וואָס וויא באַלד נאָר עפּיס אַ מינדסטע זאַך, אַ קליינינקייט, האָבען זיי שוין ליב צו שרייבען, און שרייבען און אַ מגילה, אַ גאַנץ גרויסען בויגען....

נאָכדעם אַז דיא קליאַטשע האָט וויא עס־איז זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער זייט, איז זיא געלעגען אַביסיל שטיל, האָט אָפּגערוהט און געהאַפּט דעם אָטהעם. דער־נאָך האָט איהר עפּיס וויא זיך איבערגעביטען דאָס פּנים, געקוקט אויף מיר מיט אַ פּאָר קלוגע אויגען, מאַקי נאָר וויא מענש, און אָנגעהויבען צו דערצעהלען מיט דיא ווערטער:

— אויב דוא ביסט אפשר אַ מאָל געווען אין גלופּסק מוז דיר זיכער בעקאַנט זיין, אַז נישט ווייט פון דער שטאָדט אַרויסגעהענדיג, לעבין וואַלד, איז געשטאַנען איין אַלטער פּאַלאַץ, אַ חורבה פון אַ לאַנגער צייט מיט יאָהרען. דער גאַנץ גרויסער, ברייטער פּלאַץ, אויף וועלכען ער איז געשטאַנען, האָט פאַרנומען דיא אויגען מיט זיינע שיינע גערטנער, מיט זיינע פּרוכטאָווע ביימער, חאָטש וויא אָפּגעלאָזען וויא ווילד פאַרוואַקסען מיט גראָז זיי זעניען געווען. נישט איינער נאָר פון דיא, וואָס פלעגען פאַרביי איהם געהען שפּאַצירען, פלעגט זיך אַלץ ווינשען, אַז נאָר ווער עס איהם העלפען צו געווינען דעם גרויסען געווינסט, דיא צוויי מאָל הונדערט טויזענט רובעל, אָדער נאָר צו געפינען איין אוצר, וכדומה נאָך זאַכען, וואָס דער אויבער־שטער קען צושיקען, דענסטמאָל וועט ער זיך אָוועק־קויפען אַט־אָ־דעם פּלאַטץ און דאָ שטעלען אַ שיין הויז. קיין בעסערס דערפון בעדאַרף מען שוין מעהר אויף דער וועלט נישט האָבען. דאָ קען מען לעבען גאַנץ גליקליך צווישען גאָט און צווישען לייט. אַזוי פלעגט איטליכער זיך ווינשען, און פון איטליכענס ווינשען האָט, וויא דער שטיינער איז, זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. דערווייל איז דער אַלטער פּאַלאַץ זיך געבליבען אַלץ מאַקי אַ חורבה און אַזוי אָוועקגעשטאַנען אַ היבשע צייט מיט יאָהרען.

נאָר אַלסדינג אויף דער וועלט האָט אַ צייט. אויף דעם אַלטען פּאַלאַץ איז אויך געקומען זיין צייט אויפגעריכט צו ווערען. עס האָט זיך געוויזען פּלוצלים דער

גליקליכער, דער מזלדינער מענש, וואָס איהם איז בעשעהרט געוועזן צו בעקומען דעם שיינעם, טהייערען פּלאַטץ. מיינסט־דוא אפשר, ער האָט געוואונען, אָדער געפונ־נען איין אוצר? חלילה, אפילו נישט קיין פּרוטה. אדער מיינסט־דוא אפשר, ער האָט געהאַנדעלט און פאַרדינט? נאָך א מאָל, ניין, חלילה! אדרבה, וויא אימלי־כען איז בעקאַנט, איז ער נעבּיך אין האַנדעל גאָר נישט מזלדיג געוועזן. ער האָט אין זיין לעבען עטליכע מאָל אַ זיינס אַ פרעמד געלט, לא עליכם, אָנגעוואוירען. צו וועמען ער האָט זיך צוגעריהרט, איז יענער ניזוק געוואָרען. אַ מאָל האָט ער זיך צוגעריהרט צו א צוקערפאַבריק פון א גרויסען, בעריהמטען סוחר, איז זיא, דיא פאַבריקע, מעשה שטן, פון אונטער זיינע הענט עפּיס וויא פאַרשוואונדען געוואָרען און איידער דער סוחר האָט נאָך צייט געהאַט זיך אומצוקוקען, דערוויייל האָט ער איהם פאַרפיהרט ביז דעם האַלז וויים אין דער בלאָטע. אַ־פּנים נישט בכיוון, נאָר גלאַט פּשוט, ווייל ער האָט אין דעם האַנדעל טאַקי קיין מזל נישט געהאַט. מילא וואָס דען־זשע? נאָט האָט איהם געהאָלפען אויף דער עלטער זיך אריינצודרעהען אין קהל און ווערען דער שטאָרטס בעל־טובה! קוים איז ער א געוויסע צייט אוועקגעזוועזן א בעל־טובה, א דרעהער אין דעם ק ע ס ט ע ל ע, האָט רבוני של עולם איהם מיט א מאָל בעצאָהלט שכר פאַר זיין צער, איהם בעגליקט פאַר זיין גוטסקייט, פאַר זיין מיה נעביך און איהם מזכה געוועזן מיט דעם אַלטען פּאַלאַץ! אין יענער צייט בין איך, שלימזלדיגע שקאַפּע, געוועזן אין זיינע הענט. ער האָט זיך א נעהם געטאָן צו מיר גאַנץ געשמאַק, מיט אלע כלים און געאַרבּיט מיט מיר עבודת פּרך. ער האָט מיך איינגעשפּאַנט אין וואַגען און איך, אָרימענקע, נעבּיך האָב איהם געמוזט אָנפיהרען אין גאַנצען דיא ציגעל און דיא לעהם אויף דעם גאַנץ גרויסען הויז, וועלכעס ער האָט דאָרט זיך אויסגעבויעט! אָפּנעהיט זאָל מען ווערען פון אזא בעל־הבית!....

קוים וואָס איך האָב איהם אויסגעבויעט פּיתום, האָט ער מיך אַ א קורצער צייט נעצוואונגען, איהם אויך אויסצובויען רעמסס. אויף אַ גרויסען פּלאַטץ, אין מיטען דער שטאָדט, וואָס איז אוועקגעשטאַנען ליידיג א סך יאָהרען, אהינצו האָב איך איהם געמוזט ווייטער אָנפיהרען לעהם און ציגעל, אויסצובויען א גרויסען מויער מיט א סך קלייטען.

שווערער נאָך פון לעהם און ציגעל איז מיר געוועזן צו פיהרען עפּעס אַ פאַר־פרומטען ספּאָדיק מיט זיין גוטער כנופיא, וואָס זיינען געוועזן צוזייעט, צושפּרייעט אין פערשיעדענע שטעדטלעך און בעוויזען זייערע וואונדער אין עבודת הבורא. איך האָב נעהאַט דאָס לויפעניש, אימליכען בעזונדער אָפּצופיהרען דעם רח״ש און אלע

בעדערפעניש, וואס מען בעדארף האבען צום לעבען. מען פלעגט מיך אנלאדען מיט משא און אלץ טרייבען, טרייבען. איך האב עס נאר קיין כח נים געהאט אויסצושטעהען!.... נאך א פעקיל האב איך אויף מיר געהאט, זעהר א ביטער פעקיל, וואס פון איהם מעגסט דוא חערען.

ערגעץ אין א שטעדטעל, דארט לעבען א געוויס טייכעל, ליגט דארט פון הונדערטער יאהר בעגראבען עפעס איינער, א גרויסער למדן. פון כמה שנים האט מיט איהם איטליכער דארט זיך מיחס געווען, נאר דערביי טאקי איז מען געבליבען. פלוצלינג ווייזט זיך אויף דעם מייעריל, וואס אויף זיין קבר, א נר־תמיד דאס הייסט א לעמפיל, אין לעמפיל עהל מיט א קנייטעל, וואס ברענט כסדר מיילא, דאכט־זיך, וואס איז אזוינס א לעמפיל? ווען געהט עס אן? מיר אבער האט עס געקאסט געזונד און לעבען. דיא דאזיגע פערזאנען, וואס האבען אויסגעטראכט דאס לעמפיל און אנגעהויבען ביי איטליכען, סיי ביי הינע, סיי ביי פרעמדע, דורכפאהרענדיגע אורחים, צו שלעפען געלד אויף עהל, אט זיי האבען מיך דערטאפט אין זייערע הענד. און אין דער צייט, וואס דיא דאזיגע לייט האבען זיך מתעסק געווען אין דער מצוה, דערוויל האב איך, שלימזלדיגע, געפיהרט און געפיהרט צו זיי א היים, אויך אין זייערע קלייטלעך פון אל־דאס־גוטס: גאנצע פעסער עהל, פעסלעך הערינג און מאסלינעס וכדומה נאך סחורות, וועלכע א קלייט בעדארף צו האבען. פון יענעם לעמפיל איז מיר וויסט און פינסטער געווארען אין דיא אויגען!..

איך בין קוים לעבעדיג פון זייערע אלעמענס הענד ארויס. נאר מיר אבער איז שוין אזוי בעשעהרט, אלץ צו הארעווען און אויסצושטעהען אויף דער וועלט פון איטליכען שלאק בעזונדער. אזעלכען, צו וועמען דער רוח האט מיך דערנאך פארטראגען, האב איך געזעהן דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען. דיא משא, וואס ער האט אויף מיך אנגעלייגט, איז בממשות נים געווען אזוי שווער. עס האט אבער געהאט א שרעקליכען נפוח, א נפוח־זאך איז א סך ערגער צו פיהרען וויא לעהם מיט ציבעל, וויא פעסלעך הערינג מיט עהל. ער האט מיך עפעס מיט אלערליי געדרוקטע בלעטער בעדעקט אין גאנצען אזוי, אז פון דיא בלעטער האט מען נאר געזעהן ארויסשטעקענדיג לאנגע אויערען און מחילה אן עק. מען האט זיך געהאלטען אין דיא זייטען לאכענדיג פון דעם, וואס איז דארט געשטאנען געשריעבען. עפעס האט מען שטארק חוזק געמאכט פון איהם נעביך, פון מיר נעביך און פון אונז ביידען. ער, א וואונדער חלעבען, איז געווען גאנץ רוהיג. אויב ער האט זיך נים ווייסענדיג געמאכט, אדער האט ער אפשר טאקי נים פערשטאנען. וויא דיא מעשה איז שוין דארט געווען, ער איז ביי זיך געווען שטארק. מיר אבער, מעשה

שטן, אין דיא זאַך זעהר ניט אנשטענדיג געווען, מיר איז שרעקליך ניט געפעלען, מען זאָל פון מיר, צוליעב איהם, לאַכען. היינט האָט מיר טאַקי אויך געריסען דאס הארץ אויף איהם נעביך, פאר וואס זאָל מען איבער איהם אזוי זיך לוסטיג מאַכען? א מענש, וואָס כמעט נישטאָ איין זאַך, אפילו א קלייניגקייט, אין וועלכער ער זאָל זיך ניט אריינמישען, טאַקי נאָר פאר נוטסקייט, חאָטש מען האָט איהם נאָר ניט געבעטען; א מענש א בעל סוד, און אז ער ניט שוין יאָ ארויס עפּעס „סודות" אָט אין דרינען טאַקי ליגט ערשט א סוד, עס איז זיכער ניט אומזיסט.... אזא גוט פראָסט מענשעל אָהן שום חכמות זאָל זיין אזוי צו געשפּעט! חלעבין א רחמנות. ווייניג מיינע צרות האָב איך נאָך געמוזט ליידען אויף זיינע, גענוג בין איך א שלימטזל, האָט מיר דער רוח בעשעהרט נאָך א שלימזל. איך האָב גע־האט גענוג אויסצושטעהן אי פאר מיר אי פאר איהם! טאַטשקעס וואָלט איך איהם באָדאי געפיהרט, אבי ער זאָל מיך בעפרייען פון אזא נפוח און פון לייטישע געלעכטער. איך וואָלט מיך געווען גליקליך געשעצט, ווען ער זאָל אויף מיך ברוגז ווערען און מיך פערקויפען, איבערגעבען אין אנדערע הענד. דאס אייביגע לעבען וואָלט איך איהם געוואונשען, עס וואָלט בעסער געווען פאר אונזביידע. מעשה שטן אבער, בין איך איהם שטאַרק געפעלען. עס איז איהם א פּנים אריין אין טעם.... איין קול, ער האָט מיך ליעב, ער האָט מיך ליעב! עס פלעגט מיר אזש ניט גוט ווערען נאָר צום ברעכען, הערענדיג תמיד אזעלכע רייד, ניט היינט געדאַכט! עטליכע מאָל בין איך געפאַלען מיט דעם גאַנצען נפוח און מען האָט אונז שוין א צייט לאַנג ניט געזעהן שלעפען זיך אויף דער וועלט. ער אָבער פלעגט זיך מאַכען הארץ און אויף נאָטס בעראַטה אָנהויבען אויף דאס ניי צו מאַכען מיט מיר דיא קאָמעדיע. אז דער רוח האָט מיט מיר און מיט איהם שוין גענוג זיך אָנגעשפּילט, גענוג זיך אָנגעלאַכט און לוסטיג געמאַכט דעם עולם, האָט ער מיך געחאַפּט און אריינגעגעבען נאָך צו אזעלכע מיני שלעק אין דיא הענד אריין, וואָס האָבען מיט מיר געמאַכט דיא שפּיל, אויך טאַקי מיט דעם אייגענעם נפוח, נאָר אויף איין אַנ־דער שטייגער. יענער, וויא דיא מעשה איז שוין דאָרט געווען, האָט נאָך פאָרט געהאַט הארץ, ער איז געווען נישט אזוי שלעכט, חלילה, וויא א טפּש. אז־אָך־און־וועה איז איהם נעביך געווען מיט מיר אין איינעם. ער האָט נעביך געמיינט דאָס שטיקעל פּרנסה. יענע לייט אָקעגען זיינען פערקעהרט, ניט אזוי קיין טיפּשים וויא שלעכט, האָבען געמיינט אי דיא יניקה פון מיר און דערמיט צוגלייך אויך אָנצר־טהאָן מיר צרות מיט דעם נפוח. לאָז אזעלכע וויא איך פארלירען דעם כח, קייען דיא ערד, קייבען און...

פֿין שליפֿמולדינע שקאַפֿע האט ביי דיא לעצטע ווערטער זיך שטארק פֿארקייכט, צוהוסט, נישט געקענט חאַפֿען דעם אָטהעם. איך האָב מיך אויך פֿארהוסט און וויינט אין דעם וואַלד האט זיך אָפּגערופֿען א הוסטענדיג קול.

.9

א צער בעלי-החיים!

נאָכדעם אז דיא שקאַפֿע האט אָפּגערערצעהלט איהר מעשה, האָב איך פֿון דעם גאַנצען הארצען א זיפֿץ געטהאָן און ווידער זיך פֿערטראַכט.

— עפּעס טראַכסט דוא מיר היינט צופֿיעל! האָט דיא שקאַפֿע צו מיר זיך אָנגערופֿען. דוא ביסט עפּעס זעהר צוטראָגען, לייג זיך צו שלאָפֿען און רוה זיך חלעבען אויס א ביסעל.

— איך זאָל שלאָפֿען?! מהו איך א זאָג מיט פֿייער. איך זאָל שלאָפֿען בשעת דוא ליידסט, בשעת דוא קרעכצסט, בשעת דיר טהוט וועה איטליכעס אבר?! איך זאָל שלאָפֿען אין דער צייט, בשעת דוא בעדאַרפֿסט האָבען הילף, בשעת דוא קענסט זיך נעביך אליין פֿון דעם אָרט ניט ריהרען און מוזט האָבען עמיצען, וואס זאָל דיר העלפֿען אביסעל זיך אויפֿצוהויבען, זיך צו שטעלען אויף דיא פֿיס?! אמת טאַקי, איך בין ניט דער מענש, וועלכען דוא בעדאַרפֿסט איינענטליך האָבען אין דיין נויט. וואס קען אזא שלאַף מענשעל, וויא איך, דיר העלפֿען? וואס, מישטעהנעס געזאָגט, איז אין גאַנצען מיין כח? קוים וואס איך האַלט מיך אליין אויף דיא פֿיס, מען קען מיך מיט א בלאָז אומוואַרפֿען. דוא בעדאַרפֿסט האָבען איינעם א שטאַרקען, א בר-יכולת, א געזונטען און א געניטען. נאָר כל-זמן אָבער דער איינער איז נאָך ניטאָ, כל-זמן דוא האָסט ניט קיינעם, טאָהר איך מיך נישט מאַכען ניט וויסענדיג און מיך לייגען שלאָפֿען. איך מוז אָנווענדען אַלע מיינע כחות דיר נעביך חאָטש עפּעס מיט וואס ס'איז צו העלפֿען. ניין, חלילה, וויא טאָהר איך, וויא קען איך שלאָפֿען? איך, זאָגסט דוא, זאָל רוהען! אדרבה, איז מעגליך צו רוהען נאָך אַלסדינג, וואס איך האָב געהערט און געזעהן? קען איך רוהען, אז אזעלכע גרויסע צרות שטעהען פֿאַר מיינע אויגען, אז דאָס גאַנצע פּעקיל ליידינ-געהער, בלוטזויגער פֿארשלאָגען מיר דעם קאָפּ און דרעהען זיך פֿאַר מיר, וויא שרעקליכע מחנות היישרעקען? אָט אָט, דאַכט זיך מיר, פֿאַלען זיי אָן, צונעהמען זיי מיר אויף שטיקלעך; אָט ניט איטליכער נאָר א קליינעם ביס, עסען זיי מיר אויף און עס בלייבט פֿון מיר נישט קיין שריד ופליט. ניין, זאָג איך דיר, איך וועל ניט שלאָפֿען, איך וועל נישט רוהען!...

— דוא רעדסט, האט מיין שקאַפּע געזאָגט און געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ, דוא רעדסט מיט פייער וויא א יונגער מאַן, זיי מיר מוחל; וויא איינער, וואס האט ערשט גענענדיגט דיא קלאַסען, געוועהנליך מאכען זייא גיכע בעקאַנטשאַפטען אוּן ווערען צו איינעם וויא צוגעזאָטען, עס טראָגט זיי אונטער דאָס מינדעסטע פּיטצעל עוֹלה, זיי ווערען אש-להבה, ריידען פאר פייער, פאר וואסער, נעהמען זיך אין קאָפּ אריין פוסטע זאכען און מיינען, אז זיי וועלען דיא גאנצע וועלט איבערשטעלען.... איך האב שוין אין מיין לעבען א סך אזעלכע געזעהן; דערנאָך אז זיי ווערען א ביסעל עלטער, קומען אין דער וועלט, הויבען אָן צו פיהלען דאגת-פרנסה, דענסט-מאָל לאזט זיי אראפּ דעם נאָז, עס נעהמט זיי אָפּ דאס לשון, און חוץ זייער איינענעם אינטערעס געהט זיי ווייטער קיין שום זאך נישט אָן. עס איז נאָך האָטש גוט, אז זיי אליין בלייבען עהרליך, פערקויפען נישט דעם אמת פאר א גראשען און שטעהן נישט צו צו יענע לייט, מיט וועלכע זיי זיינען פריהער געווען קאָנטרע, פאר זייערע קרומע נעגנ; עס איז נאָך גוט, אז זיי לויבען נאָך האטש נישט דיא דאזינע לייט פאר דער גאנצער וועלט און זידלען נישט אָפּ, שיטען נישט אָפּ מיט פּריסעק זייערע פריהערדינע גוטע פריינד.... מיט דיר וועט עס אויך אזוי געהן. אצונד ביסט דוא יונג, היים וויא פייער, שפּעטער א ביסעל וועסט דוא זיך אָפּקיהלען, וועסט מיך פערגעסען און גאנץ רוהיג שלאָפען, וואס וועט דיך אנגעהן אזא בידנע שקאַפּע? שפּעטער, נשקשה, וועסט דוא ווערען סעלטער און שטילער. דאס איז שוין אזוי על פּי דרך הטבע אי ביי מענשען אי ביי בהמות. קוק א שטייגער אן א מינדסט קעלביל, וויא אזוי שטארק זיא דריגעט מיט דיא פיסלעך, וויא אזוי שטארק זיא פאַררייסט דעם עק און שפּרינגט, נאָר אַ מחבל. קוק זשע אבער דאס אייגענע קעלביל טאַקי אן שפּעטער, ווען עס ווערט איין אקס, וויא שטיל עס איז, וויא עס געהט איינגעבויגענדיג דעם קאפּ אין דעם יאָך. וואס מאכט עס אויס? איטליכער חלעבין ווערדט שפּעטער איין אקס....

— חלעבין! האב איך זיך אנגערופען נאָך מיט מעהר פייער, דוא האָסט אין מיר, חלעבין, אַ טעות! אי דוא זאָכסט וויסע׳, וואס ביי מיר אין הארצען איז, וואס איך האב שוין פאר דיר געטאָן און דיינק נאָך עפּיס ווייטער צוטאָן!

— „וואס דוא האסט געטאָן און וואס דוא דיינקסט ווייטער צוטאָן!“ רופט דיא שקאַפּע פאַרוואונדערט זיך אָן. דערצעהל אדרבה, דערצעהל, לאָמיך הערען.

איך האב אקעגען א פאר מינוט זיך געבאָרעט אין דער בוזעם-קעשענע און ארויסבעקומען פון דארט געשריבענע פּאַפּירען.

אָט דאס, טאָך איך מיט איין ערענסט פנים, ארויסנעהמענדיג א בויגען פון

ריא פאפירען, אט דאס וועט דיר בעווייזען, אז איך האב ליב טאקי צו נאז, נייערט נאר אפקומען גלאט מיט ריידען אליין, אזוי וויא אנדערע. דאס איז מיין בריעף, וואס איך האב מכח דיר, פארשטעהסט־דוא מיך, געשריבען צום קאמיטעט פון דער חברה „צער בעלי החיים“, נאכדעם אז איך בין בעקאנט געווארען מיט דיין ביטערער לאגע.

דיא שקאפע מיינע שטעלט אויף דיא אויערען און איך לייען איהר אויף א קול מיין בריף מיט דיא ווערטער:

„דיא מדה פון רחמנות איז אזוי גרויס און אזוי שטארק אין דער מאדע היינטיגע צייטען, אז מענשען האבען אנגעהויבען רחמנות צוהאבען, נישט נאר אויף מענשען אליין, היינו: זיי נישט פיינט צו האבען, נישט צו פייניגען, נישט צו פארדרעהען זיי דעם קאפ מיט דעם לעבען, וויא אין דיא אלטע יאהרען, נאר איטליכען צובעטראכטען פאר א ברודער, פאר א חבר, פאר א פריינד, גאר קיין שום חילוק נישט צו מאכען פון וועלכער לאנד און פון וועלבע נאמנה ער מעג זיך זיין; נישט נאר מיט מענשען אליין, זאג איך, האט מען היינט אנגעהויבען זיך צובעגעהען מיט רחמנות און מיט מענשליכקייט, נאך מעהר אפילו מיט בהמות, אפילו מיט זיי בעגעהט מען זיך היינט מיט בארמהערצינקייט און מען בעטראכט זיי פאר גאטס בעשעפעניש, און וואס דעריבער פארדינט טאקי מיט רעכט היינטיגע צייט דעם נאמען: „דיא צייט פון מענשליכקייט“.

— מליצה, מליצה! פאלט מיר דיא שקאפע אריין אין דיא רייד מיט געשפעט. זעהר שיינע מענשליכקייט! האסט געמוזט אויך צושטעלען. אז היינט נעהמט איינער ביי דעם אנדערען ארויס דאס לעבען זעהר גרינג, גיך און באלד, מיט גוטע ביקסליך און קלוגע המצאות, וואס דער בארמהארצעדיגער דור האט, לטובה פאר דיא מענשען, אויסגעטראכט!

— ווארט נאר ווארט, שריי איך פארפלאמט, און לאז זיך דינען! וואס מויג מיר, וואס דוא רעדסט! הער אקארשט ווייטער, ווייטער. און זיי מיך נאר נישט מבלבל. ביי וואס בין איך געבליבען שטעהען? יא ביי דעם:

„היינטיגע צייט פארדינט מיט רעכט דעם נאמען: דיא צייט פון מענשליכקייט.“ דער כבוד פאר אזעלכע מדות טובות קומט אייך, רבותי, אייך, טהייערע, דימענטיגע און גוטע מענשען, אייך פיהרער פון דער בעריהמטער חברה „צער בעלי החיים“! דורך אייך זענין דאך געהאלפען געווארען אזוי פיל לעבעדיגע בעשעפעניש, אזוי פיל בהמות, אזוי פיל עופות, דורך אייך בענעהמט מען זיך שוין היינט מיט זיי בעסער, מענשליכער. אויס מאדע, פייניגען, שלאגען, אנטאן לייד! אוםעטום,

אויף אַלע וועגען, אויף אַלע שטרוזען, אין אַלע שטעדט, אין אַלע דערפער, אין אַלע לעבער, זענין דאָך היינט דאָ אייערע בארמהערצעדיגע משולחים, גוטע, פארשטענדיגע חברה־לייט, וואָס גיבען גוט אכטונג און רעכנען זיך מיט איטליכען אָפּ פאר א פינדסטע בעליידיגונג. חלילה־וחס מען זאל היינט בעליידיגען!....

— מליצה, מליצה, מליצה! האט דיא שקאפע ווידער איבערגעשלאָגען מיר דיא רייד מיט א גרויס געשפעט. אז וואויל איז אייך, לעבעדיגע בעשעפעניש! אז וואויל אייערע קינדער, וואס איהר לעבט אין אזא דור, וואָס גוטע חברה־לייט זאָרגען זיך פאר אייך! טאנצט בהמה'ליך, טאנצט!.... אין דער באָינע, זיי מוחל, געה אריין, וועסט־דוא הערען א קאָנצערט, וועסט הערען און זעהען, וויא היהנער, גענז, א ־דיקעס וכדומה זינגען, שפרינגען און צאפּלען זיך פאר גרויס פרייד! דארט שטעהט נאטס בן־יחידיל, דער מלך פון אלע בעשעפעניש, עפּיס א שוחט'ל, א פרום מענשיל, ער מאכט א ברכה, ניט א חיק א האהן, און באלד טאקי, אין דער הייסער רגע, פליקט ער איהם אויס דיא גאנצע פעדערען. דער האָהן שרייעט אָמן אויף א קול, און פארגעהט זיך אזש פאר גרויס תענוג. ער ווארפט זיך, ער צאפעלט־זיך נאקעטערהייט, א מאל טאקי א גאנץ היבשע צייט, ביז דיא נשמה נעהט איהם אויס, און אויסגעהענדיג טוהט איהם משונה הנאה, וואָס ער האט א זכית, אין איינעם מיט אלע היהנער פון דער שטאדט איבער צולאזען זיינע פעדערען בירושה דעם גוטען, דעם פרומען, דעם בארמהארצעדיגען שוחט'ל.... נענוג אָנגעפּאקטע ועקליך מיט פעדערען האב איך נעביך אין גלופסק, ביי דיא שוחטים, איבערגעפיהרט. פון דער דאָזיגער ירושה, אזא טהייערע, גילדערנע ירושה— אָדער וויא ביי זיי הייסט עס חזקה־פעדערען — האב איך נענוג געשוויצט גוט פארשווארצט געוואָרען, עס טוהט מיר פון איהר וועה דיא ביינער!

— עט, עט! האב איך זיך אָנגערופען, פארפלאָמט און פארפאַליעט פון דעם לייענען. עט, וואָס איז דאָס פאר א שייכות? דוא פארשטעהסט חלעבין נישט דעם גאנג פון שרייבען, האסט דרינען נישט קיין געפיהל הער בעסער ווייטער, ווייטער, וואס ווייטער שטעהט געשריבען! שוויג בעסער און הער מיט קאָפּ, וואָס איך לייען. אָט וואָס איך שרייב ווייטער:

„און אזוי וויא איך האב דעם כבוד אויף דאס גרויסע גליק איינגעקויפט צו זיין אין דער חברה, בכן איז אויף מיר מוטל אייך צו מעלדען מכח נאָטס א בעשעפעניש, וואס עס האט עפּיס נאר קיין נאָמען נישט, וואס איך וויים אסור אליין נישט, וויא איך זאָל עס אייך דאָ אָנרופען. זאָל איך עס אָנרופען קליאטשע, אין עס דאכט זיך — לאָכט נאָר נישט, איך בעט אייך — איז עס עפּיס א מענש,

לאָמיר זשע עס אָנרופען מענש, איז עס, דאַכט זיך, א קליאַטשע! נאָך א מאָל, רבותי, לאַכט פון מיר נישט! איך טראַכט עס נישט אויס פון דעם קאָפּ. פּשוט איז פּשוט דאָס מין בעשעפעניש לעבט אויף דער וועלט. עס איז א קליאַטשע, נאָר עפּיס האָט עס געפּיהלען און אַלע פּאָסטעמקעס, אַקוראַט וויא א אמענש. אז מען זאָל דאָס נעהמען על פּי חקירה, קען מען אפילו אויסווייזען, אז „אין כל חדש תחת השמש", דאָס הייסט, אויף דער וועלט טרעפט זיך אַזעלכע זאַכען. וואָס זענען דען געווען דיא פּ אָ ר י ע ר, א שטיינער, אין אינדיען? טאַקי עפּיס מיני מענשען, פאַר־רעכענט אַזוי פיל וויא דיא הינט... וואָס זענען דען געווען יענע, וועלכע עס האָבען א מאָל געאַרבייט „פּאַנשטשענע" — דאָרט אין אַמעריקאַ? אויך עפּיס נישט קיין מענשען, נישט קיין בהמות, ניט־דא געדאַכט! וואָס בעדאַרפט איהר מעהר, האָט דען ערשט נישט לאַנג איינער א גרויסער יעזואיט, פּאַטער בּ ו ר ג ש ט א ל ל ע ר אין דער שטאָדט פעלדקירך, פאַר גרויס כעס נישט געשטעלט דעם בעריהמטען חכם א ל ע ק ס א נ ד ר פ אָ ן ה ו מ ב אָ ל ד ט אין דער מדרגה פון דיא בהמות? ער האָט פּשוט געמאַכט דעם דאָזיגען חכם פאַר א פיה, פאַר א בהמה! א נס וואָס מען האָט בעצייטענס זיך ארומגעקוקט, זיך שטאַרק אויסגעלאַכט, איז דערפון גאָרנישט געוואָרען.... נאָר איך וויל מיך דאָ אָבער נישט אַריינלאָזען אין חקירות, אין דיא הויכע דיבים. אזוי צו אזוי, נאָר הנה זייט ווייסען, אז אין אונזער קאַנט איז דאָ א מין בעשעפעניש, וואָס עס קומט געביך שרעקליך אָפּ. דער וואָס בעדאַרף אַרבייט דערמיט מעשים, האָט פון דעם הנאה; עס נעהמט אין דעם יאָך און טראָגט משא איבער דיא קרעפטען. פון־דעסטוועגען בענעהמט מען זיך מיט איהם זעהער שלעכט, היינו: מען האַלט דאָס בעשעפעניש אָפּגעזונדערט פון דער שטאָדט־משערעדע, גלייך וויא עס איז א זאַראַזע. לאָז עס ערגיץ חאַפּען א לעק, עפּיס א ביסען, רייצט מען אָן הינט, מען שרייעט גוואַלד, עס געהט אין שאָדען און עס שיטען זיך אויף דעם שלימזל קלעפּ פון אַלע זייטען. א סך חברה־לייט זעהען עס צו און — א חידוש! — זיי מאַכען זיך נים ווייסענדיג גלייך וויא אַזעלכעס איז הפקר און נחער זיך בכלל מיט דער חברה נישט אָן. איך האָב מיך געפּרייוועט א פּאָר מאָל פאַר איהם אַרויסשטעלען זיך, האָב איך געהאַט מיין עהרליך אויסקומע־מעניש. גוואַלד, וועל איך שרייען, וואָס טוהט זיך דאָ אַזוינס?! אנגענומען איז דער סברא, אז דאָס בעשעפעניש, פון וועלכען איך שרייב דאָ, איז טאַקי נישט מעהר וויא א קליאַטשע, אוועקגעלייגט שוין אַלע אַנדערע זאַכען אין דער זייט, אָבער פאַרט איז זיא דאָך נאָטס א בעשעפעניש, נישט ערגער פון אַנדערע קליאַטשעס עס אין אויף איהר נעביך אויך א צער בעלי־החיים!....

און איהר בארמהארצעדיגע נבאים פון דער טהייערער חברה, וואס אייער רחמנות איז אזוי גרויס אויף אלע חיות, אויף אלע בהמות, דערבארמט אייך אויף דער ווייסטער, אומגליקליכער קליאטשע! שטעהט איהר ביי אין איהרע נייטען און נעהמט זיך אן איהר קריוודע. שפרייעט אויף איהר אויס אייערע פליגלען און לאז וויא דורך אייך אויך געהאלפען ווערען. לאז זיא, שלימזלדיגע נעביך, אויך וויסען אז היינטיגע צייט איז נישט מעהר הפקר א וועלט. עס איז דא א חברה „צער בעלי־החיים!“

10.

ווער איז איהר שולדיג?

דיא לעצטע ווערטער פון מיין בריף: „היינטיגע צייט איז נישט מעהר הפקר א וועלט, עס איז דא א חברה צער בעלי החיים!“ האב איך אויסגעלאזט אויף א קול, אזוי הויך, אזוי שטארק, אז עס האט אזש געהילכט אין דעם גאנצען וואלד, גלייך וויא דיא אלע בעשעפעניש דארט האבען אנגעקוואלען הערענדיג אזעלכע ווערטער, פאר שמחה זיך ארומגענומען, איינער דעם אנדערען געזאגט מזל טוב מיט אזא גוטער בשורה און א געשריי געטאן; עס זאל לעבען און געזונד זיין דיא חברה צער בעלי־החיים! דעם נאמען פון דער חברה האב איך באמת געדערט זיך אפרופענדיג גאנץ קלאהר אין דעם וואלד. דיא שקאפע אבער האט געשוויגען, געשאקעלט דעם קאפ און געקוקט אויף מיר מיט א שמייכעלע, עפיס וויא איינער זאגט; אי, ביסט דוא א לעקיש!... מיך האט דאס אפילו אביסיל פארדראסען, איך האב אבער ביי מיר גע־טראכט: עט, זיא האט אין שרייבען א קליינע ידיעה... פארט, לא עליכם, אזוי פיל יאהר א קליאטשע.

איך האב מיך א קראטץ געגעבען אין דער פאטיליציע, צוגומען נאך א בויגען פאפיר און געלייענט דאס, וואס דער קאמיטעט פון דער חברה האט מיר געענט־פערט.

„אין אונזער תשובה אויף אייער בקשה מכח דער קליאטשע, אדער דעם בעשע־פעניש, וואס מיר קענען נארנישט פארשטעהען, וואס פאר א מין שלימזל דאס איז, זענען מיר קאמיטעט פון דער חברה „צער בעלי־החיים“ אייך, ליבהארצעדיגער האר, מודיע, אז חוץ אייך זענען שוין צו אונז אנגעקומען א סך פראשעניעס פון פאר־שידענע מענשען אלץ מכח דער דאזיגער קליאטשע. א טהייל קלאגען זיך אויף דיא דאזיגע, וואס פייניגען זיא, בעשרייבען איהר שלעכטע לאגע און בעטען רחמים, אז מיר זאלען געבען בפירוש א בעפעהל צו אונזערע חברה־לייט, אומעטום, וואו דיא קליאטשע געפינט זיך, זאל מען מיט איהר זיך בעגעהען מענשליך, אזוי וויא מיט

אלע אנדערע בהמות און בעשעפעניש, וואס שטעהען אונטער אונזער שוטץ, נאר אהן א שום אונטערשייד ; מיר זאלען איינמאל פאר אלע מאל אנזאגען, אז אין דעם דין פון רחמנות זענין נכלל אלע בעשעפעניש גלייך, אפילו די קליאטשע אויך. און ווען מען וועט זעהן וויא עמיצער בעהאנדעלט זיא שלעכט, זאל מען מיט איהם טאקי אויף דעם ארט זיך אפרעכנען כפי הזאקאן. צווישען דעם דאזיגען טהייל געפינען זיך אויך אי אזעלכע, וואס מאכען פון דער קליאטשע א גאנצען פירוש, פלאפערען און פלוידערען איבער איהר עפּיס משונה ווילדע הגדתות, פונקט כחילה, וויא איהר, ליבהארצעדיגער האר. אקעגען־זשע ווידער א טהייל שרייבען פארקעהרט. „איהר קענט נישט און איהר בעדארפט נישט“, זאגען זיי צו אונז, „זיך אויפשטויסען מיט דיא דאזיגע, וואס דערלאנגען אזעלבער א מאל א קלאפ. דער קלאפּ איז זעהר נעהטיג, מען קען נישט אויסקומען אנדערש“. לויט זיי זאגען, פיהרט זיא זיך אויף עפּיס זעהר ווילד, איהר גאנצער הילוך איז נישט וויא עס בעדארף צו זיין. וויל מען זיא איינשפאנען, ווּא דער שטיינער איז, שטעלט זיא זיך אויף דובאם, זאגט קוממיות, — פארקוקט מען זיך א מאל, שפרינגט זיא ארויס פון דיא האלאבלעס, ווארפט פון זיך אראפּ דיא גאנצע משא. האט ליב שטילערהייט א בריק צו טאן, א ביס צו טאן קליינע קינדער. זיא מוז אויף זיך האבען א בייטש, אהן א שמיטץ איז גאר אוממעגליך מיט איהר אויסצוקומען. היינט דערצו איז זיא נאך אומריין. עס הייגט איהר נאך א לאנגע קאלטענוואטע גריווע, עס יאטרעט זיך איהר עפּיס אויף דעם קאפּ, איז יאדעשליווע. מען קען זיא אויף קיין סברא נישט לאזען זיין צווישען אנדערע פערד, זיא וועט זיי נאך זיכער זאראזען. און וואס צום ארבייטען איז נוגע, טויג זיא בשום אופן נישט צו איטליכער ארבייט, נאר עפּיס צו געוויסע, נישט קיין שיינע מלאכות. צו דיא אלע מעלות האט זיא נאך שטארק ליב צוגעהען אין שאדען, נישט איינמאל פארנעהמט מען זיא צווישען תבואות, וואס זיא פרעסט, צוטרעט זיי און טהוט דערמיט דיא פויערען נעביך שרעקליכע הזקות און, בשעת אנדערע פערד, א סך שעהנערע, בעסערע פון איהר, פיטערען זיך גאנץ פיין, וויא עס געהער צו זיין, אויף דעם גרינעם גראז. עס איז דעריבער מסוכן אזעלכע צו האלטען אין דערפער. איהר בעדארפט אייך חלעבין גאר נישט וויסענדיג מאכען, נישט זוכען זיך צו יענעם, וואס איז א מאל זיא מכבד מיט א קלאפּ. נישט אויף איטליכען קען דיא חברה רחמנות האבען. זיא פארדינט נישקשה דעם קלאפּ. זיא איז איין אנשיקעניש, א פלאג פון זיין ליבען נאמען !“

ביי דער קליאטשע נעביך האט זיך ארויסגעריסען א זיפץ טיף פון דעם הארצען. זיא האט אויפגעשטעלט דיא אויערען, אויפגעעפענט דאס מויל, הערענדיג

אזעלכע מסירות, אזעלכע בלבולים אויף איהר. איך האב אביסיל מפסיק געווען, בכדי צו חאפען דעם אטהעם, דערנאך האב איך ווייטער געלייענט:

„נאכדעם אז מיר, קאמיטעט, האבען גוט אויסגעהערטביידע צדדים און פון אונזער זייט אויך פארגומען וועגען דער קליאטשע שטילערהייט „סוויעדיענעס" דורך אונזערע חברה-לייט, האבען מיר די גאנצע „דיעלע" מכח איהר מיט אלע פאפירען איבערגעגעבען א בעזונדער קאמיסיע, זיא זאל עס ריכטיג בעקלעהרען און געפינען גוטע מיטעל, וויא מען זאל דיא זאך פארבעסערען. דיא קאמיסיע האט אין דער זאך שטארק געארבייט און פון איהר זייט אויך חוקר ודורש געווען ביז זיא איז ברוך השם געקומען אויף א שטיינער.

— עס וועט שוין א מאל איין עק א סוף נעהמען דיא פוסטע רייד? האט דיא קליאטשע א פרעג געטאן, עס ווערט חלעבין נישט גוט הערענדיג.

— נישקשה, ווערסט באלד הנאה האבען, האב איך געענטפערט און ווייטער געלייענט:

—אין איהר „דאקלאד" האט דיא קאמיסיע אונז פארגעלייגט איהר חות-דעת מיט דיא דאזיגע ווערטער: קודם-כל, זאגט זיא, זאל מען דער קליאטשע אראפ־נעהמען דיא קאלטענעס, לאז זיא באמת ווערען אביסיל ריינער. בכדי אויסצומיידען א סך סכסוכים וועגען דעם ענין און צופארבעסערען איהר צושטאנד אויף להבא, מוז מען נאך אונזער מיינונג, זעהען, זיא זאל נישט זיין אזוי פארגרעבט, מען בע־דארף איהר שטעלען א גאנג — זיא בילדען און אויסלעהרנען וויא צו שטעלען א פוס און נאך זאכען, דערנסטמאל ערשט לאז זיא זיך בענוטצען מיט אונזער רחמנות; ערשט דערנסטמאל, אז זיא וועט קענען דיא אלע קונצען, וועלכע מען פארלאנגט פון א געלעהרענטער קליאטשע, דערנסטמאל וועט דיא חברה איהר ביישטעהן אין נישט צולאזען, מען זאל זיא גראב בעהאנדלען, דערווייל מוז מען אכטונג געבען, אז פון דיא פעלדער מיט תבואות לאז זיא, בכל האופנים, זיין אביסיל דערווייטערט, טאקי פון איהר טובה וועגען. דאס הייסט, וויא דיא מעשה איז, געהט זיא, אדער געהט זיא נישט אין שאדען, דערווייל לאז מען אויף איהר נישט אנפאלען....

„דער דאזיגער פלאן פון דער קאמיסיע איז אנגענומען געווארען און מיר האבען שוין פון אונזער זייט געטאן אלסדינג, וואס מעגליך איז, איהם, מיט גאטס הילף, אין קורצער צייט אויסצופיהרען.

„אינדעם אז מיר זענין אייך דאס מודיע, קענען מיר זיך נישט איינהאלטען נישט צו דאנקען אייך, בארטהארצעדיגער האר, פאר אייער געטריישאפט, מיט וועלכער איהר דינט תמיד דער חברה, און פאר אייער גרויס רחמנות, מיט וועלכער

איהר זארגט זיך שטענדיג פאר דיא אומשולדיגע, אומגליקליכע פעשעפעניש געביך. דער קאמיטעט נישקשה האט איין אויג און פארשטעהט אזעלכע ניטצליכע מענשען וויא איהר צו שעטצען. א. ז. וו.“

מיין קליאמשע איז געלעגען שטיל און נאך דעם לייענען מעהר נישט גערעדט קיין ווארט. איהר דאזינער שטילשווייגען האט מיך איבערגעשראקען. עס איז מיר איבערגעאנגען אין דער מחשבה, טאמיר האט איהר דאס לשון אפגענומען. באלד ועט פון דער העלער הויט עפים א לץ ארויסשפרינגען און מיט איהר פארשווינדען ווערען. פלוצלים האב איך טאקי דערהערט עפים א קול אין וואלד און בין פארציטערט געווארען. ווייס איך וואס אין א וואלד קען זיך מאכען! אפשר איז עס א נישט גוטער, אפשר א וואלף און אפשר גאר א גזלן! איך האב מיך א חאפ געטאן צו דער בוזעם קינשענע זיך ארונטערגערוקט בעסער אונטער דיא צווייגען און געזעסען איז שרעק, אין איינע צרות. דאס קול האט ווייטער ווייטער געלאזט זיך בעסער הערען און נאך אין א פאר מינוט איז פון דעם וואלד ארויסגעפאהרען א פויער מיט א גרויסע פוהר האלץ. ער האט געשריען, געפלוכט און געשאלטען, געשלאגען טויט שלעק זיין קליין פערדיל נעביך, וואס איהם איז שרעקליך שווער געוועזען צו שלעפען אזא משא און פלענט זיך אלץ אפשטעלען. עס איז מיר אראפ וויא א שטיין פון דעם הארצען, אז איך בין ארויס פון דער סכנה, האב א שמייכעל געטאן און בין מיר געבליבען זיצען רוהיג.

— באמהארצעדיגער האר! האט דיא שקאפע מיינע צו מיר זיך אנגערופען, וויא קענט איהר זיטצען אזוי רוהיג, בשעת יענער שלאגט דארט זיין פערדיל נעביך? וויא קענט איהר, רחמנות׳דיגער האר, אזעלכס רוהיג צוזעהען?

איך האב מיך פארשעהמט פון דיא ווערטער און מיך געלאזט צוגעהען צו דעם פויער מיט דעם פוהריל.

— טשויעש! זאג איך צו איהם. פאר וואס שלאגסט-דוא אזוי דאס פערדיל נעביך? א רחמנות, מען טאהר אזוי נישט שלאגען.

— שטא ווין טאם קאזשע נעמאזשנא! האט דער ערל שטארק פארוואונדערט געענטפערט און זיך גענומען ווייטער צום פערדיל נעביך.

— איך וועל דיך אסור נישט לאזען שלאגען. מאך איך שוין טאקי אביסיל אין כעס.

— ווער הערט דיך? וואס פאר א פראווע האסט-דוא זיך צו מישען און נישט לאזען מיך, צו שלאגען מיין חודאבע?

— איך בין איינער פון דער חברה „צער בעלי-החיים“! האב איך געענט־

פערט מיט גדלות און געמיינט, דער ערל וועט זיך איבערשרעקען און אראפחאפען דאס חיטעל.

— דער רוח זאל דיך וויסען מיט דיין חברה ! טשעפע זיך אפ משוגענער, צו אלדע שווארצע יאָהר ! איך האָב דאָ נישט קיין צייט צו טענהן. דעם וואגען האלץ בעדארף איך פריינגען אין דער שטאדט נאך גאנץ פריה.

— דאס פערדיל אבער קען נישט שלעפען אזא אנגעלאָדענעם וואָגען.

— נוא, שפאן זיך איין און העלף איהם שלעפען, אז דוא ביסט אזא וואוילער.

— ווארף אראפ אביסיל האָלץ.

— בעצאהל מיר, וועל איך אראָפווארפען.

— הערסט-דוא חכם ! בעצאהל איהם ! פאר וואס זאל איך דיר בעצאהלען ?

— צי ביסט-דוא משוגע, צי שכור, צי ביסט-דוא א לץ, צי וואס ? טפוא ! טשעפע זיך אפ, זלודניע, צו אלדע רוחות ! רופט דער ערל זיך אן שטארק אין כעס און טחוט א שמיץ דאס פערדיל.

— איך בין א חברה מאַן ! איך וועל דיך נישט לאזען, הערסט-דוא ?

— איך וועל דיר ברעכען א ביין, משוגענער! צו אלדע שווארצע יאהר מיט דיינע חברות ! האט דער פויער געפלוכט, געשאלטען און שוין געהאט בדעה מיך א שמיטץ טאן מיט דער ביימש.

איך בין נישט טויט, נישט לעבעדיג אנטלאָפען און האב זיך געזעצט אויף מיין פריהערדיג אָרט.

11.

לעהרנען זיך טאנצען.

א היבשע צייט בין איך מיר געזעסען שטיל און דער צונג האט מיר זיך נישט געליינט צו ריידען א ווארט. דערנאך האב איך מיך אביסיל אויסגעהוסט און א פרעג געטאן דיא קליאטשע :

— הא, וואס זאגסט-דוא צו דער חברה ? וויא גוט, וויא פיין זיא איז, וויא זיא האט דיך אין זינען און וויל פארזארגען דיין תכלית ! זיא וויל דיר פארריכטען דאס מזל, אז ווייטער זאל מען דיך אזוי שלעכט נישט בעהאנדלען. נאר דאס ווענדט זיך אבער אויך א סך אן דיר. דיין גליק, דיין בעסערע מערכה הייננט פיל אפ פון דיר אליין. ווען דוא וועסט פאלגען, אננעהמען אלע פאָסטעמקעס, אלע נעננ פון געלעהרענטע פערד, וועט דיר, אם ירצה-השם, שפעטער זיין גוט. אנשטאט דיא גראָבע מלאכות וועט מען דיך געברויכען צו שיינע און גרינגע ארבייט. ווער

ווייסט, וואס מיט דער צייט קען זיך מאכען? עס קען נאך ווערען פון דיר לייט און זאלסט בעקומען נאר איין אנדער פנים. הא, וואס זאגסט דוא?

איך בין ביי מיר זיכער געווען, אז דיא קליאטשע וועט נאר אנקוועלען פון דער בשורה. עס וועט איהר פשוט א שטיק געזונד צוקומען, הערענדיג אזעלכע ווערטער. זיא וועט זיך אנהאפען, וויא מען זאגט, מיט הענט און מיט פיס און פאר גרויס שמחה אפגעבען א דאנק און א לויב דעם, וואס איך האב דיא הענט נישט געוואשען, וויא אויך מיר, זיין שליח, וואס האב איהר אנגעזאגט אזא גוטע בשורה. איך בין זיך מודה, אז מיר טהוט עפיס משונה ווילד הנאה ווען איינער דאנקט מיר פאר א טובה, וואס ער האט פון מיר, אדער דורך מיר, געהאט. עפיס פיהל איך מיך דענסטמאל, אז איך בין זיין האר און ער איז מיין קנעכט, איך בין דאס דער פיינער מענש, דער בעגליקער, דער בעל רחמים, דער בעל-טובה און ער איז עס.... א נעביך.... מיר, פארשטעהט זיך, קומט אלסדינג, מיר קומט אי געלט אי אלע תענוגים, און איהם וואס?....לאז ער זיך פרעהען וואס אזא מענש, וויא איך, האט אויך איהם רחמנות געהאט און איהם עפיס געגעבען. ער וואלט דאך פון מיר נאך געסענט האפען נאר א פסק. א שטיינער ער זאל געווען אריינגעקומען צו מיר און גע־בעטען עפיס א זאך, וואס איהם בעריהרט עס אין דעם לעבען, ביי מיר אבער איז דאס נאר א שפאט, דענסטמאל האט מיר גראד געקענט אויסקומען, אויף איהם קרום א קוק צו געבען, זיך נישט צו לאזען ריידען און צו פארדרעהען מיט דער נאז אזוי, אז ער וואלט קוים דיא טהיר געטראפען. מיט איין קוק וואלט איך איהם דערקוועטשט, וויא א פליג, און זיינע אלע האפנונגען, מישטעהענס געזאגט, צעריסען וויא א פויטינע. אין גאנצען האט עס זיך געווענדעט טאקי נאר אין איין האר.— בשעת אזעלכער דאנקט מיר פיהל איך, וויא גרויס א פנים איך בין. עס דאכט זיך מיר דענסטמאל, גלייך וויא ער איז מיר מודה אויף דיא ברכות, גיט מיר אפ דיא וועלט, אויך יענע וועלט און זיך אליין האלט ער מיט רעכט טאקי פאר א גארנישט. מיר, פארשטעהט זיך, קומט א גרינג לעבען, אהן מיה, אהן זארג. דארויף בין איך דאך א פיינער, איידלער מענש, און איהם.... איהם איז עפיס איין אנדער זאך... מיר זענען טאקי ביידע פלייש און בלוט, פון דעסטוועגען איז נאך א גרויסער חילוק צווישען בלוט און בלוט, איידעל בלוט איז פארט עפיס אנדערש. היינט איז טאקי אונזער ביידענס טבע אויך נישט גלייך, איך בין געווען געוואוינט גוט צו לעבען מיט אלע תענוגים; זאל מיר נישט זיין צו דער צייט דאס גלעזיל קאווע, דאס גלעזיל טהע, אדער לאז מיר צו מיטאג נישט דערגרייכען עפיס א געריכט און לאז איך מיך איין איבריגען ביינ טאן בין איך פשוט אוים מענש, ער אבער איז געוואהנט

נעווארען צו הארעווען, ער איז פארגרעבט, אהן א שום נעפיהל. איין ארם־מאנס קישקע ק:ויבט נאר נישט איבער; האטש דאר ברויט, האטש קרעטענעס, אפי עסען.... וויא קומט ער צו מיר? בשעת עפיס א נעמיין מענשיל, עפיס א נויט־בעדערפטינער דאנקט מיר מיט א ציטערדיג קול, שטעה איך און שמייכעל מיר אביסיל, עפיס זעהר משונה, וואס לאזט זיך נאר נישט צו בעשרייבען. עס ליגט אין דעם שמייכעלע אי עניות אי גדלות, אי כלומר־שט ערענסט אי נעשפעט, אי צונע־'אזטקייט אי א שטופ פון זיך אויף א מייל, אי מהיכא־תיתי א רחמנות אי מהיכא־תיתי א רוח אין דיין טאטען, אי רשות יענעם צו ריידען אי אנצוהערעניש: פון דעסט־וועגען דרך ארץ! אז איך שענק איהם דענסטמאל א קוק, דאכט זיך מיר, ער איז זיך פשוט מחיה; שענק איך איהם נאך עטליכע ווערטער, לאז מיך צו איהם אראפ און זאג איהם פאר נוטסקייט מוסר, וויא א שטייגער: מען בעדארף ארבייטען, הארעווען, פארדינען כשר דעם גראשען מיט שוויס, מען בעדארף זיך נישט פוילען, מען בעדארף לעבען מיט חשבון; אדער איך מיש מיך גלאט אריין, אויף נאטס בע־ראטה, מיט עצות אין זיינע זאכען און זאג מיר בויך־סברות, אט אזוי בעדארף מען דאס און דאס מאכען, דאס און דאס שרייבען, אזוי איז גוט, אזוי איז שלעכט וכדומה דעות נאר אהן א שום טעם — דאכט זיך מיר, קוועלט ער פשוט און ער זאגט אויף מיין איטליכס ווארט נאך אמן און דאנקט מיר פאר מיין זיסען מוסר, פאר מיינע קלוגע עצות. איך מיין, אז אין דרינען זענין מיר גלייך א סך נבירים, א סך בארמהארצעדינע גרויסע לייט. איך דערקען עס תמיד אין זייער פנים, אין זייער שמייכעלע, אין זייערע שיינענדיגע אייגעליך, אין זייער דבור, אין זייערע עצות און אין וייער מוסר־זאגען. נאך בעסער ווייזט זיך עס א מאל ארויס אין זייער האנד געבען, דאכט זיך אין פלוק וואס איז אזוינס א האנד געבען? ביי פראסטע מענשליך איז דאס פשוט, מען גיט יענעם דיא האנד, מיט אלע פיננער, וויא זיא איז, נאר אהן חכמות; ביי דיא פיינע מענשען אקעגען שטעקט אין דעם האנד געבען גרויסע חכמות. מען גיט זיא אויף פילערליי ארטען, אין איטליכער ארט ליגען גאנצע הלכות, עס ליגט דרינען א גאנץ לשון. בשעת איך בין געווארען א פיינער מענש האב איך אוועקגע־לעהרענט דיא חכמות פון א האנד געבען, א לאנגע לאנגע צייט. אז גאט וועט מיר שיינקען געזונד און לעבען, טראכט איך אפדרוקען זעהר א דיקען ספר, אין עטליכע חלקים, מיט דעם נאמען „חכמת היד". דער ערשטער חלק שמיעסט פון נעהמען, מילא דאס איז א גרינגע זאך, איין כלל אויף תמיד, פאר איטליכען גלייך, אז נעהמען בעדארף מען מיט דער גאנצער האנד, און אויב עס לאזט זיך איז מען זיך אומעטום נוהג צו נעהמען מיטביידע. דיא גאנצע שוועריקייט ליגט אין געבען. דארויף שטעלען

זיך אלע מפרשים, דרינען זענען דא טויזענט פירושים, און דאס איז דער עיקר אין דעם ספר. איך בין זיכער, אז דיא וועלט וועט פון דעם ספר א גרויסען נוטצען האבען, בפרט יענע מיני מענשעליך, וואס וועדען פלוצלים אויפגעריכט, וואס ווילען זעהר שפילען א ראליע, אין אלע זאכען נאכצומאן דיא גרויסע לייט, דיא פיינע בריות; וויא אויך יענע מיני נקבות, וואס ווארפען פלוצלים אין דיא עלטערע יאהרען פון זיך אראפ דעם שלייער. פוטצען זיך אויס נאך דער לעצטער מאדע, מאכען חן, בלאזען פון זיך זעהר שטארק און ווערען פון דער העלער הויט נאנצע דאמען!....

היינטיגס מאל אבער איז מיר נישט בעשעהרט געווען הנאה צו האבען. דיא קליאטשע, ווייניג וואס זיא האט מיר נישט נעדאנקט, האט זיא נאך, וויא עס האט אויסגעזעהען, אפילו נישט געוואלט הערען מיינע רייד. זיא האט זיך אוועקגעקעהרט גאר אין דער זייט און גענעסען גראז מיט אזא מינע, וויא זיא וואלט לחלוטין נישט געוואוסט אויב איך געפין מיך גאר דא לעבין איהר. דאס האט מיך אביסיל נעדארט, איך האב איהר נאך א מאל איבערגעחזרט מיינע פריהרדינע ווערטער, זיא האט מאקי ווייטער זיך נישט וויסענדיג געמאכט און געטאן איהר זאך, וויא איינער רעדט: וואס ארט מיך, אז יענער פלוידערט? אז יענער וויל מיך לעהרנען? — אזא בעליידינונג האב איך שוין נישט געקענט אויסהאלטען, וואס הייסט? עפיס נארעשקייטען דערצעהל איך דא? איך שמיעס דא מכח השכלה, מכח בילדונג!.... עס האט מיך אונטערגעטראגען, פאר וואס דאס איז ביי איהר עפיס נישט אזוי אנגעלייגט. איך האב זיך אויפגעשטעלט געשווינד אויף דיא פיס, מיך אומגעקעהרט מיט דעם פנים צו דער קליאטשע און איהר געזאגט א גאנצע דרשה.

— איטליכען איז בעקאנט, האב איך געזאגט מיט פייער, איטליכען, פון קליין ביז גרויס, איז בעקאנט, אז אלע חכמים פערגלייכען דיא בילדונג אדער געלעהרענטקייט צו דער ליכטיגקייט: ותורה אור, און דיא געלעהרענטקייט איז ליכט, זאגט אויך דער פסוק. אבער דאס גראבקייט און דאס נישט-געלעהרענטקייט פערגלייכען זיי צו פינסטערנים. א געבילדעטען איז ליכטיג אין דיא אויגען, אין אלע זיינע רמ״ח אברים. דיא בילדונג גיט איטליכען, אקוראט וויא דאס ליכטינקייט, גליק און לעבען. ווער עס איז נאר געבילדעט לעבט זעהר גליקליך אין עושר אין כבוד. ער האט תענוג פון דער וועלט און דיא וועלט האט גרויס תענוג פון איהם, איטליכער האט איהם משונה ליב, נעהמט נאך איהם פשוט אויס. מען גיט איהם דאס שעהנסטע, דאס בעסטע, אפילו דאס טעלערעל פון דעם הימעל נעהמט מען איהם אראפ און מען טראגט איהם צו פון פיינעלמילך. הכלל עס איז איהם גוט, גוט, נאר גוט. נבירים, רייכע לייט, קוועלען פון איהם נאר אן, זענען פשוט זיך מחיה און לעקען דיא

פינגער פון זיינס א וואָרט, איטליכער שלעפּט איהם צו זיך וויא א פּחייערען ברי־
לאנט, און לאזען זיי מאכען א באל, א מיטאג, אדער עפּיס א קערמעשיל, שטעהט ער
ביי זיי אין צעטיל דער ערשטער וויא א שפּינעלע. זיי פארשטעהען, נישקשה, אז
טאקי געלד איז שמעלט. היינט איז עס דאָ, מארגען נישטאָ, אָבער ער — ער אליין
איז נעלט, ער איז גאלד און זילבער. וואס טויג איהם געלד? וואס טויג איהם ציהד־
רונג? אז ער אליין גילט וויא א מטבע, אז ער אליין איז איין אבקדטוב! לאז ער
פריווען עפּיס בעטען א חלואה וכדומה דערפיללען זיי תיכף־ומיד זיין בקשה מיט גרויס
שמחה. וועלכער גביר, א שטיינער, וועלכער רייכער מאן האָט אין זיין לעבען, א
מאל אין עפּיס א זאך, א געבילדעטען אפגעזאגט? וועלכער, אדרבה וועלכער? —
איך מיין טאקי קיינער נישט! קלאנט זיך אויף זיי גראד אין דער זאך עמיצער, איז ער
זיכער א ליגנער, און אויב ער איז בעקאנט פאר נישט קיין ליגנער, מוז דרינען אודאי
עפּיס זיין, איינער דעם אנדערען האט א פנים נישט געמוזט פארשטעהען, ביידע
האבען געמוזט א טעות האבען.... דיא אריסטאקראטען, דאָס הייסט, דיא פיינע
לייט, וואס פעררייסען דיא נעז און בלאזען פון זיך תמיד, גלאט אזוי אחן א שום
טעם; וואס פערלאנגען, אז איטליכער זאָל פאר זיי האבען אפּשיי, צוליב זייערע
מאָדנע הויזען, שטיוועלעטען וכדומה, צוליב זייער מבינות אויף שיינער סחורה און
אויף אלע געשמאקע זאכען, וויא אויך צוליב זייער גוטען מיטאג, וואס אין איהם
קומט אריין מעהר אביסיל פלייש מיט שמאלץ און מעהר מיט א געריכט, וויא ביי
דעם געמיינעם עולם — אָט דיא אפגעפיינטע מענשעליך, זאג איך, לויפען דעם גע־
בילדעטען אקעגען און גיבען איהם גרויס כבוד אפ.* אפילו יענע מיני דאמען, וואס
מאכען שטארק חן, אזוי אז ביים צוגעהען צו זיי א מאל ווערט מען בטל, מען מיינט
זיך עפּיס משונה, מען ווייסט נישט וויא מען זאל שטעהען, וויא מען זאל זיצען,
וואו מען זאל אהינטאן דיא הענט; מען ווערט עפּיס אזוי צומישט, אז מען רעדט
בוּיבעריק און מען ווערנט זיך מיט איטליכס וואָרט, עס פארענדערט זיך עפּיס דאס
קול, עס רוישט עפּיס אין דיא אויערען, אז מען הערט כמעט אליין נישט וואס מען
רעדט; יענע מיני דאמען, וואס אין זייער געזעלשאפט בענעהמען זיך אפילו דיא
גאנץ וואויל'ע מיט עפּיס א געצוואונגענער אונגעצוואונגענהייט, דאס הייסט אויף
פראסט יודעש, זיי טהוען זיך אן א כח, צווינגען זיך, אז זייער בענעהמונג זאל אויס־
זעהען נישט געצוואונגען, בלומר'שט פריי; וואס מיינען, אז זיי בעגליקען יענעם מיט
א וואָרט, מיט א קוק; וואס טראגען אויף דעם קאפ וויכטיגע זאכען, גאנצע בערג —
א בארג פרעמדע האָר און א וואלד שמאטעס־בלומען — אפילו זיי הייבען זיך אויף
דעם געבילדעטען און קוויקען זיך מיט זיין איטליכס ווארט. בעדארף עס דען טאַק

אזוי נישט צו זיין? זאגט עס דען אויך נישט דער פסוק? ער זאגט: אשרי אדם, אז וואויל איז דעם מענשען, מצא וועלכער האט געפונען חכמה, חכמה! פאר וואס? ווארום כי טוב סחרה, איהר האנדעל איז בעסער מסחר כסף, איידער מיט זילבער, בשמאלה, און איהר לינקער האנד עושר וכבוד איז עושר און כבוד. נוא, בעדארף מען נאך דען האבען א בעסערע ראיה וויא א פסוק?.... איך וויל דא נישט זעהר מאריך זיין, אויסצו-ווייזען פון דער וועלט וויא שלעכט, וויא ביטער און פינסטער עס איז דיא נישט געלעהרענטע, וויא שלאף און דערשלאגען זיי זענין נעביך, וויא מען לאזט זיי ערגיץ נישט פשוט קיין קאפ אופהייבען, וויא זיי ליידען און קומען נעביך אפ; ניין! איצט וויל איך דערפון נישט ריידען. איך וויל דא נישט מעהר בעווייזען וויא גוט דיא בילדונג איז און דערפון וויל איך ארויפקומען אויף דיר, דוא זאלסט פארשטעהען, וויא עס בעדארף ביי דיר שטארק אנגעליגט זיין דער פלאן, וואס מען וויל דיך....

נאר מיין קליאמשע אבער האט אין מיטען דעם שמיעס פלוצלים זיך אויפגעשטעלט און אוועקגעגאנגען ווייטער אביסיל, זיך גענומען עסען גראז, גאנץ קאלטבליטיג, קיין קוק אפילו נישט צו טאן אויף מיר. איך אבער האב נישט געוואלט שוויינען, עס איז מיר שוין געגאנגען אין נצחנות, עס האט מיך שוין טאקי גוט פארדראסען. עפיס וואס בין איך א יונגעלע, וואס עפיס בין איך? עפיס פלוידער איך, וואס? איך האב איהר חאטש פון דערוויטענס, חאטש זיא האט נישט געוואלט הערען, אלץ געזאגט ווייטער מיין שמיעס מכח איהר און אויסגעלאזט אויף א קול מיט דעם פסוק: אם תאבו, אויב איהר וועט פאלגען ושמעתם און איהר וועט הערען, טוב דאס גוטסקייט הארץ פון דעם לאנד תאכלו וועט איהר עסען!....

אפזאגענדיג דאס, האב איך מיר און פארשוויצט, מיט א פארפלאמט פנים און א געשוואלען הארץ מיך אווארף געטאן אונטער דעם בוים.

12.

קיין טאנץ נעהמט נישט פאר קיין עסען.

דיא קליאמשע איז ביי מיר געווען שטארק אפגערופען נאך אזא אויפפיהרונג. איך האב זיא געהאלטען פאר א פערפאלענע א פארפאלענע אויף אייביג. עס וועט שוין פון איהר קיין לייט נישט זיין. שונאים זענין א פנים טאקי געוועכט, א וועלט איז טאקי נישט משוגע, מסתמא איז זיא טאקי א שלימזול, א פארשלעפטע קרענק פון זיין ליבען נאמען. וואס וועל איך דא באמת טאקי זיך ניאנטשען מיט איהר? איך וועל נאר ווארטען אביסיל, האב איך געטראכט, ביז וואנען עס וועט רעכט טאג ווערען, דענסטמאל וועל איך מיר אליין אוועקגעהען, אפילו פארגעסען דעם די-

געווען אין פּים אירער זיך נישט געזעגענען. לאז זיא זיך טאן וואס זיא וויל. מיר געהרען זיך מעהר שוין כלל וכלל נישט אן.

און וויא איך בין מיר דא געזעסען אזוי אנגעבלאזען און דיא קליאטשע דער־וויל געהאטער אביסיל צוגעקוקט, האט מיך עפּיס שטארק אנגעקוקט און א פרעג געטאן גאנץ רוהיג:

—יא, אין מחשבותין, פאר וואס ביסט דוא עס פריהער אזוי פון דעם פויער דארט, נישט טויט, נישט לעבעדיג אנטלאפען געווארען?

— ווער, איך? האב איך צומישט געענטפערט. איך? פאר וואס בין איך אנטלאפען געווארען, איך?

—יא, פאר וואס?

— עט! האב איך א מאך געטאן, א פויער בלייבט טאקי א פויער. ער האט מיך נאר געוואלט שלאגען!

— ועמען?! האט זיא פארוואונדערט א געשריי געגעבען, דיך? סטייטש, פאר וואס האסט דוא איהם געשווינגען?

— וואס האב איך געקענט טאן? האב איך געענטפערט.

— א ז ז ז ו י! האט זיא געזאגט צוציגנע, אזוי! דוא קענסט גארנישט טאן!.... און דאס פערדיל נעביך האט ער טאקי אלץ געשלאגען! סטייטש, אויף דיא וועגען, אויף דיא שטראזען זענען דען נישטא אייערע בארמהארצעדיגע חברה־לייט?

איך בין געבליבען צומישט און נישט געהאט וואס צו ענטפערען

— און דיא אומשולדיגע בעשעפעניש, דיא אומגליקליכע פערדליך ליידען א פּנים אלץ טאקי נעביך! האט זיא ווייטער געזאגט, א פּנים דיא דאזיגע שלימזל־ניקעס, וועלכע מען האט פריהער געפּייניגט, פּייניגט מען נאך אי אצינד! סטייטש, עפּיס איז דען הפקר א וועלט?

איך האב פון דיא ווערטער אראפּגעלאזט דיא נאז.

— וואס הייסט, האט זיא גערעדט אלץ ווייטער, דאכט זיך, „היינטיגע צייט איז נישט מעהר הפקר א וועלט. עס איז דא א חברה צער בעלי־חחיים!“

איך האב איהר נישט געקענט קוקען אין דיא אויגען און אוועקגעדרעהט דעם קאפּ.

בשעת דוא האסט פריהער ארויסגערעדט דיא דאזיגע ווערטער אויף א קול פון דעם גאנצען הארצען, האב איך, חלעבין, געמיינט, אז איצט איז זיכער משיח־צייט! אט נעהמען זיך צונויף אלע חיות און בהמות און איינעם וויא ברידער, אט

ווערען וועלף „פּאני בראַטציע“ מיט שאָף, לעמפּערטען ווערען חבר מיט ציגען. איינער בעט דעם אנדערען מחילה פאר פריהערדיגע זינד, פאר אמאָלדיגע נאַרעשקייטען, וואָס ס׳איז געווען איז געווען, פון היינט אן זאָל געמאַכט ווערען נייע תקנות: דיא שאַרפע נעגעל מיט דיא שרעקליכע צייהן זאָל מען אוועקלייגען אויף דער פּאָלעצע, אויס מאדע צו פארגיסען בלוט, צו עסען יענעמס פלייש. נישטאָ מעהר קיין שטארקע מיוחסים, אלע זענין גלייך. מען לאָזט ארויס א פרעהליך קול: אורא, אורא! עס איז משיח־צייט, און איך שלימזלדיגע קליאַטשע, אָט, אָט ווער איך אויסגעליזט פון אלע מיינע צרות!... בעדאַרף איך גאָר פלוצלים דערזעהען וויא מען מאַטערט, וויא מען שלאָגט עפּיס א פערדיל! — זאג מיר נאָר, איך בעט דיך, וואָס האָט ער דיר געענטפערט?

— דוא שפּעטסט פון מיר! רוף איך מיך אן מיט פארדראָס.

— א פּנים עס איז א טעות, האָט זיא ווייטער געשפּאַסט, עס איז נאָר א פּורים־שפּיל, א ריינע קאָמעדיע, חלעבין! דאָ זיטצט א קאָמיטעט פון א חברה „צער בעלי החיים“ זאָרגט זיך, שמיעסט פון רחמנות, פון מענשליכקייט, און דאָרט פּלאָגט מען טאַקי דיא אומגליקליכע בעשעפעניש. ווער עס וויל לאָדט אן דיא פּערדליך מיט משא איבער זייערע קרעפטען און זעטצט פון זיי דיא נשמה ארויס. מען העלפט זיי נאָר, וויא עס זעהט אויס, מיט א גוט ווארט, מיט א זיפץ, מיט א קרעכץ: ס׳איז נאָר א ריין טעאטער, חלעבין! היינטיגע צייט פארדינט טאַקי מיט רעכט דעם נאָמען: „דיא צייט פון קרעכצען, פון ריידן, פון פּלוידערען!“

— דוא ביסט נאָך צו אלע צרות א גרויסע שפּעטערין. א ווערטעל זאָגערין! מאַך איך מיט פארדראָס. נענוג חלעבין צו שפּעטען בשעת מען רעדט מיט דיר ערענסט, בשעת מען שמיעסט מיט דיר מכח השכלה, מכח בילדונג.

— מיט מיר רעדט מען ערענסט? האָט זיא מיט אימפּעט א זאָג געטאָן. מיט מיר, זאָגסט דוא, רעדט מען ערענסט? קאָפּ אין דער האַנד! אז דו ציהסט מיך פאר דעם צונג מוז איך דיר זאָגען, אז דוא קומסט מיר פאָר עפּיס משונה ווילד, זעהר נאַרעש מיט דיינע ברייוליך און מיט דיינע אלע ווערטער. נישט אנדערש טאַקי, אז דוא ביסט פארריקט. מען זאָגט, איך זאָל מיך לאָזען לעהרנען. פרעג איך דיך ערשטענס, חכם מיינער, פאר וואָס הייסט מען עס דווקא מיר? וויניג זענין דא אין דער וועלט א שטיינער נישט געלעהרענטע פערד. טאַקי אמת פראָסטע, נישט דערצויגען אין קיין שום זאַוואָד און פון דעסטוועגען, חוץ זייער שאָדען, אזא לעבען אויף מיר געזאָגט געוואָרען! צווייטענס, ווען איך קען אמת נישט דיא אנשטעלען, וויא דיא איידעלע, דערצויגענע פערד, אבער סיין גראָב פערדיל קען מען מיך, דאַכט זיך

פארט נישט רופען. און וואו שטעהט עס, אז איטליך פערדיל מוז דווקא האבען א דיפלאם פון א זאוואד? דריטענס, אויב איך קען נישט הייבען פיסליך און מאכען יענע אנשטעלען, וויא דיא זאוואדסקע פערד, אקעגען־זשע דערפאר האט מען פון מיר מעהר, א סך מעהר נוטצען וויא פון זיי, יענע זענין פטור פון אלסדינג, ווייסען נים מעהר וויא דיא קארעטע, וויא דיא פאלעוואניע, מיט מיר אבער ארבייט מען מעשים, איך טראג אויף מיר אלערליי משא. וואו איז דען מיין פרייש, מיין לייב און לעבען? איך האב עס פארלארען אין דער ארבייט. וואס מען וויל מעג מען זיך זאגען, נאר איך ווייס ביי מיר, אז מיין מיה, מיין פראצע האט זעהר, זעהר פיל נוטצען געבראכט....

פערטענס, וואס פאר א שייכות, איך בעט דיך, האט עסען און דאס געהטינג בעדערפעניש מיט בילדונג? מיט וואס פאר א יושר קען מען יענעם נישט לאזען עסען, אטהמען פריי, סיידען ביז ער וועט זיך אויסלערהנען עפיס קונטצען? איטליכם בעדערפעניש, וואס ווערדט געבוירען, און קודם־כל א לעבעדיגע זאך, פארזארגט פון דער נאטור מיט אלע חושים, מיט אלע אברים, מאקי נאר פון זיינעטוועגען, בכדי דורך די צובעקומען אלסדינג, וואס עס בעדארף נעהטינג האבען צום לעבען. עס האט א שטיינער א מויל אויף צו עסען, עס האט א נאז, כדי צו אטהמען, עס האט פיס כדי צו געהען, נישט כדי צו טאנצען. טאנצען וכדומה נאך שמאכטעלייען, דאס זענין נאר אויסגעטראכטע מעשיות, דאס האט מען אליין זיך אויסגעטראכט שפעטער און עס א נאמען געגעבען ב י ל ד ו נ ג. איך וויל מיך דא נישט ארייגלאזען אין חקירות אויב דיא בילדונג מיט דיא אלע קונטצען זענין גוט אדער שלעכט; אויב דאס אלסדינג, וואס מען לעהרענט, וויא אזוי מען האט עס צונויף־געשטעלט, פון וואנען מען האט עס גענומען, אויב דאס אין גאנצען הייסט נאר בילדונג. ווארעם מען זעהט דאך א סך קונטצען, וואס א מאל זענין זיי געשטאנען אין דער פראגראמע, שטארק געגאלטען און חיינט נעהען זיי מעהר נישט אן; ווידער נאך קונטצען, וואס דאס גאנצע אנהאלטעניש זייערע, מישטעהנעם געזאגט, איז אויף יענעמס געשמאק, אויף יענעמס השערות; ווידער נאך אזעלכע, כלומר'שט ערענסטע קונטצען, וואס זענין געבויעט אויף יענעמס ווילען, אויף קאפריזען, אויף אלטע פארשימעלטע מנהגים; עס זענין דא אויך אזעלכע מעשיות, וואס לכתחלה האט מען זיי געשטעלט אויף א היהנערש פיסעל, אויף דער פאנטאזיע, אויף דעם כח הדמיון; וויא אויך אזעלכע מעשיות, וואס זענין זיך סומך אויף פאקטען, דאס הייסט אויף דעם, וואס אין דער וועלט האט זיך פארלויפען, נאר דיא פאקטען גופא זענין אבער פארדרעהט, איטליכער דערצעהלט זיי אויף איין אנדער אופן, איטליכער קוקט אויף זיי אנדערש. חוץ דעם ווערען זיי וויא עס איז אבגעשילדערט נאר פון דרויסען, אבער מי־ימיע

וואס אינווענדיג טהוט זיך? חיינט בעדארף מען דאך טאקי נישט פארגעסען, אז יענע שוין כלומר'שט ערענסטע מעשיות לאזען דאך נישט מעהר הערען וויא שטר קעס, אנשטעלען, קינדערשפיל, אין גאנצען א סוף, אבער פון יענע, אין תוך אריין גוטע המצאות, שיינע-קונטצען אנטיק אין דער וועלט, פון זיי מאכען דיא מעשיות עפים נישט אזא צימעס.... נאך א מאל זאג איך, אז איך לאז מיך דא נישט אריין אין טיפע חקירות, אויב דיא בילדונג מיט אייערע קונטצען האבען א ממשות אדער נישט, אויב זיי האבען דער וועלט געבראכט גליק אדער אומגליק, אזעלכע חקירות געהען מיך איצינד נישט אן. איך וויל מעהר נישט זאגען, אז זיי זענין נאר ביי-זאכען. בשעת געבוירען ווערען האט דאס בעשעפעניש פון זיי גאר נישט געוואוסט, עס האט איהם טאקי באלד זיך געגלוסט עסען, עטהמען און זיך בעוועגען נאך איידער עס האט גאר געהאט א רמז דרמיזה פון יענע אויסגעטראכטע המצאות. מהיכא-תיתי איהר קענט איהם נישט געבען דיא שיינע נאשייניקעס, דיא טהייערע אופראזשען מיט פליטערליך וכדומה נאך ציאצקעס און שפילכעליך, וואס זענין פון אייך בעשטימט פאר יענע מיני קונטצען; אבער עסען, פריי עטהמען און אלע נעטהינע זאכען, וואס זיין גוף פאדערט און וואס אהן דעם קען עס זיך נישט בעגעהען — דאס אלסדינג מוזט איהר איהם געבען, עס האט דארויף א רעכט, איהר קענט עס ביי איהם בשום אופן נישט אוועקנעהמען. איהר קענט נישט דאס בעשעפעניש האלטען פארשפארט, עס זאל זיך נישט בעוועגען, ווארים דורך דעם מוז עס ביסליכווייס אפשטארבען — נעהמט איהר דאך צו ביי איהם דאס רעכט צו לעבען; איהר טאהרט עס נישט גלאט פייניגען, און שלאגען, ווארים דורך דעם מוז איהם נעביך וועה טאן, עס קען נאך ווערען א ביטערע קאליעקע — נעהמט איהר דאך צו ביי איהם דאס רעכט געזונט צו זיין און הנאה צו האבען אין דעם לעבען!..

אז דוא ציהסט מיך שוין יא פאר דעם צונג, וועל איך דיר טאקי בפירוש ארויסזאגען: איך בין דיר מחול דיין רחמנות! איך וויל נישט אז דוא זאלסט אויס-ארבייטען מען זאל מיך נישט אזוי פלאגען, מען זאל מיר געבען מיין בעדערפעניש צודערהאלטען דיא נשמה, טאקי נאר גלאט פאר רחמנות, ווייל עס איז פשוט א צער בעלי-החיים. איך וויל אפילו נישט, דוא זאלסט אויסבעטלען פאר מיר אלע נעהטיגע זאכען צום לעבען אי מהאי טעמא, וואס מען האט און וואס מען קען פון מיר האבען נוטצען, דאס זענין אלטע מעשיות, אלטע לידליך, וואס איך האב זיי שוין געהערט אין דער וועלט זינגען אין פארשידענע צייטען. געוועהנטליך אז דיא וועלט הויבט ערשט אן זיך ארום צו קוקען, זיך צו בעטראכטען, דעמסטמאל זינגט מען דאס לידעל פון הומאניזם. דאס הייסט פון מענשליכקייט, פון רחמנות,

פון בארמהארציקייט; שפעטער אפילו, אז דיא וועלט הויבט אָן פּאמעליך פּראַק־טישער צו ווערען, זינגט מען שוין יענץ לידעל פון אוטיליטאריזם, דאָס הייסט פון נוטצליכקייט, פון דעם נוטצען, וואָס מען קען פון דעם, פון יענעם האָבען. ערשט נאָר שפּעטער, דיא וועלט וועט בעקומען אי שכל, אי יושר, און וועט פארשטעהן בעסער דעם גאנג פון דער נאַטור מיט אלע איהרע בעשעפעניש, דענסטמאָל זינגט מען דאָס לעצטע, דאָס בעסטע לידעל פון אמת, פון גערעכטיגקייט. — איך וויל נאָר נישט הערען קיין רחמנות, קיין נוטצען, איך בין וויא אלע אנדערע א לעבעדיג בעשעפעניש און האָב וויא זיי א פראווע, דאָס רעכט צו לעבען. האָט יענער אויף מיר רחמנות, הייסט עס אזוי פיל, וויא איך לעב נאָר אין זיין זכות, ער, האָט יאָ דאס רעכט צו לעבען און איך נים, אין גאנצען וואָס איך האַלט מיך, וואָס איך זשיפּע, האָב איך עס צו פערדאנקען איהם, נאָר איהם; אין דער צייט אז מירביידע זענען גאנץ גלייכע בעשעפעניש מיט איינערליי בעדערפעניש, לאָזט מיך יענער לעבען ווייל איך ברייננ איהם נוטצען, הייסט עס אזוי פיל, ער איז דער תכלית. דער עיקר, און איך לעב נאָר, מחמת דערמיט טויג איך איהם, פאר מיר אליין וואָלט איך נישט בעדאַרפט נאָר בעשאַפען ווערען. איך וויל אָבער לעבען גלייך וויא אנדערע, גלאַט ווייל איך בין אויך א בעשעפעניש פאר מיר. פארשטעהסט־דוא מיך, מיין מליץ יושר, מיין בארמהארצעדיגער האַר? אויף אייער בארמהארציקייט און אויף דעם, וואָס איהר קענט פון מיר האָבען נוטצען, דארויף קען איך בכלל מיך נישט סומך זיין. מאָרגען ווערט דיר, צו אלדע שווארצע יאָהר, פארשטאָקט דאס הארץ, ביסט אין א שלעכ־טער לוינע, אָדער איך וועל דיר איין מאל נישט קענען צושטעלען דיא צאָל ציגעל אַקוראַט, ווערסט דוא ברוגז, גיסט אויף מיר אויס דיין צאָרען — און עס ווערט פלוצלים א תל פון מיר! אז איהר וועט מיט מיר זיך בענעהמען מיט גערעכטיגקייט אזוי וויא איהר בענעהמט זיך מיט אנדערע, דענסטמאָל, זעהסט דוא, ווּעלען מיר שמיעסען מכח קונטצען. אין גוטע אומשטענדען, אין וועהלטיג, מהיכא־תיתי קריכען אין קאָפּ אזעלכע זאכען. דוא וועסט אפילו פארשפּאָרען מיר צו זאָגען דענסטמאָל דרשות. הא, וואָס זאָגסט דוא דערצו, מיין הארענקע?

— וואָס זאָג איך? האָב איך געענטפערט, איך זאָג: נישט אנדערש, אז דער רוח רעדט היינט אויס דיר, טאַקי נאָר דער רוח!

13.

אל תפתח פה לשטן.

אט בין איך! האָט זיך אָנגערופען עפּיס איין אומבעקאנטער פּארשוין פון א ווילד אויסזעהען מיט שטארק צושויבערטע האָר, אין א רויט ביטצעל ארומגע־

שמעקט מיט פעדערין פון אלע מיני עופות. אָט בין איך ! האָט ער געזאָגט אַרויס־שפּרינגענדיג פּלוצלים פון צווישען דיא צווייגען, זיך געשטעלט אַקעגען און אויס־געגלאָצט אויף מיר זיינע גרויע קאַטצענע אויגען.

נבהל ומשתומם בין איך געוואָרען, אז איך האָב דערזעהען דאָ אין וואַלד אזא מין פּאַרשוין. אלע שרעקליכע מעשיות פון גזלנים זענין מיט א מאָל מיר אַרויפגעקר־מען אויף דער מחשבה. דאָס איז זיכער א גזלן, האָב איך געקלעהרט, זיין געזונטער קאַרק, זיין פּרצוף פּנים און זיין שרעקליכער בליק האָבען אויסגעזעהען טאַקי נאָר וויא פון א מורא׳דינען גזלן, וואָס האָט א סך מענשען אין זיין לעבען שוין אויסגעקוילעט. עס האָט מיר שוין זיך אויסגעדאַכט וויא אָט נעמט ער מיך א וואָרף און נעהמט אַרויס א גרויסען חלף. מחמת מורא האָט מיר שטאַרק געטיאַקעט דאָס האַרץ, געקלאַפּט א צאָהן אין א צאָהן און איך האָב געפיהלט טעם מיתה, וויא דער חלף ליגט מיר אויף דעם האלז. איך האָב צוגעמאַכט דיא אויגען און שטילערהייט גע־זאָגט ווידוי.

— וואָס שעפּשעטסט דוא עפּיס יונגער מאַנטשיק ? האָט ער געפּרעגט און זיך צולאַכט מיט אזא משונה געלעכטער, אז עס האָט געגרילצט אין דיא אויערען און ווייט אַרום אין דעם וואַלד האָט זיך אָפּגערופען א שרעקליכער ווידער־קול, גלייך וויא עס וואָלטען א לאַך געטאָן טויזענט אַלטע מכשפהטעס אלע אין איינעם.

דאָס איז, האָב איך געטראַכט, דאָס גוטע געלעכטעריל, אָט, אָט עקט מיר זיך דאָס לעבען, אָט, אָט טראָגט איך מיך איבער אויף יענער וועלט. עפּיס וויא אויף צו להכעיס האָט מיר דענסטמאָל דיא וועלט אַזוי שיין, אַזוי גוט זיך פאַרגעשטעלט, אז איך וואָלט באַדאי אלסדינג אַוועקגעגעבען, אבי לעבען צו בלייבען. קיין מלוכה פאַרמעגט עס נישט, וואָס איך וואָלט דענסטמאָל אָפּגעצאָהלט פאַר א קורצער צייט לעבען. אַך וואָס פאַר א שיינע וועלט אונזערע איז, וואָס פאַר א מענשען ! וויא גליקליך איז דער, וואָס לעבט אויף דער שיינער וועלט, וואָס לעבט צווישען לעבע־דיגע מענשען ! ווען א סך אַנדערע וואָלטען געפיהלט דאָס, וואָס איך דענסטמאָל, וואָלטען זיי געזאָגט : א כפּרה נדרות, יחוס און כבודו צו אלדע שוואַרצע יאָהר אלע ברוגזען, אלע פּלאָטקעס, אלע פּוסטע קריגו, אלע רכילות, שנאה און קנאה ! דאָס אלסדינג איז הבל־הבלים, לויטער נאַרעשע זאַכען. אלע מענשען זענין ברידער, חברים, שטאַמען אלע איינגענטליך פון איין פאָטער, אלע האָט איינגענטליך איין גאָט בעשאַפען ! ווען יענער א שטיינער וואָלט זיך געזעגענט מיט דעם לעבען און געווען ביי דיא געדאַנקען וויא איך, וואָלט ער געזאָגט: אַך, פאַר וואָס האָב איך עס פריי־הער נישט פאַרשטאַנען ! אומזיסט, אומגישט זיך געבלאָזען און זיך אויפגעשטויסען

ראס מיט דעם: ער איז א משלחת, א שלעפער, עפיס פון דער פרעמד א בעט־לער, און דאס מיט יענעם: ער איז נישט פון מיין נאמנה, ער איז א שאחריי, א בזוי, קוקט נישט אויף כבוד. פע, איך בין געוועז א בייזער, א שלעכטער, א פלווידער־זאק, א ליגנער, א חונף, א רכילות טרייבער, א בלבול מאכער, איין אנחאפער מיט דעם מויל און מיט דער פען! וואס האב איך געהאט צו אנדערע — צו אומבעשי־רימטע, צו דערנידעריגטע, צו דערשלאגענע און פארוואגלעטע נעביך? ווייניג האבען דיא מענשען נעביך איינענע צרות, קארג יסורים און פורעניות פון אלע זייטען, קארג דחקות גריזאטע און דאגות איטליבע רגע, בין איך פגע נאך אויף זיי אויך אנגעפאַ־לען! און פאר וואס, גוואלד פאר וואס?.... בשעת מיר האט זיך געדאכט, דער חלף ליגט מיר אויף דעם האלז, דענסטמאל האב איך מיך איבערגעבעטען מיט אלע מענשען און אמת געפיהלט, וויא נארעש דאס איז, וואס מען קריגט זיך, וואס מען בייסט און רודפט איינער דעם אנדערען ביים לעבען. עס זאל געוועז מעגליך זיין וואלט איך אלע געהאלזט, געקושט און וויינענדיג זיי מחילה געבעטען. דיא וועלט איז מיר אזוי געפעהלען, אז אוועקגעהענדיג פון איהר האט מיר זיך געגלוסט, האטש נאך א מאל אויף איהר א קוק צו טאן.

איך האב האלב אויפגעעפענט דיא אויגען און שרעקליך צודולט געקוקט אלס־דינג האט זיך פארמישט, געגאנגען מיט דעם קאפ אראפ, מיט דיא פיס ארויף. עס האט מיר געבליצט אין דיא אויגען, געדונערט אין דיא אויערען און גרויסע טראפען שווייס האבען מיך בעשלאגען. עס איז מיר געוועז קאלט און ווארם. פייערדיגע רע־דער, פינטליך, פינטליך פון אלערליי פארבען, פון אלע מיני געשטאלטען האבען פאר מיר משונה זיך געדרעהט, זיך געטראגען, דער רוח ווייסט וואוהין. זיי אין דערמיט איז געשטאנען עפיס א גרויסער, א שווארצער הונט, וואס האט אלע רגע אנגענומען איין אנדער פנים, געגלאצט מיט דיא אויגען, געקריצט מיט דיא צייהן, זיך געקרימט, געמינעט, געצויגען ביז ער האט צום סוף אנגענומען דיא געשטאלט פון שרעקליך א ווילדען מענשען און איך האב אין איהם דערקענט מיין אומבעקאנטען פארשוין.

— הא, הא, דוא ציטערסט! האט ער אויס מיר געשפעט, אט אזוי, פיינע מענ־שעליך, האב איך הנאה, אז איהר ציטערט און שוויינט.

איך האב איהם שווייגענדיג אנגעקוקט, אקוראט וויא א מויז קוקט אן דיא קאטץ וואס שפילט זיך מיט איהר איידער זיא דערשטיקט זיא און שלינגט זיא איין.

— נוא, אז דוא ציטערסט, האט ער ווייטער געזאגט, וויים־זשע האטש פאר וועמען. איך בין דער, וואס האב געעפענט א וועג אין א נייער וועלט אריין, כדי דיא אלטע זאל ווערען תמיד ניי; וואס דורך מיר בעקעלט מען זיך בסדר אריבער אהין

ערניץ, אהין, כדי דאָ צו מאכען אָרט.... איך בין דער, וואָס מיט מיין קראַפט שטעה איך תמיד ברייט אקעגען נאָך א קראַפט פון מיין ווידער פּאַרטיי. מיר ראַנגלען זיך, איינער וויל דעם אַנדערען איינשלינגען, און דורך דעם שפּרינגט אין דער וועלט ארויס גייעס, עס ווערט נולד אַלסדינג; איך בין דער, וואָס איך בין איי־דער דער „גאָרנישט״ איז מיר פון דער העלער הויט שיינענדיג ארויסגעשפּרונגען־ער ווערט באַלד א גאַנצער „יש״, וויל דעם אַלטען פאָטער זיינעם פון דער וועלט טרייבען. מיר געהען כסדר איינער דעם אַנדערען נאָך פוס־טריט און וואָס א טריט ווערדט און וואַקסט דיא צייט. — איך בין דער שר פון׳ם פינסטערניש, דער מלך פון דיא רוחות, איך בין דער שטן, דער אשמדאי!

איך בין שיעור אין חלשות נישט געפאַלען פאַר שרעק, אז איך האָב עס געהערט. דער אשמדאי האָט צו מיר מיט א פינגער זיך צוגעריהרט און איך האָב מיך באַלד געפיהלט שטאַרקער אזוי, אז איך האָב געקענט שטעהען אויף דיא פיס און אפילו אויך ריידען.

— זיי מיר מוחל, האָב איך זיך אָנגערופען מיט גרויס דרך ארץ, וואָס איך וועל דיך פרעגען. כפי איך פראָסט מענשעלע האָב פאַרשטאַנען דיינע פאַרשטעלטע ווערטער, מיינסט דוא אזוי; אז דיין ווידער־פּאַרטייא איז דיא קראַפט, וואָס בעמיהט זיך שטענדיג צו דערהאַלטען איטליכס פיטצעלע אויף דער וועלט, דוא אקעגען בעמיהסט זיך איטליכע זאַך צו פאַרטיליגען אַלסדינג, וואָס יענער בויעט צושטערסט דוא, און דאס וואָס דוא צושטערסט, בויעט יענער אויף צוריק; יענער, אזוי הייסט עס, איז דער בורא, דער בעשאַפער, און דוא, אשמדאי, דער פאַרטיליגער, דער צו־שטערער. אויף דעם שטעהט דיא וועלט מיט אַלע בעשעפעניש; אויף דעם אופן זעהט מען, פיהלט מען תמיד אין איהר א ניי לעבען, עס טהוט זיך און בעוועגט זיך, ויהי ערב ויהי בוקר — ס׳איז דאָ טאָג און נאַכט, אָרט און צייט. אויב אזוי איז טאַקי, וויא איך האָב דיך פאַרשטאַנען, קומט דאָך עפּיס גאַר פון דיר אזוי קיין שלעכטס נישט ארויס?

— אָט דאָס טאַקי האָב איך דיר געוואָלט זאָגען, אז איך, אשמדאי פאַרדאַרב נישט אזוי דיא וועלט, וויא איהר מענשעליך. פון מיין שלעכטסקייט, וויא איהר מיינט, קומט פאַר איהר נישט ארויס צרות, אַל־דאָס־בייז וויפיל פון אייער גוטסקייט. אוודאי הייס איך דאָך ביי אייך דער רשע, דער שטן. זאל עפּיס וואָס עס איז א מאל זיך מאכען, איז א געשריי, א קלאָג, איטליכער אויף מיר, האָטש אין דער וועלט זעהט זיך עס גאָר נישט אזוי אָן. איהר אבער, מענשעליך, אז איהר קו־לעט אויס מיט א מאל א וועלט, מאַטערט, טהוט אָן גרויסע צרות, איהר הייסט

גוטע און פרומע! עס קומט אייך נאָך א גלעט אין בעקעלע, וואָרום דאָס טהוט איהר אלסדינג מחמת גוטסקייט!.... איהר האלט זיך פאר דיא גרויסע חכמים, זעטצט אויס פעהלער אין דער נאַטור, אין דעם גאנג פון דער וועלט, שמיעסט זיך איין, אז איהר וואָלט מיט אייער שכל, מיט אייער גוטסקייט בעשאפען א וועלט גאָר איין אנ־טיק — און אז איהר האט אין אייערע הענט גענומען א פארטיגע וועלט אין גאנצען וויא זיא איז, האָט איהר זיא שרעקליך פארדאָרבען, אומעטום פארדרעהט, אומעטום קאליע געמאכט, זיא האט ביי אייך א פנים אקוראט וויא א טהייער זיינעריל פאלט צו א קינד אין דיא הענט אריין. איך וויא איך בין, בין איך מיר. אין דער גאנצער נאַטור הערשען נאָר געזעטץ, וואָס גילטען תמיד פאר איטליכען גלייך, דאָרט זענען נישטאָ קיין מיוחסים, נישטאָ קיין חילוקים, קיין צוליב־זאכען נישט קיין רעות און נישט קיין טובות, נישט קיין אכזריות, נישט קיין בארמהארציקייט, אלסדינג ריהרט און בעוועגט זיך דורך אייביגע, נערעכטיגע געזעטץ. איהר גוטע מענשעליך, ווילט עס אבער נישט ליידען, ביי אייך ווילט איהר גאָר נישט וויסען פון פאַראַדקעס. איזוי האָט זיך צוטהיילט אויף טויזענט־ערלייא פעלקער, נאמנות, כתות, קלאסען, סאָר־טען, פאסלאָוויעס, צעכען וכדומה, און דיא דאָזיגע ווערען ווידער צוטהיילט אין נאָך און נאָך אזעלכע. פאר איטליכען אלץ אנדערע פאַראַדקעס, אזוי פארשידען, אזוי פארענדערט....

אָבער אקעגען וואס, האָב איך איהם געפרעגט, זאָגסט דוא מיר דאס אלס־דינג?

— העי, העי, אקעגען וואס! איך זאג עס זיכער נישט גלאט אזוי, וויא דער שטיינער איז פון אייך, מענשעליך, וואס בשעת צווייא קומען זיך צונויף, הויבען ביידע אָן צו פלוידערען אין דער וועלט אריין, כדי ארויס צו ווייזען זייערע חכמות, זייער פילוסופיא און מישען אויס ביידעם פאלעצע. איך זאג עס אקעגען דיין פרי־הערדיגען שמיעס, וואָס דוא האסט געהאט ערשט נישט לאנג מכח רחמנות, מכח אייערע חברות. פון וואנען, וויל איך דיר בעווייזען, האָט עס אלסדינג בייא אייך זיך גענומען. דיא סבה דערפון איז גאָר א פראסטע. דאריבער טאקי רעדט מען ביי אייך אלץ פון רחמנות און דאריבער טאקי פארמערען זיך אלץ בארמהארצעדיגע חברות, ווייל ביי אייך הערשט זעהר פיל אכזריות, רדיפות און עולות; ווארום ווען נאָר אמת און גערעכטיגקייט זאלען געוועזען גילטען, וואלט איהר דאָך פארשפארט צו פארזוכען דעם טעם פון רחמנות און וואָלט נישט געהאט אזוי פיל בעלי רחמים׳ס, אזוי פיל בעלי־טובות מיט אזוי פיל חברות. איך זאג עס, פארשטעהסט דוא מיך, מכח אייער גוטסקייט, מכח אייער גוטהערציגקייט זאג איך עס, פארשטעהסט דוא?

עס....בע.... האָב איך געמאַכט עפּיס אהן ווערטער.

זעהסט דוא, האט ער געזאָגט, אז איהר, מענשעליך, בעקעט׳עפּיס אָהן לשון, איז א מאל בעסער וויא גערעדט. פאר אייך רעדט איהר, דאכט זיך, א מאל וויא קכאָהרע, איהר קענט א שטיינער זאגען: נא דיר א גראָשען און גיב מיר א ביינעל׳ נא דיר אזוי פיל און אזוי פיל און ארבייט מיר אָפּ מיין עסק וכדומה נאָך זאכען, וואָס זענין אייך אליין נוגע. מען פארשטעהט גאנץ גוט אייער כוונה. קומט אבער א מאָל אויס צו שמיעסען, אָדער עפּיס צו שרייבען איבער כלל זאכען, ווערט איהר, צו אלדע שווארצע יאָהר, ריינע משוגעים, עבטע בהמות! איהר פלוידערט, מיש־מעהנעם געזאָגט, נישט צו דער זאַך: טויזענט ליגען, טויזענט פסוקים׳ליך און ווערט־ליך, נישט געשטויגען, נישט געפלויגען; איהר נארט איינער דעם אנדערען, איהר דראפּעט זיך אויף דיא גלייכע ווענט, איהר פּאַרדרעהט, פארפלאָנטעט אזוי, אז עס איז אומעגליך ארויסצוקריכען, מען קען נישט פארשטעהען וואס איהר ווילט, טאקי נאָר שטעהען און וואונדערען זיך מה מען דענסטמאָל, וויא מענשען שרייבען, ריידען, שרייען און עס איז נישטאָ וואס צו הערען; וויא זיי קענען מיט זייער מתנה, מיט זייער לשון, זיך נישט פארשטעהען, ערגער חלעבין וויא דיא בהמות!

— אקענען וואס אבער, האָב איך געפרעגט, ביסט דוא עס דאָ אזוי ארויס מיט דער שפּראכע?

— נאָך א מאל אקענען וואס? האט ער זיך אנגערופען. עס פארשטעהט זיך, אז איך רעד דאָ נישט גלאט אזוי, אבי חוזק צו מאכען. איך זאג עס א קענען דיין קאָרעספּאָנדענץ מיט דער חברה, אקענען דיין פריהערדיגען שמיעס מיט דער קליאַט־שע זאג איך עס. איך זאג, אז דיין „עט, בע" וואס דוא האסט פריהער געמאכט, מחילה, וויא איין אייזעל, איז חלעבין בעסער און קליגער פון אלע דיינע דרשות. בע־טראכט זיך אדרבה אליין אויב דוא ביסט נישט ריין משוגע! פאר דיר שטעהט א פארמאָרעטע, א הונגעריגע קליאטשע, וואס זיא בעדארף נעהטיג וויא אין לעבען אריין האבען האטש אביסיל מנוחה, א מעסטעל האבער, א בינטעל הייא, וויכסט דוא איהר נאר בעווייזען א „ה" אין סידור און אלץ אויסדריגגען וויא גוט, וויא שיין עס איז זיך אויסצולעהרנען עפּיס קונסטצען! מיינסט דוא אפשר, אז נאר דוא אליין פרוידערסט אזוי דאָ? ניין! קום, זייא מוחל, וועל איך דיר ווייזען א סך, וואָס זאָגען פאר הונגעריגע דערשלאָגענע מענשען פונקט אזעלבע דרשות וויא דיינע. מיינע גע־שעפטען פיהרען מיך זעהר אָפט צווישען מענשען — דוא מוזט וויסען אז א שטן איין אשמדאי איז זייער שטארק תמיד בעשעפטיגט — איך מאך דארט איטליכען וויזי־ויטען. האב קענטשאפט מיט אלע גרויסע לייט. איך זעה מיך און וואס זיי טהון,

וואָס זיי ארביימען, און הער מיך און זייערע אלע שמיעסען, זייערע אלע דרשות.

לאָמיר אָנהאפען א שטיינער אזעלכע, עפּים פון אזא ארט: מאָהל דיר, איינער שרייעט ביי אייך גוואלד אויף דיא מלמדים, ביז וואנען וועט מען אלץ אפּגעבען קינדער צו אזעלכע קאטשענעס, וואָס מאכען פון זייערע תלמידים ווילדע מענשען, טויגעניכטסען ? נאָך איינער ליאַרעמט, ביז וואנען וועט מען אלץ חתונה מאכען יונגע קינדער ? ביז וואנען וועלען שדכנים צונויף פיהרען צוויא נפשות, וואס קענען נישט און ווייסען נישט איינעם דעם אַנדערען ביז נאָך דער חתונה ? א דריטער שרייעט אויף דיא בטלנים, וואס וואקסען ביי אייך וויא קראָפּעווע און פארפיהרען מיט זייערע נארעשע זאכען, מיט זייערע קרומע גענג דעם עולם ? ווידער א פערטער שרייעט אויף יענע, וואס פארברייגגען זייער גאנץ לעבען נאָר אין דער גמרא, ביז וואנען וועט מען זיך אפּגעבען נאר דערמיט אליין און פארגעסען אלע אַנדערע נעהמינע זאכען? א פינפטער שרייעט : ביז וואנען וועלען ביי אונז זיך פרוכפּערען אזוי פיל בעלי-טובות, בעלי טאקסעס, שטאָדטס פערזאָרגער וכדומה אזעלכע מיני פארשיינען? — אלע שרייען, פילדערען, שוין צייט דאס אלסדינג אוועק צו וואַרפען און ווערען קליגער, געבילדעטער, געניטער. נאר קומט אבער פון זייער שרייען עפּים ארויס ? אלסדינג בלייבט טאקי וויא פריהער. עס קען טאקי פון זייער שרייען גאָר נישט ארויסקומען. פאר וואָס ? אָט מחמת דעם. מחמת אין דער וועלט הערשט איין געזעטץ פאר אלע בעשעפעניש, פאר אלע מענשען גלייך, אזא געזעטץ, וואס קיינער, יהיה מי שיהיה, איז נישט אין שטאנד עס איבערצומאכען, וואָס אקעגען איהם העלפט נישט קיין שרייען, קיין ריידען, קיין דרשות און קיין שום מיטעל; אזא געזעטץ, וואס איז שטארקער פון אלע שטארקע, מעהר עקשן פון אלע עקשנים, וואס אז מען שטעלט זיך איהם אקעגען, זוכט עס זיך אויס טויזענטער אנדערע וועגען, טויזענטער המצאות און הסברות כדי זיך צו דערהאלטען — איך מיין דא דעם דאָזיגען בעקאנטען געזעטץ, וואס אלע ווילען עסען, וואס איטליכער וויל צו דערהאלטען זיין לעבען, עס מעג זיך זיין אויף וועלכען אופן, מיט וועלכע מיטעל עס וויל זיך.

וואס זענין דען מלמדים ? דאס זענין ביי אייך א גרויסער, זעהר א גרויסער טהייל מענשען, וואָס ווילען עסען, וואס ווילען לעבען, און וואס קענען עס אבער אין דער וועלט אנדערש נישט בעקומען נאר דורך אזא מיטעל דווקא, וואס זיי וועלען נעהמען אייערע קינדער אין חדר אריין. אזעלכע נויטבעדערפטיגע מענשען געפינען אלע וועגען, טוהען כל א מיטעל, אז אייערע קינדער מוזען צו זיי אין דיא הענט אריינפאלען. אקעגען אייך ארבייט א קראפט, אקעגען אייך האלט מלחמה א געזעטץ. דיא עמליכע מענשען מיט זייערע פּאַראַדקעס און מיט זייערע דרשות וועלען עס בשום

אופן נישט בייקומען ! דעסגלייכען איז אויך מיט דיא פריהע חתונות. שרייעט דארויף וויפיל איהר ווילט, אומזיסט ! עס איז דאַ אַ גרויסער טהייל מענשען, וואס קענען ביי אייך אנדערש נישט לעבען נאר דורך צונויף פיהרען שידוכים, און זיי פארליינגען זיך דארויף מיט אלע כחות אונטערצוהאלטען דעם שלעכטען איינפיהר און חתונה צו מאכען אייערע קינדער. איהר מוזט אייערע קינדער פריה פיהרען אונטער דער חופה, ווארום דארויף זענין דאך דא ביי אייך גאנצע מחנות שדכנים, זיי מוזען זיין שדכנים, ווארום דערפון קענען זיי לעבען ! אזוי נעהט עס אויך מיט דיא נארעשקייטען. לאכט דערפון איהר דרשנים, איהר וואוילע יונגען, וויפיל איהר ווילט — אומזיסט ! וואס זענין דען יענע בטלנים, יענע הבל'ניקעס ? דאַס זענין מענשען, אַ גאנץ היבשע טהייל מענשען, וואַס זיי איז אוממעגליך אנדערש צו לעבען, אַ קיום צו האבען, ווען נישט דיא נארעשקייטען. זיי ארבייטען מעשים, מאכען אלע קונצען, אלע אַנשטעלען צו דערהאלטען ביי אייך דיא נארעשע זאכען. איהר מוזט אן דיא נארעשקייטען זיך האלטען, ווארום דארויף זענין דאך ביי אייך דאַ יענע מחנות נאַראַנים, זיי נעביך מוזען זיך מאכען צו נאַראַנים, וואַרום דערפון קענען זיי האַבען זייער שטיקעל ברויט און שיין לעבען.... אזוי נעהט עס אויך מיט דעם שטענדיגען גמרא לעהרנען. שרייעט, פילדערט דארויף וויפיל אייער האַרץ גלוסט — אומזיסט. ח עבין ! עס זענין דאַ אַ נוזמא מענשען, וואס דורך דעם האבען זיי זייער פרנסה, וואס פאר זיי איז טאקי, וויא מען זינגט אין דעם לידעל: „תורה איז דיא בעסטע סחורה" זיי טהון אויף כל אַ שפיטצליך צו דערהאלטען אזא מין געשעפט און צו פארהאנדלען זייער סחורה. ביי אייך מוזען אַ שטייגער הונדערט־טויזענטער ישיבה־בחורים פארפוילט ווערען אין ישיבות, וואַרום דארויף זענין דאך דאַ טויזענטער גבאים, משולחים וכדומה אזעלכע פארשוינען, זיי מוזען זיך אַפּגעבען מיט אזעלכע עסקים, כדי צו האבען זייער בעדערפעניש.... דאס גלייכען טאקי איז מיט אייערע בעלי טובות, מיט אייערע אפּוטרופּסים, שרייעט דארויף וויפיל איהר ווילט, עס וועט אייך חלעבין נאַרנישט העלפען ! וואָס זענין דען אייערע שטאדט בעלי טובות, אייערע תכלית־פארזאָרגער ? דאס זענין ביי אייך אַ סך מענשעליך, וואָס וואַלטען נעביך פשוט נישט געהאט מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבען, ממש געשטאָרבען פאר הונגער, ווען זיי זאָלען זיך נישט מיהען מיט אלע קרעפטען צו טאָן אייך אלערליי מיני טובות: צו דערהאלטען אייערע טאַקסעס, און אויסצוטראַכטען תמיד עפּיס נאַר פרישע אפּגאַבען, וויא אַ שטייגער אויף מעהל, אויף זאַלץ, אויף שמאַלץ, אויף לעכט וכדומה ; צו דערהאלטען ביים לעבען אייערע מקבלים אין ארץ ישראל, און אייערע ארמע לייט דא מקבר צו זיין; צו מגדל זיין אייערע יתומים אין תלמוד תורות און

נישט צו דערלאָזען יענע מיני גזירות, בכדי יודען נעביך זאלען מאקי א פנים האבען ווי א פריהער און בלייבען מאקי דאס, וואס זיי זענין. זיי מוזען נעביך זיך זארגען אויף אייך רחמנות האבען, זיי מוזען נעביך אייך טובות טאן, און איהר פון אייער זייט מוזט נעביך פון זיי מקבל טובה זיין. אקעגען אייך, זאג איך נאך א מאל, איר ביימען קרעפטען, אקעגען אייך שטעלט זיך ארויס א נאטור געזעטץ אין יענע אלע מענשען וואס זוכען אייגענטליך עסען און טהון אלע מיטעל צו דערהאלטען זייער פרנסה, זייער לעבען. איהר זענט זיך מפרנס און לעבט איינער פון דעם אנדערען איהר עסט אויף און פארדארבט איינע דיא אנדערע. זאל מען אבער געווען אייך לאָזען לעבען לייטען גלייך פרייא, ווי א עס געהר צו זיין, וואָלטען אזעלכע זאכען בי אייך כלל נישט געווען. לאז מען נאר פאר אייך עפנען א וועלט. וועלען דיא ארע זאכען פון זיך אליין אויפהערען און איהר וועט מיט א מאָל אויסגעלייזט ווערען פו אלע צרות. נאר כל זמן איך, אשמדאי, בין נאך דא, וועל איך אזעלכס נישט צו לאזען. איך וועל מאכען הוקעס-פוקעס, אז מען זאָל נאָר שרייען. זאָגען דרשות, האלטען ריידען און גאר נישט טאן, מען זאל אייך תמיד האלטען אין דעם מויל און מכח אייך קיינמאל נישט קומען אויף א לאד. נישטאָ פאר אייך קיין אנדער וועג, נישטאָ פאר אייך קיין אנדער מיטעל צום לעבען! עסט, פרעסט איינער דעם אנדערען, שלינגט זיך ווי א דיא פיש איין איינע דיא אנדערע. בייסט זיך. רייסט זיך צו אלדע שווארצע יאהר!

— אך! האָב איך געקרעכצט און זיך געחאפט ביי דעם קאָפּ, וואָס האָסט דוא צו אונז? וואָס האָבען מיר דיר געטאָן?

— וואָס האָב איך צו אייך? האט ער געזאגט און געקריצט מיט דיא צייהן, איך בין אייך א דם שונא דערפאר, וואס איהר האט מיך געמוטשעט.

— וואָס רעדסט דוא? האָב איך זיך אנגערופען, מיר האָבען דיך גע־מוטשעט!?

— אייער שלמה המלך, האָט ער געענטפערט מיט כעס, אייער של־ה המלך'יל האט מיך, אשמדאי, א מאָל געחאפט און מיך געהאלטען געקאָויעט אויף א קייט. ער האָט מיר שטארק געמוטשעט!

—גוואלד, האָב איך געשריגען, אָבער וואס זענין מיר שולדיג? פאר וואס זאָלען מיר נעביך אפקומען פאר א מעשה, וואָס איז געשעהען עטליכע טויזענט יאָהר צוריק? מען מוז אויסהערען ביידע צדדים, גוואלד וואָס האסט דוא צו אונז נעביך? וואָס האָבען מיר אפצוקומען, וואס זענין מיר שולדיג?

שלמה המלך איז אייערער! האט ער זיך שרעקליך צובייזערט און א זשמי

נעטאָן דיא קליאטשע נעביך, וואָס דיא גאַנצע צייט איז זיא שליטמזלדיגע, געשטאַנען אין איינע צרות און משונה נעציטערט. איהר, איהר זענט שולדיג! איצט ליגט אויף אייך מיין קללה: זעהט אלסדינג נאר נישט דאָס, וואס מען בעדאַרף; הערט איטליכען, נאָר נישט אייערע אמתע גוטע פריינד; רעדט א סך איבער זייטינע זאכען, נאָר וויא באַלד עס וועט אויסקומען א שמיעס איבער אייך, זאָל אייך אָפּנעהמען דאָס לשון; טאַפּט אָן אלסדינג, נאָר נישט דעם רעכטען וועג צום גליק. אייערע בעלי טובות זאָלען וויא דיא פלעה אין זומער זיך פרוכפּערען און מעהרען. זיי זאָלען אייך אזוי פיל טובות טאָן, ביז וואַנען איהר וועט פון זייערע טובות קראַנק ווערען און מעהר קיין כח נישט האָבען זיי צו צונעהמען. אייערע חברות זאלען וואקסען וויא קראָפּיווע און דיא קאָסע־ביכער זאלען פאַרשווינדען ווערען, עס זאָל פון זיי נישט זיין אפילו קיין זכר. אייערע טאַקסעס זאלען אייביג נישט אויפהערען, דאַרט, קוואַרט, צאָהלט געלט און גריזעט ביינער! ווען איינער א מאָל פאר אייך זיך ארויסשטעלען, זאָלט איהר, וויא דיא משוגעים, אויף איהם אנפאלען און וואַרפען אויף איהם שטיינער, אייערע גבירים זאלען אומעטום שיטען געלט פולע הויפענס, נאָר נישט אויף וואס און נישט וואו מען בעדאַרף. דאָרטען וואו עס איז נעהטיג זאלען זיי נישט וועלען געבען קיין גראָשען. איהר זאָלט זיין בני רחמנים דערנסטמאל, ווען אייער רחמנות טויג שוין אויף כפרות, בשעת יענער שלעפּט זיך שוין ארום מיט דער טאָרבע, אדער בשעת יענער איז שוין נוטה למות און פּאָכט מיט דער נשמה, נאר בשעת יענער האלט זיך און זוכט מיטעל וויא זיך בכבוד צו דערנעהרען, זאָלט איהר איהם רודפען, זאָלט איהם טאָן א וואָרף און צוטרעטען מיט דיא פיס. איהר זאָלט אָנטאָן אטלעסענע לאַנגע קאַפּאָטעס און קריכען מיט זיי אין דער בלאָטע. אפילו א קבצן זאָל בעסער אָנטאָן זיידענע שמאַטעס איידער א גאַנץ קלייד פון געוואַנט. אין עולם הזה זאָבען זאָל זיך זארגען איטליכער פאר זיך בעזונדער, נאר מכח עולם הבא זאָל איינער זיך שטאַרק זאָרגען און איין ערב זיין פאר דעם אנדערען. דערפאַר זאָלען פרעמדע ביי אייך איינפיהרען דעם דין פון ע ר ב ו ת אין אלע זאַכען. ווען איינער עפּיס זינדיגען, זאָלט איהר אלע שולדיג זיין. אויב עס וועלען א מאָל ביי אייך אויפשטעהען נאַזעטענשרייבער, צו פאַרענטפערען אייך פאר דיא אומות־העולם, זאָל פון אלע א קיום האבען און אייך בעסער געפעהלען יענער, וואס פארשטעהט נישט זייער לשון. פאר דעם מינסטען פון דיא אומות העולם זאָל אייערער דער גרעסטער זיך מאַכען קליין און האלטען פאר א כבוד מיט איהם חבר צו זיין, אקענען־זשע ביי אייך, זאל דער מינדסטער פאר דעם גרעסטען נישט האבען קיין שום דרך ארץ, איטליכער נארנישט זאל זיך האלטען פאר א גאַנצען יש, איטליכער

שוטה פאַר א ווילדען חכם, איטליכער גראבער יונג פאַר איין איידעלען מענשען; איין עם הארץ זאל א העזה האבען צו שפּעטען פון א געלעהרענטען, א בור זאָל זיך האַלטען פאַר פרום, מעהר וויא פון א למדן. איהר זאָגט זיך בייסען, רייסען, איינער דעם אנדערען פרעסען צו אַלדע שווארצע יאָהר! רעכט אויף אייך, רעכט. איך האָב הנאה, איך לאַף פאַר שמחה!

ער האָט געגעבען א לאַף און דער גאַנצער וואלד איז פול געוואָרען מיט געלעכטער, וואוהין איך האָב מיך געקעהרט און געווענדט האָב איך געהערט אַלץ א געלעכטער, פון איטליכס ווינקעלע האבען אויף מיר ארויסגעקוקט קעפּליך פון אלערליי לצים אלע האָבען שטאַרק געלאַכט.

נישט פרעהליך, זעהר נישט פרעהליך אויף דעם הארצען!....

14.

א שיין וועלטיל חלעבין!

דער אשמדאי האָט מיך נישט געלאזט לאנג טראַכטען און נאַך איידער איך בין צו זיך געקומען, האָט ער מיך א נעהם געטאָן און זיך אויפגעהויבען מיט מיר גאַנץ הויך אין דער לופטען ער האט מיך געטראגען, וויא א רוח א מלמד און זעהר גיך מיט מיר געפלויגען. נאך אונז זענין נאכגעפלויגען גאַנצע מחנות רוחות, א טהייל זענין געפאָהרען רייטענדיג אויף עפּיס מיני פלעדערמייז, וואס הייסען וואמפּירען; א טהייל אויף דראקאָנען, אזעלכע מיני שלאנגען מיט פליגעל, אנדערע אויף סאָוועס און נאך אנדערע אויף שרעקליכע יאשטשירקעס. צווישען זיי האָבען זיך געדרעהט אויך מכשפים, מאַשענשפּילער, פאָקעסניקעס, שפּרעכער פון אַלערליי נאַציעס. אין איינעם מיט רוסאלקעס. אלטע מכשפהטעס, קארטענוואַרפערענס, ציגאַינערקעס פון איטליכער נאַמנה האבען זיך אויפגעהויבען גאַנץ הויך רייטענדיג אויף מעטלעס, עפּיס אויף מיני דראַבעס, קאָכלעפעל, אויף קאטשערעס און לאָפּעטעס. דיא קראַנקע קליאטשע איז אויך געפלויגען אין הימעל און אויף איהר זענין וויא דיא פלעה אָנגעזעצט געווען לצים, נישט גוטע גאַנצע כתות. עס איז געווען א פחד, א מורא אנצוקוקען דאָס שרעקליך פּעקיל, וואָס האָט א גאַנץ וועג זיך געדרעהט, אקוראט וויא שטויב דרעהט זיך פון דעם ווינט אין א רעדיל; וואס האט געטאַנצט, געשטיפט, געפייפט, געפישטשעט, געשווישטשעט, נישט גערוהט קיין רגע.

דער אשמדאי האט מיך געהאַלטען אין זיין האנד, וויא א פיינעלע, א וואָראָבייטשיקעל, זיך געהיט מיר חלילה קיין קוועטש נישט צו טאָן, צו צייטענס זיך אונטערגעשפּילט און געמאַכט מיט מיר קוצעניו־מוצעניו.

— ישראליק! האט ער איינמאל צו מיר זיך אָנגערופען, בשעת מיר זענין

הריך געפלוינען. קוק, דייא מוחל, אראַפּ אונטען, וועסט דוא עפּיס זעהען און הערען.

— איך זעה, האָב איך געענטפערט, אראַפּקוקענדיג אונטען, עפּיס זעהר א שרעקליכען טומאַן, קוים, קוים וואס איך זעה ארומקריכענדיג דארט עפּיס מיני בעשעפעניש, ווילדע ברואים. זיי צאַפּלען זיך עפּיס משונה, קריכען איינער אויף דעם אנדערען, עפענען דאס מויל און שרייען, דאכט זיך, מיט ביטערע קולות. דאָס מוז א פּנים זיין דער גיהנם, וואָס דאָרט מאַטערט מען זיך און מען ליידט שרעקליכע יסורים. נאר איך זעה נישט און הער נישט אלסדינג אקוראַט.

— באַלד, באַלד, ישראַליק וועסט דוא הערען און זעהען אלסדינג, האָט דער אשמדאַי געזאָגט און מיר אנגעטאָן ברילען וויא שפּאקטיוום, צום אויער מיר אויך צוגעלייגט א רעהריל, נוא, האט ער מיך נאָכדעם געפרעגט, נוא וואס זעהסט דוא אצינד?

— ערד, ערד! האָב איך א געשריי געטאָן, נישט מיט יענעם פרעהליכען קול, וואָס קאָלומבוס האָט א מאָל א געשריי געגעבען, בשעת ער האָט נאָך א לאַנגער רייזע אויף דעם ים פלוצלים דערזעהען דיא ערד פון אמעריקא; נאר מיט אזא קול, וואָס איינער לאָזט ארויס, ווען ער דערשרעקט זיך פאַר עפּיס א ווילדער זאַך. איך האָב דערקענט אונזער ערד מיט איהרע דערפער, מיט איהרע שטעדט און מיט אַלע איהרע מיני מענשעליך. איך האָב געזעהען און געהערט, וואָס דארט געהט פאַר און בין פארציטערט געווארען!

—ציטער נישט אזוי, ישראַליק, האט ער מיך געבעטען מיט א שמייכעלע, נישקשה, איך האַלט דיך גוט אין דיא הענט. קוק בעסער און גיב מיר איבער אקו־ראַט, וואס עס טהוט זיך דאָרט אין דער שטאָדט איזמאיל, איבער וועלכער מיר פליהען אצינד.

— איך זעה, האָב איך געענטפערט מיט א צובראָכען הארץ, איך זעה מחנות מענשען כויפען, פאַלען אָן וויא דיא היישעריקען אויף הייזער, שלאַגען אויס פענצטער מיט שטיינער, האַקען מיט העק טהירען, האַפּען זיך אריין אינגוועגדיג אין הייזער און הארגענען מיט אכזריות, נאָך ערגער פון ווילדע חיות. איך זעה וויא מען קוילעט טאַטעס, מאַמעס מיט זייערע קינדער, יונג און אלט נאָר אָהן רחמנות. איך זעה וויא מען חאַפּט ביי א יונגער מוטער פון דעם שויס אַרויס איהרס א ברילאַנטען קינד, מען נעהמט עס אָן פאַר דיא פיסליך און מען גיט עס א זעטץ מיט דעם קעפּיל שטארק אין א שטיין, אַז דיא געהירען שפּריצען גאַנץ ווייט. איך זעה, בלוט רינט אין דיא גאַסען און פון דיא אַלע לוזשעס ווערט א גרויסער בלוטיגער טייך; פון איהם זעצט ארויס א

הייסע, א ווארמע פּארע, וואס נעהט ארויף ביז צו דיא וואָלקענס, פון דאַרט וועט דאס אראָבקאַפּען אין גרויסע טראָפּענס, אָנצוטרינקען זאַט דיא פעלדער מיט זייערע תבואות און דיא שיינע וויינגערטנער, וואס זייער ווין וועט דורך דעם געראָטען און וועט דערפרעהען מענשענס הערצער. איך זעה וויא מען ראַבעוועט, וויא מען ברעכט, שטעכט און מאַכט וויסט, תל פון אלע זאַכען, איך הער א געשריי, א געבעט א גע־ווין פון דיא אומגליקליכע געביך. איך הער א זיפצען, א קרעכטצען פון דיא געקוי־לעטע אונטער דעם חלף. איך הער א גוסען א חאַרחלען פון דיא, וואס נעהט זיי שוין דיא נשמה אויס, איך הער א געשפעט, א געלעכטער פון דיא ווילדע רוצחים.... נאָר אבער גענוג, גענוג! איך קען מעהר נישט זעהען, איך קען מעהר נישט הערען!

— חאַ, חאַ, חאַ! האט דער אשמדאַי זיך צולאַכט, אָט האסט־דוא דיר דיינע גוטע און פרומע מענשעליך! זיי פּאַרדארבען און קוילען, און מיך רופען זיי נאָך שטן, אשמדאַי! דיא דאָזיגע באַנדעס, וואס דוא זעהסט אונטען מיט העק, מיט מעסערס אין דיא הענט, דאס זיינען דיא ר ו מ י נ י ע ר, און דיא געקוילעטע, דיא דערשטאָכענע, זיינען דיינע אומגליקליכע ברידער.

— גוואַלד! האָב איך געטאָן א געשריי און זיך אָנגעחאַפּט ביים קאָפּ, גוואַלד, וואס האט מען צו זיי, צו מיינע בידנע, אומגליקליכע, שלאַפע ברידערליך נעביך?

— דוא ווילסט וויסען פאַר וואס? האט דער אשמדאַי גאַנץ קאַלטבּליטיג געזאָגט. שאַ, וועל איך דיר אין קורצען דערצעהלען. איינער, טאַקי זייערער, האט געגנבעט עפּים חפצים דאָ אין דעם קלויסטער. דער הינער עולם, וואס האט דיינע ברידער פיינט און זייער גראָשען ליב, האט ארויסגעלאָזט א קול, אז דאס וואַקסט פון דיינע ברידערליך. מעהר האט מען שוין נישט בעדאַרפט, חברה איז אויף זיי אָנגעפאַלען און רעכענט זיך עס איצט מיט זיי גוט אָפּ.

— סטייטש, וואו איז דיא פּאָליציע? האָב איך געפרעגט שטאַרק פאַרוואונ־דערט, פאַר וואס שווייגט זיא און לאָזט צו אַזעלכע רציחות?

— דיא פּאָליציע מאַכט זיך קלאָמערשט נישט וויסענדיג, האט ער געענט־פערט מיט א געלעכטעריל. שפּעטער אז חברה וועט שוין אלסדינג אָפּטאָן, חאַ, חאַ, חאַ! דענסטמאָל וועט זיא אָנהויבען קרעכצען און זיך מתנצל זיין אין אלע גאַ־זעטען מיט זיסע, קאַלעבּרינע ווערטליך, אז זיא האט דערפון לחלוטין גאָר נישט געוואוסט; וועט בלומער'שט איינזעטצען תפוס דיא רעדעלפיהרער, דערנאָך, פאַרשטעהט זיך, וועט זיא זיי ארויסלאָזען און דיא גאַנצע באַד, חי, חי, חאַ! וועט

זיך טאקי אויסגיסען אויף דיינע ברידערליך. נישקשה, איך קען דיא רומינישע פּאַ־ ליציע! קאַסטאַפּאַרו דער פּריץ דאָרט קען אָפּאַרבייטען איין עסק און זיך אויסדרע־ הען גלאַט וויא אויפן טעלער.

— טראָג מיך רוח ווייטער, ווייטער אוועק פון דאַנען! האב איך דעם אשמדאי געבעטען. טראָג מיך וואוהין דוא ווילסט, טראָג, אבי לאָמיך נישט בלייבען דאָ.

ער האָט מיך א טראָג געגעבען ווייטער און דיא רוחות נאָך אונז. זיי זיינען אצינד מיר שוין פירגעקומען נישט אזוי ווילד, אזוי שרעקליך וויא פריהער. עפּיס האב איך צווישען זיי מיך געפיהלט פרייער און היימישער וויא צווישען מענשען. מיר זיינען געפלויגען איבער גאַלאַץ, באַקען, ווילקאָוו און קאגולע, דאָרט האבען אזעלכע שרעקליכע מעשיות זיך איבערגעחזערט! מען האט געהרגעט, געשלאָגען מיט גרויס אכזריות און דערנאָך האט מען דיא גאנצע שולד ארויפגעליינט אויף דיא געשלאָגענע געביך. זיי זיינען נאָך געבליבען אומגערעכט.... לעבין דער בוקאָווינע האב איך דערזעהען גרויסע זיילען רויך, וואס האבען זיך געטראָגען שטארק הויך אין דער לופטען מיט לאנגע פייערדיגע צונגען אי מיט ברענענדיגע האלאָוועשקעס און געפאַרבט פייער רויט דעם הימעל, וויא אויך דיא פליהענדיגע רוחות. איך גיב א קוק אונטען, אָווא, עס איז א שרעקליכע שרפה! א גאנצע שטאָדט ברענט פון אלע פיער עקען. עס איז א רעש, א מהומה, א העלעש פייער וויא אין גיהנם.

— דאס ברענט דיא שטאדט ס.... האט דער אשמדאי זיך אָנגערופען. אין דער דאָזיגער שטאָדט זיינען מייסטענס געזעסען דיינע ברידער, האבען געצאָחכט תמיד אלע אָפּגאבען פינקטליך און געלעבט זעהער גליקליך. דער סבאָרשטשיק פון דיא פּאָדאטען, ויערער א דם שונא, איז אויף זיי שטארק אויפגעבראכט געוואָרען דערפאַר, וואס זיי האבען איהם נישט געוואָלט געבען אין דער האנד אריין עפּיס א סומע געלט, וועלכע ער האָט פארלאנגט. מחמת גרויס כעס האט ער געהייסען אָנ־ צינדען דיא שטאָדט פון אלע פיער עקען. אצינד ברענט זיא עס געשמאַק, זעהר ליכטיג! דיינע ברידערליך לויפען דארט ארום, וויא דיא פארסמטע מייז, און פון זייערע הייזער, פון זייער גאנץ פארמעגען ווערט אש. גנבים, בייטעלשניידער רויבען, גזלנען, וויפיעל זייער הארץ גלוסט. דאָרט, זעה נאָר, דאָרט שטעהט דער סבאָרשט־ שיק מלא שמחה און האָט גרויס הנאה, אקוראט וויא א מאל דער קיסר קאַלוגולא, וואס האט געהייסען אָנצינדען דיא גאנצע הויפּטשטאָט רוים און קוקענדיג פון דער ווייטענס, אויף זיין גאניקעל, משונה הנאה געהאט פון דער שרעקליכער אילומינאציע. קאַלוגולא חלעבין איז זעהר געדעכט געווען דערפּיט, וואס ער האט זיך געוואַשען,

אז פון אלע מענשען אין דער גאנצער וועלט זאל װערען איין מענש און ער זאל איהם מיט זיין שווערד דעם קאָפּ אָבהאקען.

— גוואלד, וואס אויף דער וועלט טהוט זיך! האב איך ווען געשריגען, נעהם מיך צו, רוח, און טראָג מיך פון דאנען אוועק, אוועק.

דער רוח האט מיך ווייטער געטראָגען זעהר געשווינד. א גאנץ וועג האט ער צו מיר נישט גערעדט קיין וואָרט. מיר זיינען ביידע געווען פארטראכט און איטלי־כער האט געטראַכט עפּיס אנדערש, אז מיר זיינען געפלויגען איבער דער גרויסער שטאָדט יאססי האט ער מיר אנגעוויזען דאָרט אונטען עפּיס א שטוב און מיר געהייסען אריינקוקען אינוועגדיג דורך דיא פענצטער.

— האָב רחמנות! האב איך איהם געבעטען רחמים, הייס מיר שוין מעהר נישט קוקען דיא גרויסע צרות, וואס אין דעם לאנד טהוט זיך, לאָמיר פליהען ווייטער, ווייטער!

— חאָטש נאך איין מאל, ישראליק! האט ער געזאָגט, נאך איין מאל איי־דער מיר פליהען אוועק פון דעם לאנד. קוק, איך בעט דיך, קוק אריין דאָרט אין שטוב און זאג מיר, וואס דו זעהסט.

— איך זעה דאָרט, האב איך געזאגט, אריינקוקענדיג אין שטוב, עפּיס א קראנקער, א פארוואונדעטער אין דער לינקער פוס, לינט נוטה־למות אויף א באנק־בעטיל און קרעכצט נעביך משונה שטארק פאר וועהטיג. ארום איהם שטעהען א סך גרויסע און קליינע קינדער, דאַרע, בלייכע, מיט פארשמאכטע ליפּען, וויא הונ־געריגע, וואס האבען שוין א צייט גארנישט אין זייער מויל געהאַט. זיי שטעהען און וויינען מיט בלוטיגע טרעהרען. אין שטוב הערשט א שרעקליכע אָרעמקייט, א ביר־טערע עלענד, אומעטום איז וויסט, פינצטער, נישטאָ קיין שום זאך. און א ווינקעל, זעה איך, צוויי פּיטצליך, כמעט נאקעטע קינדערליך,ביידע נעביך יאָמערען: טאטע, עסען! טאטע, טאטע, מיר ווילען עסען!

— דער דאָזיגער קראנקער, האט דער אשמדאי זיך אנגערופען, איז איין אומ־גליקליכער, איין אָרמער טאטע, וואס פאכט מיט דער נשמה און געזעגנעט זיך נע־ביך מיט זייגע וויסטע, הונגעריגע קינדער. זיי מעגען נישקשה וויינען, פארגיסען טייכען טרעהרען. דער ארמער טאטע זייערער איז געווען, מישטעהנעם געזאָגט, זייער גאנצער פרנסה געבער, ער פלעגט זיך פּלאָגען צום טויט, צו דערטאַפּען פאר זיי א שטיקעל ברויט וויא עס איז צו דערהאלטען דיא נשמה. נאך זיין טויט וועלען זיי בלייבען וויא אויף דעם וואסער און אויסגעהן פאר הונגער. נאָר דו האסט געזע

העז ערשט א האלבע זאך. קום ווייטער א ביסעל, וועסט־דוא זעהען און וויסען אלסדינג אין גאנצען.

ער איז מיט מיר געשווינד אוועקגעפלויגען איבער איין אנדער גאס, דארט איז געשטאנען זעהר א גרויס הויז פון א גאנץ רייכען מאן, אהינצו האט ער מיר געהייסען אריינקוקען און זעהען, וואס עס טהוט זיך.

— איך זעה, האב איך זיך אנגערופען, אין א רייך אויסגעציהרטער זאל מיט טהייער מעביל, מיט גאלד און זילבער, זיצט אין א פאטעל עפיס א מענש, שוין אין דיא יאהרען, לעבין איהם אויף א קאנאפע זיצט צולייגט א יונגער מאן, אנגעטאן אין דיא קליידער פון א יעגער, ארום און ארום זיטצט א גאנצע געזעלשאפט פון יונגע לייט. מען טרינקט ויין, מען שמועסט, מען לאכט און עס איז שטארק פרעה־ליך. דער יעגער דערצעהלט מעשיות פון דער אחאטע. ער דערצעהלט, וויא ער האט געשאסען א ניי מין בעשעפעניש אויף צוויי פיס!.... אלע פאטשען בראוואָ! דער אלטער מאן האט משונה הנאה, טרינקט פאר שמחה אויס א בעכער וויין און קוקט אויף דעם יעגער מיט ליעבשאפט.

— דער אלטער מאן, האט דער אשמדאי געזאגט, דאס איז ב א ג ד א ן, זעהר א רייכער פריץ, און דער יעגער, וואס דערצעהלט דיא שיינע מעשיות, איז זיינס א זוהנדיל. אין דעם הויז פלעגט אפט אריינקומען צו פארקויפען קעראסין יעגער ארמער טאטע פון א סך קינדער, וועלכען דוא האסט ערשט נישט לאנג געזעהען דארט, ליגענדיג טויט קראנק אויף א ביסעל שטרוי. איינמאל האט ער דא, וויא געוועהנטליך, פארקויפט קעראסין און שוין געוואלט אוועקגעהן; נאר היינטיגס מאל איז איהם נישט בעשעהרט געווען צו זעהען זיך געזונטערהייט מיט זיינע קינדער. בשעת ער האט זיך געלאזט ארויסגעהן פון דעם הויז איז הינטער איהם נאכגעגאנ־גען באגדאנס זוהנדיל גרייט צו דער פאלעוואניע, מיט א ביקס אין דער האנד. לא־בענדיג קומט צו איהם דאס יונגע פריציל צו, און זאגענדיג דיא ווערטער: „מיר וואלט זיך זעהר געוואלט וויסען אויב איך קען הרגנען א יודליק“ האט ער זיך גע־צילט און אויסגעשאסען. דיא קויל האט דעם יודליק געטראפען אין דער לינקער לאפעטקע, ער איז באלד אנידער נעפאלען מיט א שרעקליך געשריי, וואס האט געקענט ריהרען אפילו א שטיין. אצינד, בשעת דער פארוואונדעטער מאטערט זיך נעביך שרעקליך אויף זיין הארט געלעגער און דיא הונגעריגע קינדער שטעהען ארום דעם אומגליקליכען טאטען — זיטצט זיך באגדאנס זוהנדיל, דער רוצח, גאנץ לוס־טיג אויף א ווייכער קאנאפע און דערצעהלט זיינע גבורות ביי א גלעזיל וויין.

דער טאטע מיט אלע גוטע ברידער קוועלען דער פון גאר אן און זיינען זיך פשוט מחיה!

— גוואלד! האב איך געשריען, וויא שווייגט מען פאר אזא רציחה? טייבען טרעהרען און אומשולדיג בלוט פון מענשען גיסען זיך אין דיא גאסען וויא וואסער און קיינער גיט דארויף אפילו קיין קרעכץ נישט, גוואלד, וואו איז דאס געזעטץ? וואו איז דאס מענשליכקייט?

— קום, זיי מוחל, וייטער אביסעל! האט דער אשמדאי זיך אנגערופען, קום, ועסט דוא הערען א תירוץ אויף דיינע קלאטץ קשיות! נישט וויט פון דאנען, ועהסט דוא, שטעהט א הויז, דאס איז א געריכט הויז, וואס דארט משפט מען אין דעם נאמען פון אמת און גערעכטיקייט; וואס דארט וייזט ארויס דער מענש, דער אנטיק פון אלע בעשעפעניש, זיין נוטסקייט, זיין פרומקייט, זיין שכל, זיין דבור — דיא גרעסטע מתנה פון דעם, וואס איך טאהר נישט דערמאהנען — און זיינע שיינע, טהייערע געזעטץ. מיר פליהען איצט אקוראט איבער דעם געריכט-הויז, קוק, זיי מוחל, אהינצו אריין און דערצעהל מיר אלסדינג, וואס דוא ועהסט און הערסט.

— איך זעה, האב איך דערצעהלט, דריי רומינער שטעהען דארט פאר דיא ריכטער. דיא אלע דריי אין איינעם האבען בעגזלט און געהרגעט א יודען נעביך. זייער אדוואקאט, וואס מען רופט איהם דארט מיט דעם נאמען האר ברעסקו, פארענטפערט דיא רוצחים מיט א ריידע. — רבותים! זאגט ער צו דיא פריסאושנע זאסיעדאטעלעם איהר מוזט קודם כל וויסען, וואס זענין אזוינס יודען. איהר בעדארפט האבען אין זינען, אז יודען זענין פיאווקעס, וואס זויגען ביי אונזער פאלק אויס דאס בלוט. איך קען עס אייך אויסווייזען פון זייער תלמוד, אז יודען טרינקען זיך אן מיט אונזער בלוט, אז זיי האבען אונז פיינט. אין דיא יודישע געבאט שטעהט אזוי. אמתע קריסטען מוזען מיט יודען זיך בעגעהען וויא מיט ווילדע חיות. איך בין זיכער, אז איהר וועט גערעכט געבען מיינע דריי לייט, פאר וועלכע איך נעהם מיך דא אן — דיא כוונה זייערע איז געווען זעהר א גוטע: צו בעפרייען אונזער ארעם לאנד פון דיא פיאווקעס.

— יישר-כח ברעסקו! האט דער אשמדאי געזאגט מיט גרויס שמחה, דיין דרשה האט מיך פשוט מחיה געווען. דוא האסט דערמיט געוויזען, וואס איז אזוינס א מענש, וואס זיין צינגעל בעטייט!

און אין דעם וויא ער האט מיט א געשפעט גערעדט איבער דיא מענשען געדאכט פון זייער יושר, פון זייער ליבע און פון זייער פרומקייט, איז ער דערווייל גע-פלויגען, געפלויגען, ביז מיר זענין געקומען צו עפים א הויז.

— ישראליק ! האט ער געזאגט, נאכדעם וואס דוא האפסט דא געזעהען און געהערט, מוזט דוא, איידער מיר פליהען פון דעם לאנד אוועק, האטש איין מינוט ארייגקוקען אין דעם הויז, וואס דארט אויף א שטוהל זיטצט מיין מיניסטער קאס־טאפארו, ארום איהם זיין גאנצע כנופיא גרויסע לייט און גאזעטען שרייבער. קוק אריין און דערצעהל, וואס דוא זעהסט.

— איך זעה, האב איך געזאגט, דער מיניסטער הייסט אנשרייבען א פאפיר, אויף וועלכען מיינע אומגליקליכע ברידער זאלען זיך חתמה'נען, אז ס'איז אין גאנצען א ליגען, וואס דיא וועלט טראכט אוים, אז מען מארטערט זיי דא צום טויט. אדרבה זיי איז דא זעהער גוט, און זיי האבען דא, נישט צו פארזינדיגען, זעהער פיל גוטע פראוועס....

— זיי געזונט, מיין טהייערער קאסטאפארו ! הלוואי א סך אויף דער וועלט וויא דוא, וואלט איך מיר שוין געשלאפען רוהיג. זיי געזונט, מיין פריינד ! דיין געזונט איז זעהר געהטיג, בכדי דורך דעם זאלען טויזענטער אנדערע פארלירען זייער געזונט און לעבען. קאסטאפארו, סערדצע, זיי מיר געזונט ! אויך איהר, רעדאקטארען, טהייערע מענשליך, זייט געזונט ! דערפרעהט מיך אפט מיט אייער שרייבען און קארגט נישט, שפארט נישט קיין טינט !.... אזוי האט מיט א געלעכטער דער אשמדאי זיך געזעגענט און אוועקגעפלויגען ווייטער.

א חיבשע צייט זענין מיר געפלויגען איבער טהאלען איבער בערג, איבער דער־פער און איבער שטעדט, איבער אזעלכע, וואו מיין פוס טאהר זיך נישט געפינען דארט, פון דער ערד ביז צו דיא שפיטצען דעכער. פליהענדיג איבער סמירנא האבען מיר אונטען געזעהען א שרעקליכע סצענע, א גרויסע מחנה גרעקען האבען וויא חיות רעות נאכגעיאגט עפים א מענשען, וואס ער איז געלאפען געביך און זיך ארויסגע שלאגען במעט פון דיא כוחות. אט, אט, האב איך געמיינט האפען זיי איהם און צורייסען איהם אויף שטיקער.

— דאס קויפט איינער פון דיינע ברידערליך. האט דער אשמדאי זיך אנגערר־פען. ער וועט, דאכט זיך מיר, באלד אנידערפאלען און אייביג שוין מעהר נישט אויפשטעהען.

דער אומגליקליכער געביך איז געווארען מיד לויפענדיג, קוים וואס ער האט זיך געהאלטען אויף דיא פיס. דיא גרעקען זענין שוין געוועזן גאנץ נאהענט פון איהם, האבען משונה געשריגען און אויסגעשטרעקט דיא הענט. פלוצלים אבער האט ער זיך געשטארקט געלאפען מיט דעם גאנצען כח און זיך אריינגעהאפט צום סוף ער־ניץ אין א הויז. א טהייל פון דיא גרעקען זענין איהם נאכגעלאפען אהינצו, א טהייל

זענען געבליבען אין דרויסען און האבען געשריגען: נעהמט איהם ארום אהער, לאמיר איהם הרגנען!

אין מיטען דער שרעקליכער מהומה איז פון דעם הויז ארויסגעגאנגען א מיט-ראפאליט, זיך געשטעלט אין דער טהיר מיט דעם פנים צום עולם און געזאגט אויף א קול: וואס האט איהר דא זיך פארזאמעלט? ווילט איהר עמיצען הרגנען, הרגעט-זשע מיך. כל-זמן איך לעב וועל איך, פאר קיין שום זאך אין דער וועלט, נישט ארויסגעבען אייך דעם אומגליקליכען מענשען, וואס איז געקומען אין מיין הויז אריין, צו בעטען ביי מיר הילף פאר זיך און פאר זיינע אומגליקליכע ברידער, נעביך. וויא האט איהר פאר גאט קיין מורא נישט אויסצוטראכטען אויף זיי נעביך איין עלילת-דם, וואס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען, און אנצופאלען וויא דיא לייבען אויף אומשולדיגע מענשען? בעטראכט זיך נאר, וואס איהר טהוט!

טרעהרען האבען מיר זיך געשטעלט אין דיא אויגען פאר פרייד, אז אויף דער וועלט איז נאך פארט דא א גוטער, עהרליכער מענש.

— אנקוקען קען איך נישט אט דיא פראוואסלאווגע ארכירייען! האט דער אשמדאי א זאג געטאן מיט כעס און געמאכט א זויערע מינע. עס איז מיט זיי גאר נישט צו מאכען. פע, פע, וויא א ביין שטעהען זיי מיר שוין אין דעם האלז! א נס חלעבין, וואס עס איז נאך געבליבען אויף דער וועלט רעכטע מענשעליך אונטער דיא יעזואיטען. בשעת זיי האבען געוועלטיגט ביד רמה האבען זיי געפרעגעלט אפט אויף דעם פייער אייך, מענשעליך! עס האט געשמעקט געבראטענס פון מענשען פלייש. אך, וויא געשמאק אזא געבראטענס איז! לאמיר נאך ווייטער פליהען, צווישען מיינע לייט, אפשר וועלען מיר דארט דאס מאכל בעקומען. ריידענדיג אזעלכע ווערטער, האט ער שטארק געמאכט מיט דיא פליגעל און איז מיט זיין גאנצער קאמאנדע רוחות אריינגעפלויגען געשווינד אין דייטשלאנד.

אז מיר זענען געפלויגען דארט איבער דער שטאדט ניי-הויצעל האב איך גע-זעהען וויא א יודישער סוחר בעט אין דעם נאמען פון אלע זיינע ברידער דעם דאר-טיגען גלח, ער זאל אויף זיי רחמנות האבען און אויסווייזען זיין פראסטען עולם. אז עליכת דם איז א שקר בלבול. באם ער וועט עס נישט טאן, איז דער עולם, זיינער גרייט באלד אויף זיי אנצופאלען און גאט ווייסט, וואס פון זיי נעביך קען ווערען. דער גלח האט גאנץ קאלטבליטיג געענטפערט: חלילה, איך וועל אזא נארעשקייט נישט טאן, פון מיינעטוועגען ווערט האטש דיא כפרה!

— א, דער רוח זאל איהם חאפען! האב איך געזאגט מיט כעס.

— האב צייט ישראליק! האט דער אשמדאי געענטפערט, שפעטער וועט

איהם מאקי דער רוח האפען, אצינד אבער זאל ער לעבען און געזונד זיין, ער ניטצט מיר צום עסק. סוק בעסער ווייטער, וואס אונטען טהוט זיך, דוא וועסט נאך עפיס שעהנערס זעהען.

—נענוג, נענוג ! האב איך נעשריגען אין איין אטהעם, דער קאפ דרעהט זיך מיר. איך קען אסור מעהר נישט צוזעהען דיא עולות, דיא פאלשקייטען און דיא רציחות אויף דער ערד.

— עט, האט ער געזאגט, דאס וואס דוא האסט געזעהען איז נאך נארנישט, ערשט א טראפען פונ'ם ים. אויב דיר איז נמאס געווארען צוזעהען דיא צרות, וואס פרעמדע טהון אייך אן, וועל איך דיר ווייזען דיא גרויסע צרות, וואס איהר אליין טהוט איינער דעם אנדערען, איך וועל דיר ווייזען אייערע אלע תכשיטליך, אייערע מיוחסים'ליך אייערע בעלי טובות'ליך, אייערע אלע אפוטרופסים'ליך.

— נענוג, האב איך איהם געבעטען רחמים, איך קען זיי שוין גאנץ גוט.

ער האט א פליה געטאן שרעקליך געשווינד, וויא א פייל אויס דעם בוינען, דערנאך האט ער פאמעליך געשוועבט אין דער לופטען און זיך אנגערופען צו מיר:

— איך וועל דיר ווייזען אייערע ספאדיקליך, אייערע צינאנגערליך, טהו מיר צו־ליב ישראליקיל, קעטצעלע, מוצעניו, און קוק נאך אביסיל. איך וועל דיר ווייזען פיי־קעליך, נערנעליך, אוחניאקעליך, טרידינגליך, שיך און זעקעליך, פיאטקליך, פאטשיי־לעבליך, פושקעליך, קעסטעליך, קאראפקעליך און קאבלעפעליך. איך וועל דיר וויי־זען אייערע דרעהדליך, שרייערליך, גראנערליך, שטארקע העמערליך, נייא מאדנע גלות ליבטליך, קארפירער אתרונים'ליך און אייערע כפרה־היהנדליך !....

איך בין פארצאפעלט געווארען אז איך האב, איהם צוליב טהוענדיג, אראפ־געקוקט און גלייך אונטער מיר דערזעהען עפיס א ספאדיקעל.

— צאפעל זיך נישט אזוי, ישראליק לעב ! האט דער אשמדאי נעלאכט. דוא קענסט נאך ארויספאלען חלילה פון מיין האנד און אריינפאלען גלייך יענעם ספאדיק אין דיא הענט.

— איידער אין אזא ספאדיקס הענט אריינצופאלען, איז שוין א סך בעסער אין דיין האנד. איך בעט דיך, רוח, האב רחמנות און טראג מיך אוועק ווייטער.

— האטש נאך א קוק, ישראליק ! מיר צוליב, טהו נאך איין קוק. איך, אשמדאי, איך בעט דיך.

— ניין, ניין ! האב איך געשריגען און זיך בעהאלטען ביי איהם אין דער האנד, אין א ווינקעלע. איך קען נאך חלילה משוגע ווערען, צוזעהענדיג אזעלכע זאכען. דוא וועסט עס אסור ביי מיר בשום אופן נישט פועלין. נענוג געקוקט, איין עק, א סוף.

— דוא ביסט נישקשה א גוטער עקשן, ישראליק, דער רוח אפילו קען מיט דיר גארנישט מאכען! האט דער אשמדאי געזאגט און ווייטער געשווינד אוועקגע־פלויגען.

15.

ישראליק מיט דער שקאפע צווישען דיא לצים.

וויפיל דיא רייזע אין דער לופטען האט געדויערט קען איך בעשטימט נישט זאגען, מחמת איך בין געוועזען שטארק צוטראָגען פון אלסדינג, וואס איך האב געזעהען און וואס מיט מיר האט זיך פאסירט. איך ווייס נישט מעהר, אז א לאנגע צייט בין איך געפלויגען ביז מיר זענען צום סוף געקומען אין א גאנץ גרויסען און שרעקליך א טיפען טהאל, ערגיץ אין א העק, צווישען משונה הויכע בערג, וואס גרייכען ביז דעם וואלקען. עס געהט מיר נאך איצט א גרויל איבער דעם לייב, אז איך דערמאהן זיך אן דעם טהאל, אזוי ווילד, אזוי וויסט איז ער געוועזען. פון גראז און ביימער האט מען נישט געהאט אפילו קיין סימן. אויף איטליכען טריט האט מען גזעהען נאר דערנער און הויפענס שטיינער. צווישען זיי האבען געשוויבעלט און גע־גריבעלט שלאנגען, פיפערנאטערען און עקדישען, עס האט גערגילצט אין דיא אויע־רען, הערענדיג דאס געשריי, וואס ווילדע חיות און עופות האבען פון זייערע נאָרעס ארויסגעלאזט אויף אלערליי טרויערדיגע און וויינענדיגע קולות. עס האט אויך גע־שטונקען עפּיס א ריח פון שוועבעל מיט טייפעלסקיים אין איינעם, און ערטערווייס האט פון דער ערד ארויסגעזעטצט וואלקענס רויך, וואס זענען וויא א טומאן זיך צר גאנגען אין אלע זייטען. אט אזא טהאל האבען דיא רוחות זיך אויסגעוועהלט, דא איז זייער וואהנונג!

פון דאָרט האט מיך דער אשמדאי געפיהרט דורך אַ שפּאלט צווישען סקא־לעס און מיט מיר אריינגעגאנגען אין א גאנץ גרויסער הייל, וואס איז גאר אוממעג־ליך צו בעשרייבען אפילו א טויזענט חלק פון איהר ווילדקייט. דאָרט האָט געפלייצט א טייך שווארצער טינט און אויף זיינע ברעגען האבען געוואקסען ווערדער פּענעס, אין דיא ווערדער ווידמען זיך לצים, אזעלכע מיני בעשעפעניש, עפּיס מאלפּעס, וואס האָבען א געשטאלט נאר טאקי וויא פון מענשען. פון דערווייטענס האב איך געזעהען וויא לצים האבען אין דעם טייך אנגעטרונקען מיין בידנע קליאטשע נעביך, דיא דערנאָך געבאדען און אונטערגעטוקט א סך מאל אין טינט אזוי, אז זיא איז פון דאָרט ארויסגעגאנגען שווארץ וויא א רוח....

— דאס איז מיין קאנצעפּאריע! האט דער אשמדאי צו מיר געזאגט. דעם

דאזיגען טייך און דיא וועלדער, וועלכע דוא זעהסט דא, האב איך אנגעגרייט פאר דיינע ברידערליך. מען וועט אויף זיי שרייבען און שרייבען פר־זמן עס וועט נישט אויסגעהען דער טינט פון דעם טינטער און דיא פענעם פון דיא וועלדער. פון דעם טינטער געהען ארויס קאנאלען, טשערנילא־פראוואדען, נאנץ ווייט אין פארשידענע מקומות, אין דיא רעדאקציעס און אין דיא קאבינעטען פון געוויסע מענשען. דער דאזיגער קאנאל, נומער 999,999, וואס דוא בעטראכסט איהם איצט, ער געהט אין דעם טינטער פון דעם דניעפראוועצער גאזעטענשרייבער. טינט און פענעם איז דא א ים און שרייבער וויא זאמד.

ער האט א שמוטצער געטאן און דיא לצים חאבען פון דיא וועלדער זיך א שאט געגעבען צו איהם וויא דיא פליגען, זיך אויסגעשטעלט אין א גלייכער שורה, איטליכער מיט א פען אין דער האנד און מיט א קיוועך פאפיר אויף דעם קאפ.

— דאס זענין מיינע שרייבער! האט ער צו מיר זיך אנגערופען און מיך דערביי אנגעקוקט מיט א שמייכעלע.

וויא א יענעראל האט ער זיך דערנאך געזדראוסטוועט מיט דעם פאלק פר־סאקעם. עס איז געווארען א געשריי: אוררא, אוררא! אז עס איז שטילער געווא־רען, האט ער אנגעהויבען זיי צו מושטירען. דער מושטיר איז בעשטאנען אין ארויס־שטעקען דיא צונגען, מאכען א פייג און לאכען. נאכדעם האט ער הויך געקאמאנ־דעוועט: צו האלטען וויא מען בעדארף דיא פענעם! צו טונקען!... פארטיג מיט דעם, האט ער צוצוויגען אויף א קול א געשריי געגעבען: ש ר ר ר ר ר ייב ט!

דיא קאמאנדע האט זיך א נעהם געטאן שרייבען, אלע כמעט דיא זעלביגע זא־כען און דיא אייגענע ווערטער. דיא האר האבען מיר זיך געשטעלט לייענענדיג דיא אנגעשריבענע ווערטער, זיי זענין געווען אי שפיטצעכדיג, אי מיט קרוטשקעס און גע־שמאכען וויא שפיזען. ביי א טהייל האט שרייבענדיג געציטערט דיא הענט און געטיאכקעט דאס הארץ. וויא איך בין שפעטער זיך דערגאנגען זענין דיא דאזיגע געווען רעקרוטען, ערשט וואס אנגעקומען אין דעם פאלק. זיי איז נאך שווער געווען אזעלכע זאכען.... חוץ דיא האבען נאך א טהייל געארבייט וויא דיא פאזשארנע קאמאנדע און געשפריצט פשוט בלאטע.

נאך דער סמאטרע האט דער אשמדאי ווייטער א שמוטצער געטאן איז אריינ־געקומען עפיס א רוח, א ריז, אנגעטאן אין דער פאלנער פארמע, בעהאנגען ארום דעם קאפ מיט פעדערען, מיט פענעם און מיט פלעדערווישען.

— וואס האסט דוא אין דער צייט וואס איך בין נישט היע געווען, עפיס געטאן? וויא שטעהען אונזערע עסקים? האט דער אשמדאי דעם רוח געפרעגט. אגב אונז

ביידע פאַרנעשטעלט איינעם דעם אנדערען: דאס איז מיין סעקרעטאר, האר לוצי-פער, און דאס איז רב ישראליק!

דער סעקרעטאר לוציפער האט געמאכט א זויערע מינע און מיך נישט געוויר-דיגט אפילו מיט א בליק. ער האט באלד ארויסגענומען זיין ראפּארט און געלייענט:

„אייער אשמדאיסקע פינצטערנעס! מלך פון אלע רוחות און מחבלים, פּרינץ פון אלדע שווארצע יאהר, הערצאג פון שבעה מדורי ניהנם, גראף פון סדום און עמורה, ערץ פּאסטיך פון אלע זינדענבעק און עזאזל, א. ז. וו

אונזערע אגענטען, דיא בעלי טובות אין אלע שטעדט, זענען אין זייערע ראפּאָר-טען מודיע: „אז דורך זייערע גרויסע סטאראניעס אומעטום, וואו מען בעדארף איז זיי צום סוף געראטען, אז דיא טאקסע פון פלייש זאל נישט בטל ווערען“.

דער אשמדאי האט געשמאכט פאר שמחה. איך דאנק אייך, האט ער געזאגט צום סעקרעטאר, איך דאנק אייער טונקעלע שווארצזיכטיגקייט, דוקעם לוציפער, דערפאר וואס איהר האט מיר צום ערשטען ראפּאָרטוועט אזא וויכטיגע זאך. ער האט דערנאך זיך געווענדט צו מיר מיט דיא ווערטער:

— זעהסט דוא, דאס איז ביי מיר א בשורה, איינמאל וועלען דיינע ברידערליך עסען מכות פלייש און דורך דעם תמיד קריינקען, דיא היינטיגע גרויסע דאקטורים ווילען האבען, אז פון וויניג פלייש עסען פוילען דיא ביינער. קריינקט, פוילט צו אלדע שווארצע יאהר! צווייטענס איז דיא טאקסע מיר פשוט נעהטיג צום עסק. דורך איהר בילדעט זיך ביי אייך דיא גאנצע באנדע בעלי־טובות, וואס פיהרען איטליכען ביי דער נאז און לאזען אייך קיין קאפּ נישט אויפהייבען; פון איהר האבען אלע מיינע אגענטען, זשאלאָוואניע און זייער פרנסה בכבוד; דורך איהר האבען אייערע פוסטע מענשעליך אין דיא הענט סומעס געלט, אויסצוגעבען אויף אלסדינג, וואס מען טאר נישט זאגען; דורך איהר האט איהר דעם בעסטען סימן, אז מיט אייערע הוצאות אויף אלע נעהטיגע בעדערפעניש און כלל זאכען זענט איהר אפּגע-שיידט פון דיא אומות העולם, דעריבער איז גאר אונמעגליך, אז איהר זאלט זיך פאראייניגען מיט זיי אין דיא זעלביגע געפיהלען פאר דער מדינה, און דעריבער טאקי ווע.ען שלעכטע מענשעליך תמיד געפינען א געלעגענהייט דערפאר אויף אייך אנצופאלען. אייער „פאלאזשעניע“ וועט זיין פארפלאנטעט, פאררדרעהט, הלואי איך זאל שוין מיט אלע אנדערע מענשעליך האלטען אויף דער מדרגה, ווייא איך האלט מיט אייך!... איצט פארשטעהסט דוא, פאר וואס דאס איז ביי מיר אזא בשורה? חלילה וחס, דיא טאקסע זאל געוועהן בטל ווערען, וויא עטליכע האבען עס פאר-לאנגט, וואלט איהר — נישט דערלעבען זאלט איהר דאס! — מיט א מאל פטור

נעווארען פון א סך צרות, נו מיינע אנענטען פארשטעהען דיא פאליטיק, זיי פאר־דינען א נאנראדע פאר זייער סטאראניע.

„לויט ריכטינע ידיעות, האט לוציפער ווייטער ראפארטעוועט, זענין בשעת דער חלי־רע מייסטענס געשטארבען דיא דאזינע, וואס מחמת גרויס ארעמקייט קענען זיי קיין פלייש נישט עסען. עס איז שרעקליך טהייער און דורך דער סטאראנ־ניע פון אונזערע אנענטען הייבט זיך דער מקח וואס א טאג אלץ מעהר."

— גוט! האט דער אשמדאי געזאגט, זעהר גוט! בשעת דער חלי־רע ווייזט דיא טאקסע ארויס איהר כח צווישען דעם ארמען עולם. ערשט נישט לאנג האב איך ערגיץ אין א שטאדט געלייענט איין אנגעקלעבט צעטיל אין דער גאס. אויף דעם צעטיל איז אונטערגעשריבען „דברי המבקשים לטובת אחב"י". דארט איז מען מודיע דעם עולם, אזוי וויא אין דער וועלט הערט זיך דיא חלי־רע, בכן זאל מען למען־השם עסען פלייש, אפילו אין דיא ניין טעג. בשעת לייענען האב איך געלאכט, וויא מען ראטה צועסען פלייש, אלץ לטובת אחב"י, לטובת אחב"י און אליין הע־בערט מען דעם מקח!

„קאנדידאטען אויף בעלי טובות, האט לוציפער ווייטער געלייענט, זענין דא זעהר פיל פון אלערליי סארטען מענשען, עס איז נאר נישטא אזוי פיל שטעלען. סיידען מען זאל צו איטליכען „פאמאשטשניק" פון א גלאוונעם בעל טובה צווועצען נאך אקעגען א הונדערט אונטער־פאמאשטשניקעס און זיי אליין וועלען זיך שוין זארגען צו געפינען נייע „איסטאטשניקעס" פון וואנען צו בעקומען זייער געהאלט, עטליכע האבען מכח דעם שוין אריינגעשיקט גאנץ שיינע פראיעקטען. איך האב עס איבערגעגעבען א בעזונדער קאמיסיע, וואס בעשטעהט פון שמחזאי ועזאל, פון אחרימאן, אחעראן, טיפהאן, שיווא, בעלצעבוב. — אין גלופסקער בקור חולים געהט איצט דיא הנהגה דורך א פאר פון אונזערע אגענטען, נאר קיין חיות נישט. בשעת דער חלי רע האט מען אהינצו געבראכט א פערצעניעהרענדיג מיידעל. דער משמש האט זיא געריבען, און דערנאך, אז זיא איז צו זיך געקומען, האט ער זיך מיישב גע־ווען און זיא דארט מאנס געוועזן. דאס מיידעל האט געשריגען, געוויינט, געחלי־פעט, זיך פארעסען און געשטארבען. דיא מעשה מעג זיך שוין גלייכען צו דיא אלטע מעשיות, וואס זענין זיך פארלאפען א מאל אין אונזער סדום. מיר האל־טען שוין מיט גלופסק אויף א שטיינער! — רעקרוטען זענין אין דער צייט אנגעקר־מען אין דיא פאלקען „פיסאקעס" דריי טויזענט דריי הונדערט מיט דריי און דריי־סיג. זיי זענין נאך לעת עתה נישט פארטיג, וויא עס געהער צו זיין. בעלצעבוב האט זיי געגעטען צו זיך אויף דער „אוטשעניע". — טינט איז אין דער לעצטער צייט

פאַרבראַכט געוואָרען זיבען טויזענט, פינף הונדערט, ניין און ניינציג אייטער מיט אַנדערהאַלבען קוואַטירליך״.

— אַזוי ווייניג ! האָט דער אַשמדאי זיך אָנגערופען און געמאַכט אַ מינע, אַז ער איז נישט צופרידען.

לוציפער האָט געוואָלט עס דערקלעהרען, נאָר וויאַ באַלד ער האָט געעפענט דאָס מויל צום ריידען איז אַריינגעפלויגען אַ רוח מיט דעפעשען. דער אַשמדאי האָט אַ ווינק געגעבען, לוציפער זאָל ביי דעם „דעזשורנע״ צונעהמען דיא דעפעשען און לייענען.

— דיא דאָזיגע דעפעשע, האָט לוציפער געמעלדעט, איז פון רומיניען. מען בעט רחמים אַרויסצושיקען טינט, וויאַ צום גיכסטען: עקזעמפּלאַרען פון איטליבער זאַך, וואָס מען ווערט דאָרט אָנשרייבען, זענען זיי זיך מתחייב צו שיקען תמיד פּינקטליך אין אונזער ביבליאָטיקע.... דיא צווייטע איז פון עסטרייך. מזל־טוב אייך, גרויסער אַשמדאי, מיט אַ גוטער בשורה ! האָט לוציפער פרעהליך געזאָגט מיט אַ שמייכעלע און אַרויסגעשטעלט זיינע שפּיצעכדיגע הינטעשע צייהן. דער קאַרדינאַל שוואַרצענבערג בעט עפּיס נאָר אַ גוזמא טינט פאַר זיין גאַזעטע. ער וויל מיט איהם מאַכען אַ געשעפט, אַז חוץ דעם טינט וואָס ער אַליין בעדאַרף האָבען צו זיין געברויך, זאָלען מיר איהם נאָך געבען אין קאָמיסיע פאַר אַלע קאַטוילעשע גלחים אין בעהמען און אין מעהרען, וואָס האָבען דאָרט זיך גענומען געשמאַק צום שרייבען, נאָר וויאַ אין דיא אַלטע יאָהרען.

— לעבען זאָלען מיר מאַקי מיינע געטרייע געזעלען, האָט דער אַשמדאי אַ זאָג געטאָן גאַנץ לוסטיג. כל־זמן אין זיי קלאַפּט זיך נאָך אַ דפק האָב איך נישקשה נישט וואָס צו זאָרגען. לוציפער ! מען ווערט בעדאַרפען אונטערגעבען אַביסיל אין דעם טינט פון יענע מאַטעריאַלען: בלוט, גאַל, גרינע ווערים, יאַשטשערקעס, טייפעלסקיים וכדומה, כדי ער זאָל אַרויסקומען עכט גוט.

— דאָס אַלסדינג האָב איך שוין אַליין אַריינגעטאָן, האָט לוציפער געענטפערט און זיך גענומען לייענען דיא איבעריגע דעפעשען. ער האָט איבערגעלייענט וואָס דער רעדאַקטאָר פון „גאַזעטאַ נאַראָדאָוואַ״ אין גאַליציע פאָדערט. דערנאָך האָט ער מיט אַ רחמנות־פּנימעל אַ מאַך געגעבען: אַ, דאָס איז פון אונזער דניעפּראָוויצערן ער קלאָגט זיך נעביך, אַז ביי איהם איז שוין כמעט אויסגעטריקענט דאָס טינטעריל. ער האָט פשוט נישט שוין וואָס צו שרייבען און דאָ בעדאַרף מען אין דער געהעריגער צייט אַרויסגעבען אַ נומער ! אַ רחמנות חלעבען !

— געשווינד עפענען דיא קראַנעס ! האָט דער אשמדאי געקאָמאַנדעוועט מיט א געשרייא.

אפשר א ראָטע רוחות האבען זיך א וואָרף געגעבען צו דיא קראַנעס. דער טינט האט געפלייצט דורך דיא „משערנילאָ-פּראַוואָדען“ אין פאַרשידענע ערטער.

פּלוצלים איז אריינגעפלוינען א הוילע, א נאַקעטע נשמה, האָט געשוועבט ארויף און אראָפּ וויא א באַבעטשקע און זיך אלץ געשלאָגען אן דער ערד מיט איהרע פלאַם-פייערדינע פליגעליך, העל בלויא, וויא דער פלאַם פון אנגעצונדענעם שפּירט. אליין האט זיא אויסגעזעהען וויא א גרויסע, זעהר א דינע בולבע פון זייף, געשפּילט פון אלערליי פיינע קאָלירען, וואָס האבען פארנומען דיא אויגען. אז מען האָט גוט זיך צוגעקוקט האָט מען קוים געקענט דערקענען עפּיס א געשטאַלט פון לויטער גאַז.

— אָך ! האָט דער אשמדאי א געשריי געטאָן און זיך אנגעחאַפּט ביי דיא האָר, אז ער האָט זיא דערזעהען. עס איז נסתלק געוואָרען א גרויסער בעל טובה, א גרויסער בעל רחמים, איינער פון מיינע בעסטע אגענטען ! דאָס איז זיין נשמה, וואָס איז איצט נאָך דער פּטירה, געקומען, צו וואוינען ביי מיר אין איינעם מיט דיא נשמות פון אלע בעלי-טובות....

איך האָב מיך צו דער נשמה שטאַרק צוגעקוקט און זיא דערקענט. — דאָס איז געווען דיא נשמה פון באמת משונה א ווילדען בעל טובה אין מיין שטאָדט !

— קלאָג, וויין ישראליק ! האָט דער אשמדאי צו מיר געזאָגט מיט א טרויער-דיגען קול. דיין שטאָדט האָט פארלוירען א גרויסע אבדה, דיין קהל האט אָנגעוואָרען א גרויסען בעל רחמים, א מצאַצקעלע ! יאָמערט, קלאָגט טייפער, רוחות ! איך, אייער מלך, האָב פארלוירען דעם בעסטען בעל-עצה, דעם געטרייסטען סאָוויעטניק, אהן איהם בין איך וויא אהן דער רעכטער האַנד !

אין דער גאַנצער הייל, אין דעם גאַנצען טהאל האָט זיך געלאָזט הערען א שרעקליכער יאָמער אויף אלערליי ווידע קולות. עס האָט זיך געהערט א היילען, וויא א הונט היילט א מאָל שרעקליך ביי דער נאַכט הינטער דעם פענסטער, אויך א מיוקען, א ווייגען, וויא קעטץ ווייגען, בשעת דער פּרוכפּערונגס-צייט, אויף דיא דע-כער. עס האָט זיך געהערט א טרויערדיגער הספּד פון סאָוועס, א קראַקען פון סאראָקעס, א קוואַקען פון זשאַבעס. עס האָט זיך געהערט אויך א שטומצערען פון שלאַנגען, א פּישטשען פון שצערעס, א מריקען פון ביקעס, א ברומען פון בערען, א ברילען פון לעמפּערטען און א סקריפּ וויא פון א ריק-בעט. גלייך וויא אלע ווילדע בעשעפענישן האבען געוויינט, געקלאָגט אויף אזא בעל טובה, אויף אזא כשרה נשמה

איך בין שיעור אין חלשות נישט געפאַלען. שיעור נישט טויט געוואָרען פון אזא שרעקליכען הספד.

דער אשמדאי האט קוים מיט צרות איינגעשטילט דעם עולם, געחאַפּט די נשמה אין זיין האנד, וויא מען האַפּט א פליג, און זיא מקבר געווען טיף אין דער ערד מיט די וווערטער:

— וואס העלפט דאָס וויינען, א מענש מה שטאַרבען! פריהער אדער שפּע־טער דער רוח האָט דיך געמוחט חאַפּען. ווער־זשע טאַקי בעגראָבען ניין איילען אין דער ערד און גיה צו אלדע שוואַרצע יאהר! איך וועל מיך מוזען בעגעהען אָהן דיר און געפינען נישקשה איין אנדער שלאַק אויף דיין אָרט.... ישראַליק לעב! האט ער נאָך דעם מין חספּד זיך געווענדט צו מיר, עס וועט דיר גאָר נישט העלפען, דוא וועסט מיר מחען אין דיין שטאָדט ווערען א בעל־טובה אויף זיין אָרט.

— איך וויל נישט, איך קען נישט זיין קיין בעל טובה! האָב איך געשריגען נישט מיט מיין קול. האב רחמנות, שיק איין אנדערען אויף זיין ארט. עס זענען דאָ א סך בעלנים, א סך קאנדידאטען אויף בעלי־טובות. שיק וועמען דוא ווילסט און בעפריי מיך פון אזא חתמנות!

— זאָג מיר, איך בעט דיך קיין דעות נישט, האט ער געענטפערט, מסתמא וייס איך וואָס איך טהו.

— וואס האסט דוא אין מיר אזוינס דערזעהען? האב איך געשריגען. איך בין חלעבין א שלימזלניק און וועל גאר נישט טויגען צו אזעלכע געשעפטען. איך וועל דיר רעקאמענדירען קליגערע, בעסערע און געניטערע פון מיר. שיק לייבעלע רב אבעלעס. משה'לע רב בינס'ס, טרייטעל רב יוסילעס, פישקע רב ניסעלעס, אדער איינעם פון זייערע כנופיות, איטליכער פון די לייט, אין זיין נראד, פארשטעהט זיין עסק און ארבייט אָפּ א זאך וויא א מייסטער. וויא קום איך צו זייא?

— די דאָזיגע אלע לייט זענען שוין פארנומען, איטליכער פון זיי האט א שטעלע. עס וועט דיר גאָר נישט העלפען, ישראַליק, זאג איך, אשמדאי, דיר נאָך א מאָל. שווייג בעסער און זיי נישט קיין עקשן, אויב עס גלוסט זיך דיר צו לעבען און אויב דוא פארלאנגסט נישט, איך זאָל דיר דאס עקשנות מיט גוואלד ארויס־טרייבען. קיין וואָרט נישט מעהר, שא! ווארום....

ער האט געמאכט אזא שרעקליכע מינע און אזוי געשאָקעלט אויף מיר מיט א פינגער, אז די הויט האט אויף מיר געציטערט און פאר שרעק בין איך געבלי־בען שטום וויא די וואנד.

— אָט אזוי, ישראַליק, האָב איך דיך טאַקי ליב, אז דוא שווייגסט, האָט ער

זיך אנגערופען, שוין מיט א זיס שמייבעלע, און א גלעט געגעבען מיר אין בעקעלע. דוא ביסט נישקשה, א גאנץ קלוגעטשקער, ישראליק! קיין פינגער אין מויל בעדארף מען דיר אויך נישט אריינליינען. איך פיהל, אז דוא וועסט טויגען און מיט דער צייט זיין א כלי־שלמה. נאר איידער איך וועל דיר געבען אזא טהייערע שטעלע פון א בעל־טובה, מוז איך דיך אביסיל קלאהר מאכען אין עסק און דיר געבען אן אינס־טרוקציע, וויא אזוי דוא זאלסט זיך נוהג זיין.

„הער, ישראליק לעב! ראשית חכמה איז א יראת־שמים פנימעל! יראת־שמים איז ביי א קלוג מענשיל א גוטע קיה, זיא גיט איהם א סך מילך און פוטער, וויא דיא בעסטע האלענדערקע. אזא קאפיטאלנע קיה מוז מען דאריבער שטארק פילעווען, מען בעדארף איהר עפטערס אונטערווארפען א בינטעל כפול שמונה ציצית, זיא האדעווען מיט רבינו תם׳ס תפילין, פארמישען איהר א גרויסען טלית־זאק מיט פארשידענע מיני בלעטליך און ש־ות, זיא זאל טאקי אוועקשטעהען אי־בער דעם צעבער עטליכע שעה אלע טאג; מען בעדארף זיא לאזען לעקען מזוזות און פאיען זיא מיט מציצה, מיט חברה־קדישא מעד, מיט יאהר־צייט בראנפין, ובדומה אזעלכע געטריינק. אזוי איז יראת־שמים ביי מיינע אגענטען פון דער פרר־מער קלאסע. מיינע אגענטען פון דער היינטיגער וועלט געהמען אויך אן א יראת־שמים פנימעל, נאר עפיס אויף איין אנדער ארט. זיי מאכען זיך געוועהנטליך צום תם, לעבען מיט איטליכען גוט, שמייכלען זעהר זיס, רעדען דאס צינגעל אהין און אהער, טראגען זיך געקליידט עפיס נישט קורץ נישט לאנג, זייער בארד איז עפיס נישט גאנץ און נישט געגאלט, ווארפען זיך אין אלע זייטען און ווילען פאר איטליכען יוצא זיין. עטליכע זענין צווישען דער כתה דא, וואס האבען לחלוטין נישט אזא יראת־שמים. דערפאר בעשטעהט זייער גאנצע חכמה נישט מעהר וויא אין כח, אין ישטארקייט, אין א קולאק.... זיי זענין אבער טאקי נאר עטליכע. פון אזעלכע ארץ־פיאסקע־עזות פנימער בעדארף מען נישט נעהמען קיין ראיה. לאו כל אדם איז זוכה צו אזא מדרגה. — מיין צווייטע געבאט איז: ר ח מ נ ו ת! דער פירוש דערפון איז, מען דארף טאן כל הפסלנות, רייסען פון טויטע און פון לעבעדיגע און אליץ זא־גען א רחמנות! שטיכערהייט בעדארף מען א קניפ טאן, א ביס טאן, און פאר דעם עולם אליץ זארגען, קרעכצען, זיך אליץ משתדל זיין לטובת הכלל, — מיין דריטע געבאט איז: ד י א ש ט א ד ט — דאס בין א י ך! דער פשט דערפון איז גאר פראסט: זיך און זיין כנופיא זאל מען האלטען פאר דער שטאדט, און אלע אנדערע טויזענ־טער מענשען זאלען גערעכענט זיין אזוי פיל וויא גארנישט. אז מען ארבייט אפ עפיס אין עסק׳ל, זאל עס הייסען, אזוי האט געוואלט דיא שטאדט, חאטש דער עולם

האָט אפילו נישט געוואוסט אויף וואָס ער האָט זיך גענחתמעט. — מיין פערטע גע־באָט איז: י ר א ח ת! דאָס הייסט: בלאָז צו שליסען תמיד מיט דעם שמאָר־קען. מען בעדאַרף זיין פאַרקניפּט און פאַרבונדען, אַ שטיינער, מיט דעם בעל־טאַקסע. ווארום ער איז דיא סבה פון אַלע סבות, דער מקור פון אַלע טובות, ער איז דיא טובה אליין. ער איז פלייש פון אייער פלייש, ביין פון אייער ביין; דאַריבער זאָל מען פאַרלאָזען באַדאי דעם טאַטען אי דיא מאַמען און זיך בעהעפטען מיט דעם בעל־טאַקסע, צו זיין מיט איהם איין לייב און לעבען. זיי מבטל דיין רצון פאר זיין רצון. כדי ער זאל מבטל זיין א מאל זיין רצון פאר דיין רצון. פון אייך ביידע קען ערשט זיין אגיל ואשמח, קאַלעבדיג און שפּיצעבדיג. — מיין פינפטע געבאָט איז: פּ ר י ט ע נ צ י י ע! דאָס טייטש: וויפיל מען זאָל נישט שטילערהייט נעהמען, וויפיל מען זאָל נישט רייסען און פאַרדינען, זאָל מען פאַר דעם עולם אַלץ זיך קלאַגען, נישט זיין צופרידען און האָבען שטענדיג פּריטענציעס צו דער שטאָדט, אַז מען ווערט אָן, מען דערלייגט. עס איז נישט כדאי, וואָס מען פייניגט זיך אזוי לטובת הכלל. — מיין זעקסטע געבאָט איז: ל י ו ל ע! פשוט איז פּשוט, מען בעדאַרף דעם עולם פאַרווינגען און איהם זינגען עפּיס לידליך, ער זאָל שלאָפען. דער עולם איז אַ קינד, אַז מען זינגט איהם אַ לידעל, דערצעהלט איהם אַ מעשה, מאַכט ער צו דיא אייגליך און של...פט; אַז מען מאַכט איהם בואַ, מיינט ער, מען איז אַ בער; שמייסט מען איהם, קושט ער דיא רוט. דאָס בעסטע לידעל צו פאַרווינגען דעם עולם, איז דאָס אַלטע לידעל מיט דעם ק ע ע ס ט ע ל ע, נאָכדעם געהט יענץ לידעל: „תורה איז דיא בעסטע סחורה", דיא אַלטע מעשה „אַ רב מיט אַ רביצין", אַ מעשה פון דער ווייסער חברה, פון בעלי שמות וכדומה נאָך אַזעלכע מעשיות. מיין זיבעטע גע־באָט איז: ע ט, ב ע, דער פּראָסטער פּשט פון דיא האַלבע ווערטער איז: באַם עס טרעפט זיך אַ מאַל, אַז דער עולם — דאָס נאַרעשע קינד צושרייעט זיך גוואַלד, אין גלייבער אין דער הייסער מינוט גאָר נישט צו טאָן, עס גרימט איהם זיבער אין ביי־בעלע, עס טהוט איהם שוין געביך שטאַרק וועה. עט, בע! זאָל מען דענסטמאָל מאַכען עפּיס אָהן ווערטער. נישקשה, דאָס קינד וועט זיך איבער־שרייען און ווייטער אנשלאָפען ווערען, נאָך געשמאַקער וויא פריהער. — מיין אַכטע געבאָט איז: מ ב ט ל צ ו ז י י ן! דאָס הייסט; ווען איינער הייבט נאָר אָן פּלוצלים צו פרעגען עפּיס קשיות, עס איז איהם קשה דאָס אדער יענץ, זאָל מען איהם פּשוט מבטל זיין, ער איז איין אפּיקורוס, אַ חילטיי, אַ גאָר ניכטס, עס איז גאָר נישט רעכט מיט איהם צו־ריידען. — מיין ניינטע געבאָט איז: א נ צ ו ר י י צ ע ן! דאָס טייטש: ווען איינער נעביך שרייעט, וויינט אַ מאָל מיט בלוטיגע טרעהרען: גוואַלד מען קרייעט, מען

צופאס. עס טהוט וועה! בעדארף מען אויף איהם אנרייצען דיא אינגלעך, זיי זאלען אירם מאכען: בע, בע, שיינער בחור! ער זאגט אויס פון דעם חדר! — מיין צעהנטע נעבאַט איז: באַבסקע מיטעל! אז דאס דאַזיגע קינד ווערדט פארשלאַפט, אויס מענש און פאַכט מיט דער נשמה, זאָל מען נישט לאָזען רופען א דאָקטאָר, מען זאָל הייסען בעסער טאָן אַלטע, באַבסקע מיטעל, פאָהרען צו א שפּרעכער, צו א ציגאַנער, צו א זנאַחער וכדומה."

אַט דיא דאָזיגע צעהן נעבאַט זאָלסט דוא היטען. — דורך דעם וועסט דוא מיר געפעהלען, וועסט לעבען גליקליך אין וועהלטיג, דוא מיט דיין ווייב, מיט דיינע קינדער און זיך קונה זיין עולם־הזה. מיט עולם־הבא זאָלסט־דוא מסלק זיין אנדערע. זאָג זייא צו פלייש און וויין אויף יענער וועלט, נאָך דעם טויט; דוא אבער עס פלייש און טרינק וויין דאָ אויף דער וועלט.

איך האָב אויפגעעפענט דאָס מויל, אויסגעשטעלט דיא אויגען, געשטאַנען און געקוקט וויא א גולם פון דיא דאָזיגע צעהן געבאָט.

— דוא מוזט טאַקי באַלד פאָהרען, ישראַליק! האָט דער אשמדאַי ווייטער געזאָגט דיין שטאָדט איז דערווייל געבליבען אָהן א בעל־טובה. עס קען דערווייל חלילה דערפון עפּיס ארויסקומען נאר נישט קיין גוטס פאר מיר. איך וועל דיר מיט־געבען דיא קליאטשע, זאָלסט אויף איהר פאָהרען רייטענדיג.

— אך! האָב איך א געשריי געטאָן, אז ער האט מיר ארויסגערעדט דיא קליאַטשע. איך קען נישט, חלעבין, איך קען נישט פאָהרען רייטענדיג!

— עט, האט ער געמאכט, וועסט קענען נישקשה! מיר וועלען דיך אויסלעהר־נען. דיא קליאַטשע איז זעהר א פּאַקאָרנע, מען קען אויף איהר זעהר גרינג פאָהרען רייטענדיג. קוק נישט דארויף וואָס זיא זעהט אויס נישט אזוי שיין, דערפאר האט זיא אין זיך אנדערע מעלות, זיא וואקסט פון א גאנץ גרויס אָרט. וועסט מיט איהר צופרידען זיין, נישקשה, און נישט וועלען שפּעטער ארויסצולאזען זיא פון דיא הענט. איך פארזיכער דיך!

אויף זיין בעפעהל האט מען געבראַכט צו שלעפּען דיא אומגליקליכע קליאַ־טשע נעביך. עס איז מיר געוואָרען אַלאָך אין הארצען א קוק געבענדיג אויף איהר. פארוויסט, פאַרפינסטערט איז זיא נעביך געווארען. איין גאָט ווייסט, וואָס זיא האָט געמחט אין יענער צייט פון דיא לצים ארסשטעהען נעביך! איך האָב אראפּגע־לאָזט דעם קאָפּ, זיך געשעהמט, וויא א גנב, איהר צו קוקען אין דיא אויגען און מיך בעוואשען מיט טרעהרען, דערמאהנענדיג זיך, אז איך וועל אויך מוזען פאהרען אויף איהר רייטענדיג און ליגען איהר אויף דעם האלז וויא א משא. קיין אנדער וועג האב

איך פאר מיר נישט געזעהען, וויא זיך דערפון אויסצודרעהען....

— לאָמיר קרוינען ישראליקען! האָט דער אשמדאי א זאָג געגעבען. לאָמיר איהם אָנקוקען אין שלייער, וואָס פאר א פנים ישראליק האָט אין דער פארמע פון א בעל־טובה און וויא אזוי ער רייט אויף דער קליאטשע. עולם צום עסק!

עס האט נישט געדויערט קיין מינוט האָבען זיינע משרתים אריינגעבראכט א גוזמא קליידער פון פארשידענע קאָסטיומען און אלערליי פאָרמעס. איינער פון דיא לייט, א ממונה אויף דער גארדעראָבע, דעם אשמדאי׳ס קאמערדינער, האָט מיך גענומען אין זיינע הענט און אָנגעהויבען בסדר מיך אנצוטאָן. ער האט מיך פאר־קעמט מיט א טשוב, אויסגעשמירט דיא האָר מיט א סך פאָמאדע, מוס זטאָף, צו־געפוצט מיט חכמות דאָס בערדיל, אָנגעטאָן מיר דערנאָך א מאנישקע מיט פיער קליינע מוטערפערעלנע קנעפעליך אויף דעם הארצען, א מאנטינען טיכעל אויף דעם האלז, דערנאָך א פאָר געזונטע שטיוועל געקאָוועטע מיט א סך אייזערנע שטיפטען, מחילה א פאָר געוועגטענע הויזען, וואָס זענין געהאנגען וויא דיא טאָרבעס, א קאמ־לעטענע קאמזעלקע און א סורדוט לאנג ביז איבער דיא קניע, אויף דעם קאָפּ א קאשקעט געגעהט עפּיס מיט קונטצען.

— א, האָט דער אשמדאי זיך אָנגערופען, אז ער האָט מיך בעטראכט פון קאָפּ ביז דיא פיס, דאָס איז דיא פאָרמע פון א קהל׳ישען שרייבער! צו אלדע שווארצע יאָהר דיא קהל׳ישע שרייבער! ישראליקען פאסט נישט אזא מין קאסטיום. זוך אויס עפּיס איין אנדער פארמע.

דער קאמערדינדער האט מיך געשווינד איבערגעקעמט, אונטערגעשוירען דיא האָר, אויסגעצויגען דאָס בערדיל, אנגעטאָן מיר איין אנדער וועסטיל, דאכט זיך פון אטלעס, פארשפילעט העט ביז דעם האלז, א קאָרטענעם סורדוט הינטען מיט א שפּאלט און היבש לענגער פון דעם פריהערדיגען אזוי, אז דיא מאיטקעס האָבען אונטען זיך ארויסגעזעהען נאָר אויף א צוויי, דריי פינגער. אויף דעם קאָפּ א סער־יאָנע, א סטאטעטשנע היטעל.

— נוא וואָס איז דאָס פאר א מין? האָט דער אשמדאי ווייטער געזאָגט, מיך אנקוקענדיג. א, דיא פארמע פון קהל׳ישע דעפוטאטען! תאפען זאל זיי דער רוח מיט זייערע שפּאלטען הינטען און מיט זייערע גוזמות טיפע קעשעניעס! ניין, ישרא־ליק בעדארף האבען עפּיס איין אנדער פאָרמע, קוק אן דאָס רחמנות־פנימעל זיינס. געפסט דוא שוין פארשטעהען וועלכע עס וועט איהם פאסען.

נאָך און נאָך פארטעס האט דער קאמערדינער מיר אָנגעמאָסטען, און בשעת מיך אנטאָנדיג, קעמענדיג אלע רגע אנדערש, האט ער מיך געפוצט, געצוינען, גע־

ריסען דיא האָר, אזוי אז טרערען האבען מיך זיך נעשמעלט אין דיא אויגען. נאר אויף דעם סוף האט ער מיך אין גאנצען אפגעשוירען, איבערגעלאזט א פאר שיינע פאות, מיר אנגעטאָן א יארמילקע, אויבען א גרויסען ספאָדיק, א העמד מיט א גרויסען, אויסגעלייגטען קאָלנער, פארבונדען מיט בענדליך אהן א האלז טיכעל, א לאנגען טלית קטן, קורצע שאמענע פלודערען, שיך און זאקען, א לאנגע אטלעסענע קאפאָטע מיט א גארטעל און א טוליפעל פון פעה. דער קאמערדינער האט מיך אנ־געקוסט, זיך משונה פארקרימט, געמאכט א וויינשעל און אויך ארויסגעשטעלט דעם צונג.

— דוא שיינסט, ישראליק! האט דער אשמדאי געלאכט פאר פרייד, אז ער האט מיך דערזעהען. איך בין פשוט זיך מחיה דיך צוזעהען אין דיא בגדים! דיין פנים איז אויסגעפריעט וויא א צימעס, דוא שוויצסט אין דעם פעלץ, דוא לויכסט ארויס פון דעם ספאדיק, וויא דער ליכטיגער מארגענשטערען. שוויין, שוויין, ישראָ־ליק, זעהר גוט!.... עס געהט נאך עפיס אפ צו דער פאלנער פארמע, האט ער געזאגט, זיך אומקעהרענדיג צו דעם קאמערדינער, דוא געדיינקסט וויא יוסיל־דינט־שעם פלעגט מקבל פנים זיין א נייעם גוברנאטאר?

— נערעכט, נערעכט! האט דער קאמערדינער געענטפערט, איך האב אן דעם זיך גאר פארגעסען, א־וואה, א־וואה! באלד אבער וועט עס געטאָן ווערען.

מען האט מיר באלד טאקי הינטען אויף דער פאטיליצע אויסגענאָלט עטליכע קאלעכדינע רעדעליך און דארט צוגעשטעלט אויף עטליכע מינוט באנקעס, פון שיינקייט וועגען.

— איצט איז ישראליק אין דער פאלנער פארמע. האט דער אשמדאי געזאגט, אצינד קען ער שוין רייטען אויף דער קליאטשע....

מיט גרויס פאראד האט מען מיך געשלעפט צו דער קליאטשע. „רייט ישראליק, רייט! האט חברה צו געזונגען. אז וואויל איז דיר, וואס דוא האסט זוכה געווען צו רייטען אויף אזא קליאטשע. אויף דער וועלטס־קליאטשע! קריך ארויף מיט דיא הענט, מיט דיא פיס, און פאָהר אויף איהר, וויא א פריץ, רייטענדיג ביז הונדערט און צוואנציג יאהר, ביז דער רוח וועט דיך האפען און עמיצער אנדערש וועט ארויף אויף דיין ארט“!

— זיי מיר מוחל, בידנע קליאטשע! האב איך זיא מחילה געבעטען, אז איך בין שוין געזעסען אויף איהר ריקען, מיט פארוויינטע אויגען און מיט א פארקלעמט הארץ. וואס זאל איך טאָן, וואס קען איך מאכען? אז לציס צווינגען מיך אויף דיר צו רייטען.... אז אך און וועה איז אונז ביידע! אך און וועה איז דיר

נעביך וואס דוא ביסט א קליאַטשע, וואס דוא בעדאַרפסט מיך טראַגען, און ווער איז מיר, אז איך, דיין פריינד, בין געצוואונגען צו זיטצען דיר אויף דעם קאַרק! וואס זאָלען מיר ביידע טאָן, אז מיר ביידע נעביך זענען אין דער קלעם, אז מיר ביידע זענען אַזוי אומגליקליך און געצוואונגען דערצו....

דיא לצים האָבען דער קליאַטשע נעביך מיט כח דערלאַנגט א שמיטץ אַזוי, אַז ויא האָט מיט אימפעט א לויף געטאָן. עס איז געוואָרען א מהומה, א געשריי: אורראַ, אורראַ! לויפענדיג האָט ביי איהר טיף פונ'ם האַרצען זיך אַרויסגעכאַפּט א זיפץ. איהר זיפץ האָט מיר דיא נשמה אַרויסגענומען, איך בין געוואָרען צומישט און אַראָפּגעפאַלען אויף דער ערד וויא א סנאָפּ.

— נישקשה, פאַל נאָר ביי זיך נישט אַראָפּ, וועסט נישקשה טויגען, ישראליק! האָט דער אשמדאי געלאַכט און מיך צוריק אַרויפגעזעטצט אויף דער קליאַטשע. לאָ־מיר קיין סך שיחות נישט מאַכען, שוין צייט צו פאָהרען, חזר ביי דיר גוט איבער מיינע עשרת הדברות, שים נא ידך תחת ירכי און שווער מיר, דוא זאָלסט זיי מקיים זיין.

איך בין געזעסען וויא א לעהמענער גולם און האָב נישט געוואוסט וואס מיט מיר טהוט זיך.

— האַיע נישט, האַיע נישט, ישראליק! האָט דער אשמדאי א זאָג געטאָן, ניכער טהו וואס מען הייסט דיר; ניכער, דיא צייט איז טהייער.

נישט ווילענדיג האָב איך אויסגעשטרעקט מיין האַנד און זיא אַרונטערגעלייגט דעם אשמדאי תחת ירכו. ער האָט א ווינק געגעבען צו דעם סעקרעטאַר, און קוצי־פער האָט מיר באַלד אָנגעהויבען פאָרצולייענען זעהר א שרעקליכע שבועה.

— וואָס שווייגסט דוא, ישראליק? האָט דער אשמדאי מיט פאַרדראָס צו מיר געזאָגט. פאַר וואָס זאָגסט דוא נישט נאָך, וואָרט פאַר וואָרט, דיא שבועה? ביי מיר מיינסט דוא ווען אָנגעהען שטוקעס, מסירת מודעהליך, וויא ביי אייך שיינע מענשעליך? ניין! זאָג איך דיר, מסירת מודעהליך געהען ביי מיר נישט אָן, ביי מיר העלפט נישט, זיך מאַכען וויא געפּגערט. שווער!

— איך קען נישט שווערען. האָב איך געענטפערט מיט א ציטערדיג קול.

— וואס? הא! האָט דער אשמדאי מיט כעס א געשריי געטאָן, אַזוי אַז דיא ערד האָט אונטען געציטערט.

דיא קליאַטשע האָט עפּיס א שאָקיל געטאָן מיט דעם קאָפּ, גלייך וויא זיא וואָלט דערמיט געזאָגט: יהודי בלא! האַלט זיך טאַקי יהודי, אַלץ אייערס, לאָ, לאָ און לאָ!

— איך קען נישט שווערען. האָב איך איבערגעהזערט מיינע פריהערדיגע רייד שוין מעהר בעהארצט.

— שווער! האָט דער אשמדאי א געשריי געגעבען נאָך שרעקליכער אין כעס, אזש פונקען זענען איהם געפלויגען פון דיא אויגען און פון דעם מויל האָט אַרויס־געזעצט א רויך.

מיין קליאַטשע נעביך האָט א זיפץ געטאָן. איהר זיפץ האָט מיך דערמאָהנט איהרע אלע גרויסע צרות, וועלכע זיא האָט אין איהר לעבען איבערגעליטען. סטייטש, סטייטש. האָב איך מיך בעטראַכט, וויינינ שטעהט זיא, שלימזול, אויס פון אַנדע־רע, זאָל איך מיך נאָך אויף איהר נעביך אויף אָנלייגען! וואס עס וויל מען זיך מיט מיר זיין, איך בעדארף אזא זאַך נישט טאָן, אויסהאַלטען מוז איך דעם נסיון, מאַקי וויא איין עהרליכער מאַן.

— בשום אופן נישט! בשום אופן וועל איך דיר נישט שווערען! האָב איך דעם אשמדאי קאַלטבליטיג געענטפערט, און ארויסגענומען מיין האַנד מתחת ירכו. בשעת ארויסנעהמענדיג האָב איך איהם נאָך, מעשה־שטן, בעדארפט גראָד א גראַבעל טאָן דאָרט.

דער אשמדאי איז געוואָרען פלאַם פייער, א מורא איהם געווען דערנסטמאָל אָנ־צוקוקען. ער האָט מיט א משונה געשריי א שפרונג געטאָן אין דער לופטען, זיך אויסגעצויגען שרעקליך הויך, געשטעלט איין פוס אויף דער ערד, דיא אַנדערע אויף דעם הימעל, מיך אָנגענומען ביי דיא האָר און א שליידער געטאָן, וויא א האָלעשקע מיט איטפעט.

איך בין אַראָפּגעפאַלען וויא פון דעם הימעל! ביי דעם אנהויב פאַלען האָב איך געהערט זעהר א ווילד געלעכטער פון אלע לצים אין איינעם. דיא קליאַטשע, האָב איך געזעהן, שוועבט אויך אין דער לופטען, דרעהט זיך און פאַלט נאָך מיר.

— אָך, מיר פאַלען, מיר פאַלען!.... האָב איך קוים מיט צרות א געשריי געטאָן.

— נישקשה! האָט מיר דיא קליאַטשע נאָכגעשריען, אז איך פאַל, שטעה איך אויף, נישט איינמאָל בין איך שוין אזוי געפאַלען און פאַרט נישט פאַרפאַלען...

איך בין געפאַלען אַלץ נידריגער, נידריגער ביז איך האָב צום סוף אָנגעריהרט דיא ערד מיט דעם קאָפּ, זיך געטאָן א זעץ און פאַר גרויס וועהטיג ארויסגעלאָזט א שרעקליך געשריי.

איך האָב געפיהלט, אז עפּיס עמיצענס הענט האָבען מיך ארומגענומען. דאכט זיך מען ווייגט איבער מיר און הייסע טרעהרען קאַפּען מיר אויף דעם פּנים.

16

פראסצא איח מאמערי!

אויפעפענענדיג דיא אויגען האָב איך געזעהען, איך ליג אויסגעצויגען אויף דעם פּאָל לעבין בעט, בייא מיר אין חדר. מיין מאמע וויינט און העלפט אונטער עפּיס מענשען, מיך פון דאָרט אויפצוהייבען.

אז איך בין שוין געלעגען אין בעט האָב איך אָנגעהויבען מיך צובעטראַכטען, וואָס טהוט זיך דאָ מיט מיר אזוינס? פון וואַנען האָב איך פּלוצלים מיך אהער גע־נומען? איך האָב מיך געטאַפּט און געקוקט זעהר פארוואונדערט אין אלע זייטען. אין שטיבעל בייא מיר האָב איך ווייטער דערזעהען דעם בעל־שם און דיא אלטע מכשפה'טע, וואָס האָבען זיך עפּיס געפּאָרעט און געשפּראָכען. דיא מאמע האָט מיך געטאַפּט בייא דעם קאָפּ און געוויינט.

— וואָס וויינסט דוא מאמע? האָב איך זיא געפרעגט און פאר ליבשאפט זיא א קוש געטאָן.

— אַך, ישראליק, ישראליק! האָט זיא געחליפּעט, אַך, וויפיל צרות איך בין פון דיר אויסגעשטאַנען! געדאַנקט און געלויבט איז השי"ת אבי דוא האָסט שוין געעפענט דיא אויגען. — דוא האָסט א גוטען זעטץ זיך געגעבען אראָפּפאַלענדיג פון דעם בעט?

— מאמע! האָב איך מיך אָנגערופען, וואָס איז ווייטער אזוינס געשעהען?

— אָט פרעג גאָרנישט, פרעג גאָרנישט! אלץ טאַקי דיינע ביכליך.

— וואָס ביכליך? וואָס מיינע ביכליך?

— אָט יענע נארישע מעשיות, מיט וועלכע דוא האָסט דיר דעם קאָפּ פאר־שלאָגען. האָט דיא מאמע א מאך געגעבען מיט דער האנד. מיילא דוא האָסט זיך איינגעשפּארט דווקא צו שטודירען דיא דאָקטאָריע. נוא, וואָס האָב איך געקענט מיט דיר טאָן? אין ברירה. אָבער צו וואָס נאָך אזעלכע ביכליך, אזעלכע מעשיות. אזעלכע שמאָכטעס? וואָס פאר א שיכות האָבען זיי מיט דאָקטאָריע? איינער וויל לערנען דאָקטאָריע, נוא, גיה דיר לערנען וויפיל דאָס הארץ דיינע גלוסט, וועסט דוא זיך אויסלערנען און קענען, טאַקי וואָס קענען הייסט, נאַ דיר א בלעטיל, אז דוא קענסט היילען, חאָטש דוא ביסט ווייטליך פון יענע מיני מעשיות. אלא ניין, זאָלען דיר נישט העלפען אלע מעשיות. דאַכט זיך, אזוי האָט בעדאַרפט צו זיין, נאָך מיין ווייבערשען שכל, ווערליג וויא מיין ווייבערשער מוח נעהמט. וואָס טענהן זיי אָבער? וואָס האָבען זיי געענטפערט? אז איך האָב, נישט היינט געדאַכט, געהאַט

דאָס לויפעניש צו איטליבען בעזונדער. ניין ! מענסט דיר האבען א גרויסען קאָפּ, מעגליך אפילו, אז פון דיר זאָל אויסוואקסען א גרויסער מענש, א בעריהמטער דאָקטאָר, אבי דוא ביסט נישט אזוי קלאָהר אין יענע מעשיות, אין יענע מיני היס־טאָריעס, וויא זיי רופען עס עפּיס, איז אינה מקודשת, שטעהט מען נישט אן דיר ! נאָט אייך היסטאָריעס, נאָט אייך מעשיות אויף מיין קאָפּ ! א ניחייא וואָלטען זיי רבוני של עולם, פערהאַפּט געוואָרען, וואָלט איך, נעביך, פארשפּאָרט אזעלכע גרויסע צרות !

— וואָס צרות, מאמע ?

— וואס צרות, פרעגסט דוא, ישראליק. סטייטש, ווייניג צרות, וועה איז מיר, האבען זיי, נישט היינט געדאכט, מיר אנגעמאַכט !

אָט וואָס דיא מאמע האָט מיר מיט א וויינענדיג קול דערצעהלט :

„אז איך האב מקבל געווען דיין בריף פון דניעפּראָוויץ, דוא האסט עפּיס נישט גוט געענטפערט אויף דעם עקזאמענט פון יענע היסטאָריעס, און דאריבער איז איין עק פון דיין דאָקטאָריע — האָב איך גערעכענט, אז באלד וועסט דוא צוריק א היים קומען, וועסט צו אלדע שווארצע יאהר, אוועקוואַרפען אלע דיינע נארעשע פּלאַנען, בעסער חתונה האָבען, און לעבען, וויא נאָט האָט געבאָטען, וויא יודען בעדארפען צו לעבען. איך ווארט אכטאג — דוא קומסט נישט, נאך אכטאָג — ביסט נישטאָ, דוא שרייבסט נישט אפילו קיין אות. דער קאָפּ ווערדט מיר צושפּאָלטען טראכ־טענדיג, וואָס קען עס זיין ? איך רוה נישט, איך שלאָף נישט, עס נעהמט זיך מיר נישט אין דעם מויל קיין עסען, דוא ביסט דאָך ישראליק, מיין אייגציג קינד, איין אויג אין דעם קאָפּ ! וואָס טויג מיר דאָס גאנצע לעבען אהן דיר ? אין דער שטאָדט האבען דערווייל וועגען דיר זיך ארויסגעלאזען א סך פארשידענע שמרות. א טהייל האבען געזאגט, דוא ביסט געשטאָרבען ; נאָך א טהייל — זאָל זיי נאר דאס מויל אפּנעהמען — האבען געזאגט, יאָקבי דוא האסט זיך געשמדט און ווייס איך נאך זאבען, וואס שונאים האבען אויסגעטראכט. איך האָב שוין מעהר נישט געקענט אויסהאלטען און בין אליין געפאָהרען קיין דניעפּראָוויץ. קומענדיג אהינצו, וויסט און פינסטער איז מיר, האָב איך דיך געטראָפען אין א שרעקליכער לאגע ! דוא ביסט שווארץ וויא דיא ערד, אויסגעדארט, אויסגעדיייוועט, אָהן א לויט פלייש אויף דעם לייב, נאר הויט און ביין. — איך פרעג דיך, וואס דו מאכסט ? ענטפערסט דוא מיר, נישט היינט געדאכט, עפּיס בויבעריק. איך רייד דאס און דוא עפּיס לאקש, בוידעס, א קוה אין געפלויגען איבער דעם דאך ! קוקענדיג אויף דיר איז מיר גע־וואָרען א לאָך אין הארצען, איך האב געמיינט, אָט פאל איך אנידער און שטארב.

ליים האבען מיך נעראַטחען צו געהען בעטען דיא לעהרער, זיי זאָלען מיט דיר מטיב זיין, מאַטיר ועט דיא גוטע בשורה אויף דיר ווירקען און דוא וועסט צו זיך קומען. איך בין, פארשטעהט זיך, געגאַנגען, געוויינט, געבעטען, אבער אומזיסט! זיי האבען מיר נעענטפערט; ניין, אוממעגליך! איך האב געדונגען א פוהר און דיך געבראַכט צופיהרען א היים. וואס א טאג ביסט דוא אלץ ערגער מרה שהורה'דיגער געוואָרען, פלעגסט זיין אלץ פארטראַכט. נאר אז דוא האסט זיך שוין צורעט האסט דוא, רחמנא ליצלן, גערעדט פאר פייער, פאר וואַסער, געבטעלט חלומות אויף אלע פיינע לייט, אויף אלע אונזערע שיינע, כשרה מענשען, אין דער שטאדט. נאך גוט, א נס חלעבין, וואָס חוץ היימעשע מענשען, האב איך צו דיר קיינעם נישט צו געלאזט, האבען לייט חאטש נישט געהערט און ווייסען נישט, וואָס דוא האסט, נישט היינט געדאַכט, אויף זיי אויסגערעדט. דוא ביזט געוואָרען אלץ שלאפער, שלאפער און זיך אריינגעלייגט צום סוף אין בעט. אקעגען צווי וואכען ביסט דוא ווייא אין היחנערפלעט געלעגען מיט פארמאַכטע אויגען, כמעט אָהן א סימן לעבען, נאר וואס צו צייטענס האסט דוא פון דער היטץ גערעדט, דערצעהלט ווי'דע מעשיות. אַך, ישראַליק, מיין טהייערער ישראַליק, וואָס דיינע ביכליך, דיינע מעשיות האבען אנ־געמאַכט! זאל חלעבין שוין זיין נענוג, גענוג! הלוואי וואָלסט דוא פריהער נע־פאלגט א מאמען און חתונה געהאט וויא דער סדר־העולם איז, וויא עס פיהרט זיך ביי אונז יודישע קינדער, וואלטען מיר ביידע דאָך בעהיט געוועזן פון אזעלכע יסורים, אַך, ד י י נ ע מ ע ש י ו ת. דיינע מעשיות! אך ד י י נ ע ה י ס ט אָ ר י ע ס, דיינע היסטאָריעס!"....

— דאָס וואקסט אלץ פון זיי, פון זיי, פון דיא גוטע לייט, מיין איך! האט דער בעל שם זיך אנגערופען. ערשט נישט לאנג האב איך געהאט מיט זיי פונקט אזא מעשה. דיא ערל'טע ווייסט אויך פון דער מעשה, וואס איך האב געהאט. נוא, א שטשאָ, דאָברע בילאָ? האט ער א פרעג געטאָן דיא גויע.

— דאברע, יאק־ושע.... האט מיט א געניץ געענטפערט דיא גויע, וואס איז געוועזן בעשעפטיגט מיט דעם שפרעכען. ווין מאַיע פראַווע. עטא איחנע דיעלא. טראַסצא איח מאטערי!

יודעל

א ספור המעשה אין שירים על משקל י״א תנועות.

אַך יודעל מיין קראַנקער, מיין קראַנקער יודעל
דיין לעבען איז זעהר, זעהר אַ טרויריג לידעל,

ערשטער טהייל.

א.

טויט קראנק ליעגט יודעל שוין א צייט מיט יאהרען,
פאר וועטהיג, פאר שמערץ דאס פנים פארלארען.
עס טהוט איהם נעביך וועה איטליכעס אבר,
אלע רגע זעהט ער פאר זיך זיין קבר.
זיין לעבען איז וויא א שרעקליכער חלום,
איין אבער מיט דעם אנדערן לעבען ניט בשלום.
זי דראזשען, ציטערן וויא אין א קדחת,
איינער טהוט דעם אנדערן וויא אויף צולהכעס.
עס ווארפט איהם נעביך תמיד פון היץ אין קעלט,
הייננט אויף א האר צווישען דער און יענער וועלט.—
אמאל ליגט יודעל אין היץ שרעקליך פארטראכט,
זיינע אויגען פלאמען וויא שטערען ביי נאכט,
דער קאפ זיינער ברענט, אזוי וויא פייער הייס,
ער ווארפט זיך, שאקעלט זיך און געהט אפ מיט שוויס.
זיינע געדאנקען זענין ווייט פון דער ערד,
טראגען איהם גאנץ הויך וויא פייערדיגע פערד.
שלאפענדיג פארטראגען מיינט ער, ער איז וואך;
ער רעדט, ער דרש'עט עפעס ניט צו דער זאך.
און ליגענדיג אין חדר פול מיט שימעל
מיינט ער, ער איז אויף דעם זיבעטען הימעל.
אויפ'ן הימעל, חלומט זיך איהם, איז א יריד,
מען שרייט איהם: א, שלום עליכם א איד!
וואס מאכט רב יודעל, וואס איז מיט אייך דער מעהר?
וואס עפעס גוטץ, הא, האט איהר געבראכט אהער?
ער צופאקט גיך זיין גאנץ קוילעטיל מיט סחורה.

וריזט ציצית, תפילין און פירושים אויף תורה,
נעהמט ארויס עפּיס נייע מיני ספרים,
מיט נייע מאָדנע טיטלען אויף דיא שערים.
גראָבע, דיקע, מיט שפּאָגעל נייע פּשעטליך,
פון קבלה־ספרים ערשט געדרוקטע בלעטלעך.
זיין סחורה, דאכט זיך איהם, גילט דאָרטען זעהר שטאַרק.
מען האפּט עס וויא מצה־וואסער אויף דעם מארק.
גרויסע לייט האָבען צוטאָן מיט זיין קרעמיל,
יאנקעל קומט אהין, איציק און אברעמיל,
אונזער מלמד רב משה קומט צו לויפען,
א חומש בעל־הטורים צו קויפען.
דער אַלטער מלמד קוועלט אָן פון יודעלס רייד,
פון זיינע טייטשווערטער איז ער פול מיט פרייד.
דיא באבע סעריל דינגט זיך פאר א תחינה,
און דיא קלאַגמוטער רחל דינגט א קינה
הכלל יודעל רעדט, ארבייט, איז גאָר ניט פויל.
עס שיטען זיך איהם ניין מאָס רייד פון דעם מויל.
פון היץ דאכט זיך איהם אויס נאָך זאַכען זעהר פיל,
ער איז דאָרט א קאָכלעפעל טהוט וואָס ער וויל.
ער איז דאָרט א תקיף א פרנס חודש,
איז דאָרטען הייליג, און זיין וואָרט איז קודש.
קוים זאָגט ער עפּיס א וואָרט און גיט א ווינק,
וואקסין טויזענד משרתים אויס שרעקליך פלינק.
אַלע פאָלגען און דינען איהם זעהר געטריי,
וויא גאָט אין פראַנקרייך אַזוי לעבט ער דאָרט פריי.
ער איז גאָר א שדכן, דאכט זיך איהם א מאָל,
ער פאָרט, פיהרט גרויסע שידוכים אויס אָן א צאָהל.
דערבארעמט זיך אויף דער וויסטע ענונה,
און מיחד קודשא־בריך־הוא מיט דער שכינה.
עס איז פאר יודלען א לעבען דאָרט אויבען,
נאָר א דערקוויקעניש, איהר מעגט מיר גלויבען.
אינדעם וויא יודעל ליגט דאָ אין היץ פארטראכט,
רעדט פון פייער און וואסער ניט דאָ געדאכט,
ווערען אייז קאלט א טהייל פון זיינע גלידער,

װערען מיט דיא איבעריגע װיא אױס פרידער,
ליגען פשוט װיא דיא קלעצער מחמת קעלט.
װייסען ניט אױף װאָס זײ זענען פאר א װעלט.
זײ װילען אפילו קײן ריהר זיך ניט טאָן,
גלײך װיא זײ געהערען זיך מיט יודלען נישט אָן.
שרײ חי וקים פון הײנט ביז איבער א יאָהר,
זײ זענען אײז קאַלט, פיהלען נישט אױף קײן האָר.
פיהלען נישט כל־זמן מען ניט זײ ניט א קװעטש,
און מען דערװאַרעמט זײ ניט מיט הײסע פעטש.
קײן פנים פון גלידער האָט ניט אי אײנער,
זײ זענען נאָר שטיקער פלײש, הױט און בײנער.
זײ זענען פלײש, װאָס שטינקט נאָך ניט לעת־עתה,
פלײש אײנגעװיקעלט אין עפּעס א שמאַטע.
קוקענדיג אױף זײ חאַפּט יודלען אָן א שרעק.
אָט, ציטערט ער, װערדט פון זײן לעבען אײן עק.
אָט, אָט װערען נאָך עטליכע גלידער קאַלט,
פארלירט ער שױן נאָר זײן פנים, זײן געשטאַלט.
אין היץ פיהלט נאָך דער מענש פאָרט עפּעס לעבע
דער קאָפּ זײנער פליהט, דיא געדאַנקען שװעבען.
און טרױם האָט דער מענש אפילו אױך הנאה,
ס׳איז איהם נעביך נוט אי א חיי־שעה.
קעלט אבער, דאָס איז גאָר נישט קײן קאַטאַװעס,
דאָ זעהט דער מענש נאָר דעם מלאך המות.
װערען גלידער קאַלט איז דער מענש שױן פארבײ,
דענסטמאָל הערט ער שױן גאָר נישט אפילו שרײ.
אזעלכע גלידער, קרעכצט יודעל פאר צרות.
טױגען מיר חלעבען אױף סים סאָט כפרות.

ב.

צװישען אלע מענשען אין אלטע צײטען,
מען זאָג אױסגעזהן דיא װעלט אין אלע זײטען
אין צו יודעלס לעבען, איך פארזיכער אײך
ערגעץ חלעבען ניט געװעזען קײן פארגלײך.
זײן טאַטע א חכם, אין דער װעלט אײנער,

וואס צו זיין קלוגקייט קומט אסור נים קיינער,
א גרויסער מייסטער, א קענער צו מאכען,
אלע חידושים, וואונדער שעהנע זאכען.
וואס אלע כסדר פון אויבען ביז אראפ
ניבען איהם אהן אונטערשיד גרויס כבוד אפ.
דער דאזיגער וועלט בעריהמטער טאטע,
וואס אלע קומען נישט צו זיין פיאטע,
האט ליעב געהאט מעהר פון זיינע קינדער
דעם יודלען, וואס ליגט איצט דא בעזונדער.
נאך דעם אז יודעל האט געוואנדערט וויים,
זיך אויסגעריבען און געווארען לייט,
געארבייט געשמאק און געווארען ביוואלע,
האט איהם דער פאטער געגעבען א כלה.
א פיינע, א געלערנטע, א שעהנע,
א בת־יחידה, ביי איהרע עלטערין איינע.
מיט איהר גרויס חכמה איטליכען געפעלען,
מען האט זיא געמעגט פראסט פאר מלכים שטעלען.
אזוי קלוג, אזוי עהרליך און אזוי גוט,
אז גאנץ רוהיג שטיל, געלאסען אהן א רוט,
וואלט זיא, בנאמנות, לענדער פיהרען געקענט,
און מען וואלט זיא פאלגען קישען איהר דיא הענט.
וואלט געקענט לערנען דיא מלכים פון דער ערד,
וויא צו לעבען, געוועלטיגען אהן א שווערד
וויא צו בריינגען נוטצען און וויא צו טויגען.
נאר אהן מלחמות, נאר אהן פייל און בויגען.
איהר גוטסקייט, איהר שעהנקייט און איהר געשטאלט
איז געפעלען איטליכען, יונג און אלט.
לא די וואס אזוי געלערענט. אזוי פיין,
האט מען איהר געגעבען איז נדן אריין
אויף א גוטען מאיאנטעק מיט פיל פעלדער,
מיט גרויסע טייכען, וויינגערטנער און וועלדער.
א מאיאנטעק, וואס אבי נים זיין נאר פויל,
קען מען דארט האבען ברויט מיט דעם פולען מויל.
א מאיאנטעק. וואס דארט פעהלט נים קיין שום זאך.

וואָס דאָרטען פליסט מילך און האניג א סך.
וואס דאָרטען קען מען לעבען גליקליך גאנץ פריי,
איינער דעם אנדערן ליב האבען זעהר געטריי. א)
אזא כלה, וואס מיט אזעלכע מעלות,
האט אונזער יודעל נעהאפט גאָר אָהן שאלות.
דיא חתונה האט אָנגעמאכט א גערידער,
א רעש, א טאראראם, א הארמידער.
אויף א פרייען פלאץ שרעקליך בריים און וויים,
אונטער דעם הימעל פאר גאָט און פאר לייט,
האָבען חתן כלה אויף א בערגיל דאָרט,
איינער דעם אנדערן געגעבען דאָס וואָרט.
עס האָט געשפיעלט זעהר א שארפע קאפעלע,
וואָס מען הערט עס נישט אויף דיא גרעסטע בעלע.
עס האָבען געבלאָזען דיא פלייטען,
זעהר שטארק געטרובעט דיא טרומייטען.
עס איז געוועזען א געטימעל,
זעהר שטארקע קולות ביז אין הימעל.
עס האָט פשוט דיא וועלט זיך געקעהרט,
דיא קולות האָבען זיך אלץ פארמעהרט.
עס האבען אויך געקנאקט ראקעטען,
שטארק געהילכט וויא פון פיסטאָלעטען.
געפלויגען פייערדיגע בליצען,
אונמעגליך געוועזען איינצוזיצען. ב)
פון דער חתונה אלע גרויסע וואונדער,
דערצעהלט נאָך עד־היום יעדער בעזונדער.
קוים וואס דער חתן האט דיא כלה בעדעקט,
און דיא חתונה האָט נאָר וואס זיך געעקט.
האט דעם חתנ׳ס פאָטער דער אלטער מחותן,
אונזער יונג פאָר פאָלק גאנץ פיין אָנגעמוטען,
אין דער וועלט, מחמת כמה וכמה זאכען.
קודם־כל אביסעל רייזען צו מאכען.
ער האט זי א וועגווייזער געגעבען מיט,

א) דברים ה׳ ד׳—י״א. ב) שמות י״ט. ט״ז—כ׳

וואָס ער האָט וויא איין אויג עין קאָפּ זיי געהיט,
יודעל איז געוועזען אין ווילדע מקומות,
וואָס דיא מענשען זענען דאָרט ווילדע בהמות.
ער האָט אַ סך געלערנט, געהערט, געזעהען.
איטליך זאַך, וואָס אויף דער וועלט איז נאָר געשעהען.
ער האָט געזעהען אי דעם טערק אי דעם טאָטער,
לייבען, לעמפּערטען און דעם פּיפּערנאָטער.
וואָס מען דאַרף זיין שטאַרקער וויא אייזען און שטאָהל,
אויסצושטעהן פון אַזעלכע שלעק אָהן אַ צאָהל.
ער האָט אויך דיא שרעקליכע סטעפּעס בעטראַכט,
און דאָרט אַ גאַנץ היפּשע צייט פאַרבראַכט.
אז ער איז זיך שוין אָפּגעגאַנגען דיא פיס,
האָט ער פון דעם פּאָטער דערהאַלטען אַ גריס.
ער האָט איהם געלאָזט בעטען נאָר אָן שיהות,
צוּ אַ היים צו רומען פון זיינע נסיעות.

ג.

נאָך אַזוי פיל מיה און נאָך אַזוי פיל טרוד,
נאָך אַזוי פיל פּיין און צרות אויף דעם פּוד.
איז יודעל מיט זיין געליבטע ביינאַנד,
געקומען צוריק אין זיין פאָטערלאַנד.
אין זיין אימעניע דער גוטער, דער שעהנער,
האָט ער צום סוף זיך אויסגעגלייכט דיא ביינער.
ער האָט דאָרט אויף איינעם פון דיא בעסטע פּלעץ.
זיך אויסגעמויערט אַ בערימטען דוואָרעץ.
געלעבט מיט זיין געליבטער זעהר צופרידען,
נאָך דעם געזעץ פון משה און דיא אידען.
האָטש רייך, אַ יחסן, אַ בעל משפּחה,
האָט ער זיך דאָך נישט געשעמט מיט דער מלאָכה.
מיט דעם באַלעבאַטעשקייט זיך באַשעפטיגט,
און דיא ארבייט האָט איהם טאָקי ניקרעפטיגט.
ס'איז ביי איהם גאָר נישט געוועזען קיין סברא,
צו זיצען שטענדיג און לערנען גמרא.
אדער זיך צו לעבען אויף אַזאַ אופן,

מענשען וויא בהמות אויף דעם מארק צו קויפען.
זיי צו מאכען פאר זיינע אייביגע קנעכט,
אהן א ישום פראוועס, אהן עפּים מענשענרעכט.
זאָלען מיט זייערע ווייבער און קינדער.
ארבייטען פאנשטישענע אזוי וויא דיא רינדער.
זאלען נעביך פערשווארצט ווערען, געהן אין יאך,
אין איינעם מיט דיא אָקסען א גאנצע וואך.
און אליין זאל מען זיך פאסען וויא א ביק,
פון זייער שוויים, פון זייער בלוט ווערען דיק.
טרינקען גוטען וויין, עסען א פעט יאייכיל,
פראזדנעווען און זיך גלעטען דאס בייכיל.
מאכען וויזיטען, ארום געהן שלינג און שלאנג,
באלעווען און ליגען שכור וואָכענלאנג.
צו קיין שום זאך אין דער וועלט ניט צו נוצען,
נאר נוט פרעסען, זויפען, זיך אויסצופוצען.
און נאך מיינען אז טאקי נאר ער איינער,
איז איין איינציגער ביי גאט, מעהר ניט קיינער.
חלילה נישט קיין קאמפלימענט צו מאכען,
יודעל האט פיינט געהאט אזעלכע זאכען.
ער האט זיין געליבטער צו פארדאנקען פיל,
וואס ער האט געהאט א ריין הארץ און געפיהל.
„יודעל מיין ליבער, יודעל מיין געטרייער"
פלעגט זיא צו איהם זאגען, רעדען מיט פייער.
„פאלג מיך יודעל לעב, פאלג חלעבען איך בעט דיך.
האב דעם אנדערען ליב וויא דוא האסט ליב זיך, 8)
ליבע, דאס, יודעל, איז דיא גאנצע תורה.
ליידיג געהן, דאס איז דיא גרעסטע עברה.
דער רייכער וויא דער ארמער. דער האר און קנעכט
יעדער האט אויף דער וועלט צו לעבען דאס רעכט.
אלע מענשען חלעבין האבען איין פאטער,
דער יוד, דער טערק און אפילו דער טאטער.
דעם פריץ וויא דעם פויער, גראף און שקלאפען,

8) ויקרא י״ט י״ח.

אלע האט אויף דער וועלט איין נאמ בעשאפען.
דעריבער, יודעל סערדצע, זאג איך דיר אן,
האטשע דו געהערסט צו דער גילדענער פאן,
מיט דעם מינסטען אפילו צו לעבען פיין,
און מיט איטליכען ביי דיר מטיב צו זיין.
דיינע פויערען און זייער הויז געזונד.
זאלסט דוא בעהאנדלען וויא א פאטער א קינד, 4)
א גר און א פרעמדען אין דיין אימעניע.
לאז זיי לעבען פריי בעזאגראניטשעניע, 5)
דוא זאלסט זיי ניט קוועטשען, זאלסט זיי ניט דריקען. 6)
זאלסט זיי צופיעל אין קאפ ניט ארייגקוקען.
זאל יעדער זיך זיצען אומטום וויא ער וויל, 7)
און זיך דארטען בעשעפטיגען רוהיג שטיל.
פאר א גר און א היגען, פאר ארם און רייך,
איין געזעץ און איין משפט פאר אלע גלייך. 8)
ווען מענשען פיהלען זיי זענין פריי.
דיענען זיי דעם לאנד אלע געטריי. 8)
מיט א פארגניגען האט יודעל געטאן אלסדינג,
וואס זיא האט איהם געזאגט מיט איהר זיסע צינג.
ער האט געאקערט געזייט זיינע פעלדער,
זיך בעשעפטיגט מיט וויינגערטנער און וועלדער.
האט אויף דער פאשע געפיטערט זיינע פיה,
אכטונג געגעבען צו דיא שאף, צו דיא קיה.
יענע דריי זאכען, דיא זיילען פון דער וועלט,
וואס דיא וועלט אין גאנצען איז אויף זיי געשטעלט:
לעהרנען, ארבייטען און יענעם גוטס צו טאן 9)
זענין ביי יודלען געשטאנען אויבענאן.
פון אלטע צייטען איז זיין שטייגער געוועזן,
אראפ צונעהמען א פראצענט איינס פון צעהן, 10)
פון דיא אלע תבואות, וואס ער האט געהאט,

---

4) ויקרא כ״ה מ״ג. 5) שם שם ל״ה. 6) שמות כ״ב כ׳. שם כ״ג ט.
7) כ״ג י״ז. 8) ויקרא מ״ט ל״ד. במדבר ט״ו, ט״ו ט״ז. 9) אבות פ״א ב׳.
10) בראשית י״ד כ׳. דברים י״ד כ״ב.

אלמנות, יתומים, ארמע זאלען זיין זאט.[11]
בזכות זיין גוטסקייט, זיין ארבייט און מלאכה.
איז אומעטום געווען מזל און ברכה.
דער אלטער טאטע, אונזער פיינער מחותן,
פלעגט איין אפטער נאסט זיין ביים זוהן דעם גוטען.
פלעגט איינשטעהן אין דווארעץ אין בעסטען חדר[12]
און דארטען גאנץ בּרייט אפריכטען דעם סדר.
מיט גוטען וויין, מיט פלייש א סך, זעהר געשמאק,[13]
צום רויכען איז אויך געווען גוטער טאבאק.[14]
טעם גן־עדן האט מען אין דעם געפיהלט.
א גוטע קאפּעליע האט אויך צוגעשפּיעלט,[15]
אזא קאפּעליע איז ניט געווען אומטום,
מען זאל אוים גיין די׳א וועלט ארום און ארום
דארט איז געווען אויך וועלט בעריהמטע זינגער,
פון זייער גזאנג האט מען געלעקט דיא פינגער.
פון אייבּיג אן האט יודעל געהאט געפיהל,
צו חזנים און אויך צו כלי־זמר שפּיל.
אליין אויך זעהר גוט געשפּיעלט אויף א פידעל,
און וויא א מייסטער געזונגען א לידעל.
אז יודעל האט געזונגען אויף דעם געליינק,
פלעגט מען פּשוט קריכען אויף טיש און אויף בּיינק.
זיין טראפּ זאגען, זיין זינגען דרגא תביר[16]
צונעהט זיך פּשוט אין איטליכען אבר.
דער אלטער האט געקוקט אויף זיינע קינדער,
און געקוואלען פון איטליכען בעזינדער.
„מיר חלעבען, פלעגט ער אליין זאגען, מיר געפעלט.
אז מיין פאר פאלק איז מאקי איינס אין דער וועלט.[17]
יודעל, פון אלע מיינע זיהן דער קלענסטער[18]
איז צווישען זיי דער פיינסטער און דער שעהנסטער.

---

11) שם שם כ״ט. 12) שמות כ״ח ח׳. 13) במדבר כ״ח. שם כ״ט. 14) שמות ל׳ ח׳. 15) דברי הימים א׳ ט״ו, ט״ז וכו׳. 16) דאס איז טראפּ וואס איז בעקאנט איטליכען וואס קען מעביר זיין דיא סדרא. 17) דברים כ״ו ו״ח. שמואל ב׳, ז׳ כ״ג. 18) דברים ז׳ ז׳.

וואס ער האט אין נאניל האבען זיי ניט אין קאפ,
ועט זיי אלע אפקויפען פאר לינזען א טאפ.
מיט זיין גוט קעפיל וועט יודעל מיט דער צייט,
אנשפארען אין דער וועלט טאקי העט, העט וויים.
ער זאל פארוואפען ווערען וויא א בלעטיל,
וועט ער אומטום נישקשה בעשטעהן זיין שטעטיל.
דא וועט מען איהם טרעטען אויף דעם רוקען,
און דארטען וועט מען גאר צו איהם זיך בוקען.
אט, וועט מען מיינען, אט פאלט ער אנידער,
פלוצלים וועט ער זיך אויפהויבען הויך ווידער.
וויא א טשערעטיל, וואס ליינט זיך פאר דעם ווינד,
קוים ווערדט שטיל, הייבט זיך עס ווידער אויף געשווינד. [19]
אינר־דומה א גרויסער בוים א דיקער,
ביינט איהם דער ווינד צוברעכט ער זיך אויף שטיקער.
איז דיא וועלט פארגליכען צו א מאשינע,
איז יודעל חלעבען אין איהר דיא שפרינזינע,
וואס קען זיך איינציהען און אויך אויסשטרעקען לאנג,
וואס בעוועגט דיא רעדער צו גיין זייער גאנג.
יודעל איז צוגלייך אי הארט אי ווייך וויא טיינ,
איז וויא אייזען פעסט און קען זיך טאן א ביינ.
דריבער מעג מען איהם דריקען, געבען אין קארק,
ער וועט אייבינ בלייבין פריש, געזונט און שטארק.
א מאל וועט זיך דאכטען אט, אט ער געהט אוים,
ער וועט אבער פון דער סכנה ארויס,
און איבער לעבען א סך געזינטערע לייט. [20]
אט וואס יודעל מיינער איז וואס ער בעטייט,
אויף דעם פייער וועט ער ניט פארברענט ווערען, [21]
ער זאל מיר נאר זיך פרובפערען און מעהרען״.

ד.

באלד איז מיין יודעל א מאטע געווארען,

---

19) סנהדרין ק״ו א׳. 20) ירמיה ל׳ י״א. 21) ישעיה מ״ג ב

זיין ווייב האט למזל א טאכטער געבארען.
עס איז געבליבען ביים גאנצען הויז געזינד,
מינדעל*) זאל ביי דעם נאמען הייסען דאס קינד.
קליינערהייט איז דאס קינד געלעגען זעהר שטיל.
געוועז פארבארגען אין קישעליך זעהר פיל.
מען האט עס פון א גוט אויג אליץ אפגעהיט.
געהאט צו זינגען און צו זאגען דערמיט.
מען האט פשוט געציטערט חלילה וחס,
ארויס צוטראגען עס א מאל אויף דער גאס.
געניאנטשעט האט זיך מיט דעם אונזער אידעל,
פלעגט עס וויגען מיט דעם בעקאנטען לידעל,
„אונטער מינדעלס וויגעלע.
שטעהט א קלאר ווייס ציגעלע.
וואס איז דיא בעסטע סחורה ?
מיין קינד וועט לערנען תורה.
סתרי־תורה לערנען.
דרשות וועט עס זאגין.
ספרים וועט עס שרייבען.
גוט פרום תמיד בלייבען".
אז דעם קינד האט זיך אויסגעשניטען ציינדליך,
האט ער אנגעהויבען צו מאכען חנדליך.
וואס מעהר עס איז אין דיא יאהרען געקומען,
האט עס אויף זיך מעהר לייב גענומען.
פלעגט זיך וואָרפען תמיד יודלען אויף דיא הענט,
און מאכען חנדליך וואס עס האט נאר געקענט.
אז יודעל האט געאקערט געזיים דיא ערד,
אדער אנצופּאָיען געטריבען דיא פערד,
אדער דיא קיה געגעבען זייער פוטער,
אדער זיך אונטערהאלטען מיט דער מוטער.
פלעגט דאָס טעכטעריל איהם שוין אמאָל שטערען.
מיט איהר זיך צו שפּיעלען און זיא צו הערען.
האט איינגעהאזערט אויסוויינינ גאנץ גרינדליך,

---

*) מלשון בעל פה (מינדליך).

וואס דער זיידע האָט איהר איבערגעבין מינדליך.[28]
דער זיידע האָט פאַר ליבשאַפט עס דערצוינגען,
האט אויסגעריסען פאַר איהר דיא אוינגען,
אַלע טאג פלעגט ער איהר מאַכען אַ קליידעל,
„וואס ווייסט איהר, וואָס דאָס איז פאַר אַ קלוג מיידעל,
קיין בייז אויג זאָל איהר גאָר ניט שאַטען,
זאָל מיט איהר מוטער זיך עלטערן ביים טאַטען.
יא מיט איהר מאַמע זענין מיר ליבביידע".
אזוי פלעגט צוזאָגען דער אַלטער זיידע.
עס האָט געהאַט זעהר אַ שטאַרקען זכרון,
פלעגט דערצעהלען מעשות פון תרח'ס יאָהרען,
איטליכע זאַך וואָס אויף דער וועלט האט זיך פאַסירט,
וויא אונזערע אָבות האָבען זיך געפיהרט,
וואס זייא האָבען געטרונקען און געגעסען,
מנהגים וואָס מען האָט זייא לאַנג פארגעסען,
דערצו נאָך פלעגט עס אויף זאָגען אַ וויטציל,
און געבען דעם טאַטען פלוצלום אַ קיטצעל.
יודעל פלעגט אַ מאָל שרעקליך זיך צולאַכען,
פון אַזעלכע זעהר וואונדערליכע זאַכען.
אַ מאָל אָבער פלעגט ער גאָר געבען אַ היק,
און אָפּבאָדען די טאַכטער אין קראָטקע וויק.
דערפון איז שטרייט אַ מאָל ארויס געגאַנגען,
דער שלום אין הויז אויף אַ האָר געהאַנגען.
„יודעל ביזט אַ נאַר האט געזאגט דער פאָטער,
עס מוז שוין איינמאָל אויסשפרינגען דער בלאָטער.
דעם קינדס רייד זענין ניט קיין נאַרעשקייטען,
שאַ, איך וועל דיר ווייזען וואָס זייא בעטייטען.
איידער מען האט געוויסט פון שריפט און ביכער,
האט דיא וועלט פארצייטענס געוואָלט זיין זיכער,
אַז אַלע געדאַנקען און אַלע זאַכען,
וואס פלעגען בעשטענדיג אויף איהר זיך מאַכען,
זייערע אַלע פיל שמחות און פריידען,

---

28) תורה שבעל פה.

ייערע קריינקונגען צרות און ליידען,
זייערע אלע פיל נסים און װוּנדער,
זאָלען איבערגעהן צו זייערע קינדער,
האט בייא זייא דריבער דענסטמאל געמוזט בלייבען
אלסדינג מיט אנדערע מיטעל צו פארשרייבען.
אין געבייען. אין שטיינער גאנצע קופּעס. [23]
אין בילדער, פיגורען, אין זיילען, סלופּעס. [24]
אין עסען, אין טרינקען און אויך אין דער טראכט,
האָבען זייא אַט דאָס אלסדינג אריינגעבראכט.
מצרים האָט זיך געמאכט פּיראמידען.
מצבות האָבען אויך געשטעלט דיא אידען. [25]
מצות א שטיינער און דיא ארבע כוסות.
מרור, זרוע זאלצוואסער, כרפּס, חרוסת,
זיצען אנגעלעהנט אין קיטיל ביים סדר.
טלית און תפלין, נאָך אזעלכע קליידער.
דאָס אלסדינג למשל, וואָס מיר אלע מאכען,
איז א זכר פון היסטאָרישע זאכען.
דיא צערעמאָניעס פון א פאָלק און דינים,
האָבען אין זיך כוונות אלע מינים.
איטליכער מנהג זיינער איז א גאנץ בוך,
דער מנהג דריקט אויס זיין לעבען דורך און דורך,
בשעת א מענש פון איטליכער נאמנה,
איז מקיים א מנהג, א זאבאבאָנע,
שטודירט ער זיין לעבען, געשיכטע צוגלייך,
און קען דערפון האלטען עקזאמען פאר אייך.
עפּעס פרעמדס אָנצונעהמען זאָל בעווייזען,
דיא געשיכטע פון א פאָלק צו פארגרייזען.
פון א פרעמדער אומה, א מנהג, א דין,
האָט פאר דער אנדערער גאָר ניט קיין שום זין.

---

23) ארכיטעקטור. 24) בילדהויער קונסט. 25) בראשית ל״א, מ״ה מ״ט. יהושע ד׳, ח׳ י׳. שם כ״ב כ״ו כ״ח ל״ד. ובשביל הרעיון הנכבד שהיה בבמות בעצם וראשונה בבמות ומצבות נתגלגל הדבר אח״כ שהתחילו לעבוד אותן. ועיין רמב״ם הלכות עכו״ם פ״א א׳.

ער איז אין איהר געשיכטע א פרעמד בלעטיל,
גלייך וויא אין א חומש פון גרעט א צעטיל.
דרי בער קען מען פארשטעהן, פאר וואס דיא ביבעל
האט אויף אזעלכע זאכען שטארק פאראיבעל.
אין דיא מיני קליידער זיך צו פארקליידען,
וועלכע עס האבען גיטראגען דיא היידען. 26
גאלען דיא בארד, טראגען וויא זייא דיא פאות, 27
הייסט בייא איהר אננעהמען זייערע דעות.
אז אין מנהג האט געשיכטע זיך בעהאלטען,
האט איהם יעדער רענססמאל הייל׳ג געהאלטען.
דורך דעם נאך געוועז א חכם, א הרץ.
ווען ניט, האט ער געהייסען בור עם־ארץ.
האט מען אבער אנגעהויבען צושרייבען
און מנהגים אין תורות צונופקלייבען.
איז עבודה אין שפעטערדיגע צייטען
קלײנער געווארען פאר תורה בייא לייטען.
מענשען האבען שוין פאר זיך געהאט ביכער,
און אלסדינג אין זייא געוואלט לערנען ניכער.
פון פיל מנהגים אין שפעטעריגע יאהרען,
איז זייער טעם געגאנגען פארלארען.
זייא זענין גלייך וויא אהן א נשמה א גוף,
און הערען בייא טהייל געלערענטע גאר אויף.
ניט איטליכער מענש אבער קען טאג וויא נאכט
אין ביכער, אין ספרים, תמיד זיין פארטראכט.
בכן איז רעכט מנהגים אונטערצוהאלטען.
דעם גייסט פון דעם פאלק מיט זייא צו דערהאלטען.
עבודה מיט גייסט איז גאר ניט קיין צרה,
אהן דעם, זעהסט דוא, איז זיא עבודה זרה.

---

26) צפניה א׳ ח׳. רמב״ם הלכות עכו״ם פי״א א׳, וכתב שם בעל כסף משנה בשם מהרי״י קולון: „שלא נתכוין לאסור אלא מלבוש המיוחד לעכו״ם וכו׳, אבל כשאינו מלבוש המיוחד לעכו״ם על דרך זו אין הישראל חייב להשתנות מן העכו״ם כלל ועיקר“. 27) ויקרא י״ט פ״ז.

עס וועט נאך קומען, איך פיהל, א צייט שפעטער,
וועלען קינדער זיך האלטען קלוגער פון פאטער.
ביבער וועלען דענסטמאל דיא וועלט פארפלייצען,
מענשען וועלען אראפווארפען דיא לי צנן.
פון איין זייט וועט חכמה אין אלע ערטער,
ניט בעשטעהן אין ווירקליכקייט, נאר אין ווערטער.
בילדונג, וועט הייסען, אין דיא ביכלעך קוקען.
דער קאפ וועט זיין ליידיג, דאס הארץ וויסט, טרוקען.
מענשען וועלען מיינען זייא וויסען זעהר פיל,
און וועלען נישט האבען קיין געפיהל.
מען וועט גרינג אוועקמאכען איטליכע זאך,
מיט א שרעקליכען געשפעט און מיט א לאך.
איינער וועט אין א ביכעל חאפען א לעק,
וועט ער אויף דער גאנצער וועלט שוין שפייען קלעק.
פון דער אנדערער זייט וועט נעהמען איבערהאנד,
הארץ, פאלש געפיהל ניט מיט שכל, מיט פארשטאנד.
וועלכען מנהג מען וועט ערגעץ געפינען,
חאטשע ניט צו וויסען דעם טעם דרינען,
חאטש א פרעמדער פון איין אנדער נאציע,
וועט מען איהם האלטען פראסט ויא א סיגנאציע.
זעהר קלוג האט איינער אין א ספר געשטעלט:
אויף תורה און אויף עבודה שטעהט דיא וועלט. 28
עבודה הייסט, געדאנקען פון א נאציאן.
זיין מיינונג, זיין בליק אין גלויבען, רעליגיאן,
אין דער פראקטיקע טאקע צו טאהן אלסדינג.
ניט נאר דיינקען, אבי ריידען מיט דער צונג.
יענער חכם קוקט דערמיט גאנץ טיף, גאנץ וויט,
ער זאגט א קלוג ווארט אקוראט אין זיין צייט.
אין זיין צייט הייבט מען אן שריפטשטעלער צו ווערען.: 29

28) אבות פ״א, ב׳. 29) שמעון הצדיק בעל המאמר הזה היה משירי כנסת הגדולה, המקובצת מאנשים חשובים שנקראים סופרים ע״ש עזרא הסופר המהיר (עזרא ז׳ ו׳) וחז״ל שמשו במלת סופרים על החכמים בכלל כי בימים ההם היה מעשה הכתב יקר, והאיש אשר ידע למשוך בשבט סופר כבר היה מבעלי הידיעות (באור שם) ובגמ׳ (קדושין ל׳ א׳) לפיכך נקראו ראשונים סופרים.

ספרים, ביכער הייבען אָן זיך צו פארמעהרען.
זעהר קורץ און זעהר וועניג זיינען מיינע רייד,
עס טהוט מיר דארויף אפילו אי זעהר לייד.
נאָר דוא האָסט אַ גוט קעפּיל יודעל, נישקשה.
ועסט זיך אָנשטויסען, ועסט פארשטעהן מיין דרשה.

ה.

מיר ווינשען: יודעלס לעבען אין יענער צייט,
געזאגט געוואָרען אויף אַלע גוטע לייט.
גליקליך איז ער געווען, וואס האט איהם געפעהלט,
ער האָט געהאַט אַ שעהן ווייב, כבוד און געלט.
זיינע טשערעדעס האָבען זיך שטארק געמעהרט,
אַ סך מעהר נאָך וויא ער אליין האָט בעגעהרט.
תבואות זעהר געראָטען אין זיינע גיטער,
ער האט זיך געבאָדען אין מילך און פּוטער.
זיין ווייב זעהר אַ דימענדיגע, אַ שעהנע,
איז געווען א ווירטען אין דער וועלט איינע.
עס איז געווען וויט אין דער וועלט צוזוכען
איהרע מצות, קיכליך און איהר פאנקוכען. 80
מען האט נעהן אָנצוקוקען פראָסט געראָטען
איהרע חלה און אויף איהר האלבגעבראָטען. 81
איהר קיך, איהר פריפעטשיק און איהרע פעסער.
איהר פּאָלאָניק, איהרע טעפּ, גאָפּעל מעסער. 82
איהר נייען, איהר שטיקען, איהר קייטעלשטיבעל,
איהר פּרוכת, איהר פארטיך און ברוסטטיבעל, 83
האבען געשיינט און פארנומען דיא אויגען,
האבען דאס הארץ עפּעס צו זיך געצויגען.
זיא האט דעם דוואָרעץ זעהר שעהן, פיין אויסגעצירט,

---

80) ויקרא ב׳, ד׳ ח׳. 31) שם כ״ד ח׳. שמות י״ב ט׳. 82) שמות כ״ז א׳, שם ל׳ י״ח. שם כ״ח כ״ט. שם כ״ז ג׳. 83) שמות כ״ו ל״א. שם כ״ח ו׳ ט״ז.

אין דעם מאַיאָנטעק פאַראַדקעס איינגעפיהרט. 84
אָרמע, קראַנקע איז זיא געווען א מאַמע,
נישט געקוקט דאַרויף וואס זיא איז א דאַמע.
ניט געלאָזט אימיצען צו געבען א זעץ, 85
האט געהיילט געריינינגט פון מכות און קרעץ. 86
צווישען אלע מענשען כסדר אין איהר אָרט
איז א תורה געווען איהרס א וואָרט.
וואס בעדאַרף מען, דאַכט זיך, בעסערס אויף דער וועלט?
לעב יודעל, זייא לוסטיג, ארבייט און קלייב געלט.
אזוי קעהר צו זיין, אזוי וואלט געווען גוט,
ווען דער מענש נעביך זאָל ניט זיין פלייש און בלוט,
ווען ביים מענשען זאל דער גוף מיט דער נשמה,
נישט דאַרפען אייביג פיהרען קיין מלחמה.
ווען דער פלאָטקע מאַכער, דער יצר־הרע,
זאל דעם מענשען נישט טאָהן תמיד א טאַרע,
נישט אונטערהידען איהם נעביך אלע צייט,
נישט פאַרפיהרען איהם אין דער בלאָטע גאַנץ ווייט.
ווען דער צוּלאָכעסניק זאָל ניט אלע מאָל,
אַנרייצען אויף איהם תאוות גאר אָהן א צאהל.
מעהרער דער זינדיגער מענש ווערט גרויס און רייך
מעהרער גרויס ווערט זיין יצר־הרע צוגלייך.
בשעת יודעלס הצלחה און זיין גרויס גליק,
האט אויף איהם דער שטן געוואָרפען א בליק.
מיט דעם און נאך אזעלכע א סך נעמען,
האט זיך דער יצר הרע נישט צו שעהמען,
ער האט געטאָהן א בליק גאר ניט לאנג געדאַכט
און מיט אונזער יודלען בעקאַנטשאַפט געמאַכט.
ער האט איהם אלץ וואס ווייטער געטאָהן א טאַפּ,
און צום סוף געוואָרען מיט איהם חבר־לאַפּ.
ער פלעגט תמיד מיט יודלען צוטרייבען שפּאַס,
און איהם שלעפען שפּאַצירען געהן אויף דער גאַס.
צום שפּאַס האט דער יצר־הרע א צינגעל,

---

84) שמות כ״א כ״ב כ״ג. 85) שם כ״א כ׳. 86) ויקרא י״ג י״ג י״ד.

יודעל, האט ער געזאגט, דוא ביסט א יינגעל,
דוא ליגסט צופיל אונטער דיין ווייבס פאנטאפעל.
אזוי וויא מיין נאמען איז מעפיסטאפעל. 37
זינט יודעל דוא האסט דיין יפהפיה גענומען,
האסט דוא נאר איין אנדער פנים בעקומען.
אלסדינג וואס זיא וויל, טהוט זיא חלעבין מיט דיר,
זיא לאזט דיך פשוט ניט ארויס פון דער טהיר,
לאזט דיך ניט אנקוקען דיא ליכטיגע וועלט,
אלסדינג אויף דאס איהריגע איבער־געשטעלט.
זיא לאזט דיך ניט עסען מאכלים זעהר פיל, 38
און דוא מוזט געהן אנגעטאהן אין וואס זיא וויל, 39
איך פרעג דיך יודעל, קומט איהר ארויס אסך,
וואס דוא עסט ניט אדער טראגסט ניט יענע זאך? 40
זיא איז ניט מעהר וויא א שרעקליכער קאפריז,
קען חלעבין קראנק מאכען אפילו א ריז.
שוין לאנג האב איך געהערט, דיא וועלט לאכט,
אז דיין ווייב האט פון דיר א קאטער געמאכט.
זיא האט דיך פון דער וועלט גאר אפגעריסען,
חוץ איהר זאלסט־דוא פון עמיצין נישט וויסען.
דוא ביזט געווארען א פראסטער ארענדאר,
וואס קוקט נאר אריין תמיד אין קאלענדאר,
פרעג דיר בחרם פון אלע שעהנע זאכען 41
וואס דיא מענשען אין היינטיגער צייט מאכען,
פון שעהנס ווייסט דוא ניט אפילו קיין פיצעל,
פע דוא ביסט געווארען א לאפענמיצעל!
האב נאר ניט קיין פאראיבעל יודעל אויף מיר,
וואס איך רייד אויף דיין פלונית'טע, שפעט פון איהר,
צווישען אונז גערעדט דעם אמת, מיין ליבער,

---

37) מיט דעם נאמען רופען דיא אומות העולם דעם שטן. 38) ויקרא י״א ב׳ כ״ד. 39) שמות י״ג ט״ז. במדבר ט״ו ל׳ ז. 40) ויקרא י״ט י״ט. דברים שיצר הרע ועו״ג משיבין עליהם כגון אכילת חזיר ולבישת שעטנז, שאין טעם בדבר אלא גזירת המלך (רש״י בראשית כ״ו ה׳). 41) פסל וטסבת.

וואס נעהמט זיא זיך דאָ אזוי עפּעס איבער?
פּירדוויים האָט מען מיט איהר זיך ארום געשלעפּט,
צו איטליכען חתן האט זיא זיך געקלעפּט,
זיא האט נישט אויסגעלאָזט אַפילו איינעם,
נאָר זיא איז אָבער ניט געפעלען קיינעם,
מען האָט פון איהר זיך אָפּגעוואשען דיא הענט,
און זיך אויסגעדרעהט מיט וואס מען האָט געקענט. 42
מחמת מען האט געוויסט דעם וואונש איהרען,
אַז זיא וויל איטליכען בייא דער נאָז פיהרען,
און טאַקי דוא לאָז דיר ניט זיין צו קיין גנאי —
נאר ניט שעהמען זיך, האב איך מיט דיר א תנאי,
טאַקי דוא יודעל, זאג איך דיר ארוים פרייא,
האָסט דוא דען נישט געוואלט אויף איהר געבען א שפּיי?
האסט־דוא דען קאָפּ אין קישען פריהער זיך געקלאפּט?
צו איהר זיך געשדכענט ביז האָסט זיא דערטאפּט,
חלילה, דוא האָסט זיא גענומען אבי אט,
ווייל דער טאַטע האט זיא דיר גענעבען גלאט.
הער נאָר, האט דער טאַטע געזאגט, הער יונגאטש.
נעהם זיא, אויב ניט, גיב איך דיר יודעל א פאטש! 43
איך נעהם, איך הער, ענטפערסט דוא דענסמאל צומישט, 44
האסט חתונה געהאט און דיא רוט געקושט.
וויא א חכם חלעבען האב איך געזאגט גוט,
דיין פלוניתִ'טע איז טאַקע א גוטע רוט.
פע, ביסט געוואָרען א יונגער מאַנטשיקעל,
וואס עסט קעסט און ציטערט פאר א קאַנטשיקעל,
מענסט חלעבין אין דיין ווייטען האלז זיך שעהמען,
פאר וועמען יודעל ציטערסט דוא, פאר וועמען?
ביז וואַנען וועסט דוא נעביך זיצען פאַרשפּאַרט?

---

42) עבודה זרה ב׳ ב׳ מלמד שהחזירה הקב״ה על כל אומה ולשון ולא קבלוה. 43) שם שם מלמד שכפה הקב״ה הר כגיגית על ישראל ואמר להם אם אתם מקבלים וכו׳ מוטב ואם לאו שם תהא קבורתכם. 44) שבת פ״ח א׳, עמא פזיזא דקדמיתו פומייכו לאודנייכו, כלומר נעשה ונשמע.

זייא בייא דיר, גוטער ברודער, מעהר ניט גענארט.
קום מיט מיר פון דאנען ארויס אביסעל,
לאז דיך דיין פלונית׳טע רופען קנאקניסעל.
קום יודעל חלעבין, קום לעבען אויף דער וועלט,
לעבען אביסעל וויא אלע לייט געפעהלט.
קום אויף דעם פעלד ארויס פרייא פון דעם שימעל,
דארטען הייב אויף דיינע אויגען צום הימעל,
און זעה דיא זון דיא לבנה, דיא שטערען דארט,
וויא זייא געהן, שטעהן איטליכער פרייא אויף זיין ארט. 45
איך מוז דיר זאגען נאך א מאל אויף דאס נייא,
אז זון, לבנה און שטערען אלע געהן פרייא,
מחמת איך וויים חלעבען, דוא מעגסט מיר גלויבען,
כדי נישט צו לאזען דיך א קאפ אויפהויבען,
דעריבער מאכט מען דיך צום שוטה, צום נאר,
דיא גאנצע וועלט האט עפעס איין אויבערהאר.
אלע בסדר זענין אויף דער וועלט נאר קנעכט,
זיך פרייא צוריהרען האבען זייא ניט דאס רעכט,
נענוג, איין ארענדאר, א פויער צו זיין,
קום צווישען לייט, גיכער אין דער וועלט אריין,
מיט מיינע פריינד וועל איך דיר מאכען בעקאנט.
וועסט בייא זייא זעהן שעהנע בילדער אויף דער וואנט.
אזעלכע אין דיין דווארעץ ניטא אי איינם,
וויא קומט צו דיר, יודעל, אהין עפעס שעהנס,
דערינען מוזען מיר זיין ביידע איינינ,
אז געפיהל פאר דער נאטור האסט דוא ווייניג,
וועסטו דעם שרעקליכען פעהלער פארבעסערן,
וועלען דיינע פארגניגען זיך פארגרעסערן.
בייא מיינע פריינד דארט וועסט דוא האבען דיא קור,
זייא מאלען אלסדינג וואס איז אין דער נאטור,
אלע בהמות אויף דער ערד מאלען זייא אפ.
פון פייגעל ביז דיא פיש אין וואסער אראפ, 46
וועסט דארט עסען מיטאג, פלייש אויסגעזאפטען,

45) דברים ד׳ י״ט. 46) דברים ד׳ י״ז י״ח.

בעסער פונ׳ם ווייב׳ס מצה און האלבנעבראָטען,
ועסט דארטען פארזוכען קאָטלעטען פון שווין, 47
און דערנאך פארטרינקען מיט א גלעזעל ווין, 48
גוט עסען און גוט טרינקען איז זעהר וויכטיג,
עס ווערט גאר עפּעס אין דיא אויגען ליכטיג.
דארט ועסט דוא זעהן שעהנע מיידלאך קארפיהרער.
ועסט זיין זייער קאוואליר, זייער פיהרער.
ועסט זייא ברייגגען אמאל קווייטען א קרענציל
און חאפּען דערפאר אָפּט מיט זייא א טענציל,
איטליכעס נייא מאָדנע מיידעל איז פאר א קווייט
חאטש דיא נשמה דיר אוועקצוגעבען ברייט.
פארקרים זיך נאר ניט יודעל וויא א צביאק,
יפהפיות חלעבען זענין איטליכען געשמאק.
ווילסט דוא זיין מיט זייא לייבליכע מחותנים,
זאג איך דיר יודעל זייא איין עזות פנים. 49
ווייבער האבען ליעב דעם, וועלכער איז פארשיים.
איין עזות פנים איז זייא ליעב אלע צייט.
ליעב יענעם וואס קען איבער זייא רעגירען,
וואס קען הערשען און זייא בייא דער נאָז פיהרען.
איך קען בעסער דיא ווייבער מיט זייער חן,
איך האב שוין אויף דעם אויפגעגעסען דיא ציין.
דעריבער זאג איך דיר, איך מעפיסטאָפעל,
קריך ארויס פון אונטער דער ווייבס פאנטאָפעל!

ו.

דער נייער חבר האט יודלען נאר צושרויפט,
תאוות האבען אין זיין הארץ זיך אויפגעהויפט,
צו קאָכען האט אנגעהויבען אין זיין ברוסט
צו ארבייטען האט ער אנגעווארען לוסט.
דעם ווייבס רייד פלעגט איהם שוין ניט אזוי ארען.
ער הייבט אן ביסליכוויים זיא שוין צו נארען.

---

47) ישעיה ס״ו י״ז. 48) מיכה ב׳ א׳. עמוס ו׳ ח׳. 49) יחזקאל [illegible]

סקוטשנע איז איהם געווארען בייא זיך אין שטוב,
וויל צו דיא שכנים, אין טעאטער, אין קלוב.
דארטען פלעגט ער שפילען, מאכען א כוסע,
מיט א מאל א פלאש ווײן שרעקליך א גרויסע. 50
האט זיך פארגעסען אז ער איז רב אידעל,
געטאנצט מיט הולטייקעס געזונגען א לידעל.
פון פיעל ווײן האבען געברענט זיינע אויגען,
צו אנדערע האט איהם אלץ דאס הארץ געצויגען,
צווישען לינדענבוימער מיט זייא זיך שפאצירט,
אויף בערג און אויף טאלען זיך ארומגעפיהרט. 51
איז א הולטייא געווארען וואס אין דער קארט,
זיך געוואלגערט שכור אויף איטליכען ארט. 52
דער שווארץ יאהר ווייסט וואס איז איהם אזוינס געשעהן,
ער איז גאר ניט דער יודעל וואס פריהער געוועזן.
פאסט־זשע דען אזעלכעס פאר איהם, פאר זיין שטאנד?
וואו איז זיין תורה, זיין חכמה, זיין פארשטאנד?
זיין שעהן ווייב, וואס האט גענומען שטעהן פאר שררות,
האט געהאט געבעך א הארץ פול מיט צרות,
עס איז איהר געווען א וועהטאג, א שאנדע,
ווי יודעל שלעפט זיך ארום מיט זיין באנדע.
בשעת יודעל טאנצט זיך ערגעץ אויף א באל,
ווערט איהר דערוויל אין דערהיים צוזעצט דיא גאל.
איינע אליין איז זיא פארוויסט געזעסען,
איהר יודעל פלעגט אוועקגעהן, זיא פארגעסען,
האט א מאל אן איהר זיך דערמאהנט דער פגע,
פלעגט ער וויא אויף שפילקעס זיצען א רגע,
„יודעל מיין ליבער, יודעל מיין טייבעלע,
פלעגט איהם בעטען רחמים זיין שעהן ווייבעלע,
געה ניט צו דיינע שכנים ווארף זייא אוועק. 53
און זייער וועג געה ניט, שפיי אויף אלע קלעק.
וויא קומסט־דוא צו זיי און זיי אלע צו דיר?

50) הושע ג׳ א׳. עמוס ד׳ ד׳. 51) ישעיה נ״ו, ח׳ ט׳. 52) שם כ״ח
א׳ ד׳. 53) ויקרא י״ח ג׳.

לאזען זיי לעבען ביי זיך, דוא לעב מיט מיר.
פאר וואס האב איך אויפגעהערט צו געפעלען,
וואס דוא ווילסט מיט דער וויג מיך אוועקשטעלען?
א מאָל, יודעל, בין איך דיר געווען טהייער,
א חתן ביסט־דוא געווען א געטרייער.
האסט דענסמאל, געדיינקסט־דוא אויף דעם בערגיל דארט,
מיך ליעב צו האבען געשווארען אויף דיין ווארט.
עדות זיינען געווען ערד און הימעל,
דיא שעהנע נאטור מיט איהר גאנץ געריטעל.
האבען אונז געזאגט, געהאלטען א ריידע,
וויא גליקליך צולעבען זאלען מירביידע.
ביזט ערגעץ נישט געגאנגען א טריט אהן מיר,
אין הויז אויף דעם פעלד, אומעטום איך מיט דיר. 54
וואו איינער, דארט דער אנדערער ניט געפעהלט,
דארום האט אונז צו טויבען פארגליכען דיא וועלט. 55
מחמת גרויס ליעבשאפט האסט־דוא דענסמאל אידעל
געזאגט „שיר השירים" געזונגען א לידעל.
איך וועל אצונד נעהמען דיין לידעל אפיר.
אזוי האסט דוא געזונגען געזאגט צו מיר:
„שעהן ביזט־דוא מיין געליעבטע, ביסט שעהן, 56
דיינע אויגען טויבען מלא חן,
וויא סארנעס פון בארג גלעד אראָפּ
היינגען דיא האָאר דיינע פון דעם קאָפּ.
דיינע ציין שטעהן אין דער שורה גלייך
וויא שאָף ביים ארויסגעהן פון דעם טייך.
דיינע ליפען וויא רויטהע שנירלעך
און דיין גאנץ שמועסיל פיין, צירליך.
וויא א מילגרוים גלייך דיינע באקען,
וויא דוד'ס טהורם דיין האלז און אקען.
געבויט חידושים שטארק, זעהר טהייער,
בעהאנגען מיט טויזענד פערמייטר.

---

54) דבריס ר ד. 55) מדרש חזית על פסוק תנך יפת רעיתי. 56) ש
השירים ד׳, א׳ ט׳.

ריינע צוויי בריסט זיינען טאקע נאר
ווִיא צוויי יונגע הירשעליך א פאָר.
ביסט אהן א פעהלער, שעהן אין גאנצען
מיט מיר כלה, מיט מיר קום טאַנצען״.
אזוי האסט־דוא אמאל געזונגען מיין מאן,
קורץ אבער האט געדויערט אונזער ראמאן.
קעהר זיך צוריק יודעל לעב, צוריק צו מיר,
מיין הארץ, מיין הארץ, געליבטער, ציהט צו דיר,
פארשווארצט ווער איך איצט, וויא איהר מיידליך דאך שעהן. 57
קום מיין געליעבטער, קום יודעל לאָם מיר געהן.
קום ווידער שפּאַצירען געהן אויף דיא פעלדער,
אין וויינגערטנער לאָם מיר געהן און אין וועלדער,
זעהן וויא בליהט דער וויינשטאָק, וויא וואַקסען טרויבען, 58
לאָם מיר ווידער לעבען וויא א פאָר טויבען,
לאָם מיר ווידער אלע טאג אויפשטעהן גאנץ פריה,
אויף דעם גרינעם גראָז דארט צו פאַסען דיא פיה.
אדער אויף דיא בערג אפשר שפּרינגען ווידער,
ליגען אונטער א בוים און זינגען לידער.
ביי דיא הירשען, ביי דיא אינדען פון סטעפּעס, 50
בעשווער איך אייך, איהר מאָדניצעס מיט שלעפּעס,
שטערט ניט דיא ליעבע, שטערט אסור ניט מיין גליק,
פארפיהרט ניט מיין מאן, גיט מיר איהם אָפּ צוריק!
פארוויסט בין איך איצט, דאך וויא אנדערע נאך שעהן.
קום מיין געליעבטער קום, יודעל לאָם מיר געהן״.
נאר אומזיסט דיא מיה, רייד אהער רייד אהין,
שפּיל דעם חתן וויינענדיגס. ער האט זיינס אין זין.

(57 שם א׳ ח׳. (58 שיר השירים ד׳ י״ב י״ג. (50 שם ב׳ ד׳

ז.

שרעקליך פארלאָזט איז געווארען יודעל'ס שטוב,
וויסט און טרויעריג אזוי וויא אין א גרוב.
אהן איין אויג פון דעם בעל־בית, אהן זיין האנד,
עס האט געוויינט אלסדינג, א שטיין פון דער וואנד.
אין דעם חדר פון יודעל'ס אלטען פאטער,
איז וויא אין דיא געצעלטען פון א טאָטער.
אלסדינג קויטיג, ברודנע און שווארץ געווארען,
אלסדינג דארט האט דאס פנים אנגעווארען.
נישט גערידעוועט זיך האט דארט אין קיך מעתר.
נישט וויא א מאל געטראגען, געבראכט אהער
פון פויגעלמילך, פון אלע גוטע זאכען,
א סך געשמאקע מאכלים צו מאכען. 60
ווענמען געהט עסען און טרינקען אין דעם קאָפּ,
בשעת מען פאלט שטארק פון דער פונקציע אראָפּ?
יודעל באלעוועט אין דער פרעמדע, עסט, זויפט אויך
און פון זיינע קוימענס געהט נישט קיין רויך.
שבת און יום טוב איז געווארען פארשטערט, 61
קיין פרעהליך ווארט אין הויז האט מען נים געהערט.
דעם אלטען נים ליב געווען צו פארזוכען
נישט קיין געבראָטענס און נישט קיין פאנקוכען. 62
ער האט גרוים צער געהאט פון דיא קינדער,
עס האט איהם געקריינקט איטליכעס קינד באזונדער.
אין א ווינקעלע פלעגט זיצען דאס ווייב שטיל,
תמיד אלץ געדאכט, געזארגט, געדאכט זעהר פיעל.
און אָפּט טאקי אויף איהר געלעגער ביי נאכט
פלעגט זיא איין אלט לידעל זינגען שטיל פארטראכט.
אין דעם לידעל פלעגט זיך אויסגיסען איהר הארץ,
מיט טרעהרען פלעגט זיא זיך בעוואשען פאר שמארץ.

---

60) דברי הימים ב׳, ב״ט, ו, ז׳. סנהדרין ק״ג א׳. אמון העלה שממית ע״ג מזבח. 61) הושע ב׳ י״ג. 62) ישעיה א׳ י״ג. עמוס ה׳ כ״א כ״ב.

פינסטער, ביטער איז געווען איהר דאָליע,
זיא האט אויפגעהערט צו שפּילען א ראָליע.
האט צום סוף זיך פארבאָרגען איינע אליין
און מען האט נישט געוואוסט מעהר פון איהר געביין.
ביים צו רעכט מאכען דאס הויז, דערצעהלט מען נאָך,
האט מען דארט איינע געפונען אין א לאָך.
דיא סטאָליערס האָבען א געשריי געטאהן: אוי,
זיא חלש׳ט, דאס איז יודעל׳ס פרוי. 66

ח.

דער אלטער טאַטע האט געזעהן דיא צרות:
אוז דאָך נישט געשלאגען מיט׳ן זוהן כפרות.
וויל הערען, זעהן און דערלעבען דעם צאָרן,
איז איינע פון זיינע מדות געוואָרען.
דאס זיינען זאכען דיא שווערסטע אין דער וועלט,
נים איטליכער קען שווייגען ווען יענער פעהלט.
נים איטליכער אפילו דער ערגסטער נאָר,
קען צוזעהן יענעמ׳ס פעהלער האטש אויף א האָאר.
זיינע אייגענע פעהלער זעהט נישט קיינער.
אויף זיך א מבין איז נישט איינער,
בעריל וואס קען אין סידור קיין ה׳׳א ווייזען,
לאכט אומעטום תמיד פון שמעריל׳ס גרייזען.
ניסיל, וואס האט אויפגעגעסען פיעל פרעמד געלט,
רופט איצען אָנזעצער פאר דער גאנצער וועלט.
כל הפסלנות טהוט שטענדיג רב אבא
און זאגט: לייב דער דייטש האט קיין עולם הבא.
כל ימיו פארנעהמט צדקה געלט רעב יאָסיע
און זאגט: אויך מיר א גבאי דער דייטש מאָסיע.
וואס מען טאָר נים זאגען איז געווען דוואָסיע,
היינט זאגט זיא: קיין עהרליך ווייבעל איז סאָסיע.
ווען יעדער וואלט אויף זיך א מבין געווען,
וואלט אזוי פיעל לייד אין דער וועלט נים געשעהן.

---

66) מלכים ב׳ כ״ב, ח׳ י׳ י״א.

וערען זעהן און שווייגען, נישט צו מאכן א לצף,
אין חלעבען גאר נים אזוי קיין גרינגע זאך.
יודעל׳ס מאטע אבער האט עס גוט געקענט,
פלעגט לאנג שווייגען מיט צונויפגעלייגטע הענט.
דריבער איז ער דאך א חכם גאר אנטיק,
דריבער דרוקט אוים חכמה זיין איטליכער בליק.
ער האט אויף זיין יודלען מענשען אנגעשטעלט. 67
זעהר בעריידעוומיגע, געריהמטע אין דער וועלט.
מענשען מיט קעפ, מיט געפיהל און מיט א מויל,
מענשען געלערענטע, אויף דער פען נים פויל,
מענשען מיט מוטה, וואס מאכען נים קיין שאנדע,
פאנע־בריות פון דעם אלטענס קאמאנדע.
מענשען וואס דערזעהן דעם אמת מיט דעם בליק,
וואס וואלטען פאר א מלוכה געווען א גליק.
דיא דאזיגע מענשען, דיא דאזיגע לייט,
מיט יודלען צוריידען זיך גענומען צייט.
יודעל דוא ביסט א חולטייא, טהוען זייא א זאג
אוןווארנען איהם זיך צו בעסערן אלע טאג.
פאלגט ער נים, זאגען זיי איהם מאקי ווידער,
שטעלען איהם פאר דיא אויגען אלץ אנידער.
רעכענען אויס זיינע עלטערן, דאס קאפיטעל,
זיידעס, באבעס, איטליכען מיט דעם טיטעל,
דערצעהלען איהם דיא גרויסקייט פון זיין טאטען,
זיינע געשעפטען, זיין משא־ומתן,
זיינע פאדראדען אין יעדער גובערנע,
מיט פלייש, משקה, מאנעגרייפליך און זערנע. 68
דער טאטע האט איהם ליעב וויא זיין אויגאפעל,
און ער שטעהט העכער ביי איהם מיט א שטאפעל,
פון אלע זיינע דיא עלטערע קינדער, 69
וואס זיי האט ער אפגעשייד גאנץ באזונדער,
צו זיי געזאגט: נאט אייך נדן און אוים קעסט,

67) מלכים ב י״ז י״ג. 68) שמות ט״ז ח׳ ט״ו. שם י״ז ד׳. 69) מלאכי
ג׳ ב׳.

און איהם, יודלען, צונעזאגט אייבינע קעסט,
זייא בייא דעם קינדערשען שכל געבליבען,
און איהם א גוטען רעבין אויסגעקליבען,
א רעבין, ניטא אזעלכער אין דער וועלט, 70
נישט צו באקומען וויא ער פאר גאר דאס געלט.
א רעבין וואס פון מערב ביז מזרח זייט
אומעטום זיין נאמען בעקאנט אי נאט אי לייט.
וואס דיא אנדערע מלמדים, פון איהם איינגער,
קומען נישט אלע צו זיין מינסטען פינגער,
וואס אלע מחילה, מאקי אהן אונטערשייד
האבען נענאיטט, איבערגעקייט זיינע רייד.
א רעבין, וואס דער קאפ אין הימעל געפלויגען,
דאך דער קלענסטער אויף דער ערד אין זיינע אויגען. 71
א רעבין, וואס האט דיא גאנצע צייט בסדר
נאר מיט יודלען אליין געקנעלט אין חדר.
געלערענט מיט איהם פסוק זעהר ריין, זעהר קלאהר
און נישט פארפעהלט פון איטליכער סדרה א האאר.
געלערענט נאך חכמות פון דער גאנצער וועלט,
וויא גאט האט זיא בעשאפען וויא איהם געפעהלט.
זיא מיט בעשעפעניש כסדר כסדר בעזעצט,
פראסטע בעשאפען פריהער, בעסערע צו לעצט.
היינט געשיכטע און בעשרייבונג פון לענדער,
אין איטליכם ווארט ליגט ספרים גאנצע בענדער.
חכמת הפאליטיקע, מדינה זאכען,
וויא מען בעדארף אין לאנד אזוי צו מאכען,
אז אלע קלאסען מענשען זאלען זיין גלייך,
איטליכער מענש איז פריי ארים און רייך,
קיינער זאל אסור ניט מוחל זיין דאס רעכט,
פע צו זיין א שקלאפע, פע צו זיין א קנעכט. 72
פיהלסט־דוא ניט און ווילסט אייביג דינען דעם גביר,
שטעה־זשע וויא א הונד צונעשמיד צו זיין טהיר. 73

70) דברים ל״ד י׳. 71) במדבר י״ב ג׳. 72) ויקרא כ״ח, מ״ב ב״ת
73) שמות כ״א ה׳ ו׳.

אז אלע זאָלען מיט דעם שווייס עסען ברויט,
ניט דער זאל ארבייטען, זיך מוטשען צום טויט,
און יענער פוילער זאל אויפעסען זיין מיה,
זיין א פריץ און איהם מעלקען וויא א קיה,
ניין, פריץ, דיין געקויפט דאָרף, דיין געקויפט גליק,
אומקעהרען מוז זיך עס צום אלטען האר צוריק. 74
אזא רעבין, האָבען זייא גערעדט מיט קראפט,
האט דיר, יודעל, דער טאטע א מאָל פארשאפט.
האבען איהם גע׳מוסר׳ט מיט קלוגע ווערטער,
נישט צו געהן ווייטער אין דיא שלעכטע ערטער,
זיך צו בענעגנען מיט זיינע חברים,
יואָס זיינען א קעגין איהם פראָסט חמורים.
גו קריינקען דערמיט דעם פאָטער דעם אלטען,
וואָס האט איהם פאר זעהר א גוט קינד געהאלטען.
צו קריינקען זיין ווייב נעביך און זיין קליין קינד,
זיינע גוטע פריינד און זיין גאנץ הויזגעזינד.
וועט ער זיינע חברים ניט אויסמיידען,
וועט ער שפעטער ניט גוט פון זייא אָפשניידען,
סוף כל סוף וועט ער פון זייא חאפען א פסק,
זייא וועלען איהם ארייננארען אין דעם זאק.
דענסמאָל וועט איהם ניט העלפען אי דער טאָטער, 75
א שפיי וועט אויף איהם דענסמאל טאהן דער פאָטער.
וואָס העלפט אָבער דיא רייד, הוי וועהגעשריגען,
מעפיסטאָפעל דער לץ האט אויך נישט געשוויגען.
אז יודעל האט געוואָלט ווערען פרום און גוט,
האט ער איהם הייס וויא פייער צוקאָכט דאס בלוט.
פון זיינע פריינד, פון זייער מוסר געלאכט. 76
אלע צו נארען, צו משוגעים געמאכט. 77
„וועדליג וויא זייא דארף מען גאר זיצען אין קלויז,
פארשטעקט ערגעץ אין א לאָך פונקט וויא א מויז,
נישט האבען קיין תענוגים, קיין פארגניגען,

74) ויקרא כ״ח י׳ כ״ג. 75) ישעיה ל׳ ב׳ ח׳. 76) דברי הימים ב׳ ל׳ ט׳.
77) הושע ט׳ ז׳.

מיט ציצית און תפלין זיך צו בעגניגען.
פיינט האבען שעהנע זאכען וויא א ווילדער,
נישט קוקען אויף ווייבער, אויף קוקלעס, בילדער
האלטען דעם גוף פאר א פיינט פון דער נשמה,
פיהרען צווישען זייא איין אייביגע מלחמה.
דער נשמה צו פארשאפען אלע מיטעל,
אז דער גוף זאל פאר איהר האלטען דאס היטעל.
דיא בעסטע רפואה זיא נעבעך צו היילען,
איהם צו בעגראבען אין דער ערד ניין איילען.
צו געבען איהם פלייש און וויין חלילה וחס,
איז נישט קראנק צו עסען ברויט, צו טרינקען קוואס.
וואס דארף מען אזא שונא געבען נאך מעהר,
דער מענש וואלט גליקליכער געלעבט ווען ניט ער,
ווען ניט ער, פארשטעה נאר, וואלט געווען בעסער,
דעם מענשענ׳ס מדרגה וואלט געווען גרעסער.
ער וואלט נישט געפיהרט מיט דעם גוף קיין שפראכע,
אין איהם נישט ליגען וויא א טשערעפאכע״.
הכלל נאך זיי נאך דארף מען זיין אויסגעדארט,
נישט געניסען דיא וועלט און זיצען פארשפארט.
דערפאר וועלען זיי דיר טאהן כל א מיטעל,
אויף עולם הבא צונעבען א קוויטעל.
נאך מיר אבער איז קיין בעסערס נאר נישטא,
וויא אלסדינג צו געניסען, צו לעבען דא.
דיא וועלט איז וואונדער שעהן, דאס לעבען טהייער.
וואס א מאל ועט זיין איז ניט ווערטה קיין דרייער.
האב הנאה מענש כל־זמן דוא האסט נאך צייט,
עס, טרינק, טאנץ, שפיעל אין איינעם מיט אלע לייט. 78
טויט ניט, נאר, ביי דעם לעבען איטליכס אבר,
כדי צו לעבען טויטערהייט אין דעם קבר.

---

78) ישעיה כ״ב י״ג. אכול ושתה כי מחר נמות פירש״י שלא יהיה לנו חלק לעולם הבא נעשה לנו הנאה בחיינו. והרד״ק כתב ונשמח בעודנו בחיים. וכל זה ללעג ולשחוק לדברי האל. ויונתן תרגם: פרנסות לא נחי.

טומען זיך דא כדי צו לעבען אין רער ערד,
אזא משוגע׳נער איינפאל פאסט פאר א פערד,
אלא ביסט־דוא א פערד, א בהמה, פאלגסט זייא.
וועט אויסקומען דיר טאקע צו קייען הייא.
גוף און נשמה איז נאר קיין נפקא־מינא.
זיי צוטהיילען ביי מיר קיין הוה־מינא.
איז אלסדינג וויא געהעריג, קלאפט דיא מאשין,
לאפנעט עפעס ? וואו קומט איהר קלאפען אהין,
א חכם האט שוין אפגעדרוקט מיינע רייד, 79
חאטש נאר אויף שפאס האב איך דערפון קיין לייד. וו
נאר איך וויל דא נישט מעהר פילאזאפירען,
פילוסופיע קען צו קיין זאך נישט פיהרען.
איך וויל דיר נאר וויא א געניטער זאגען,
וואס האט די לייט אזוי אונטערגעטראגען,
דיך צווידלען, מיט פריסעק אפצושיטען.
דיין פלונית׳טע יודעל, זיא שטעקט אין מיטען,
פון איהר קומט עס אלסדינג ארויס, גאנץ ריכטיג,
זיא האסט שעהנע ווייבליך, איז פעפערזיכטיג.
פון איהרטוועגען וויא איך היים מעפיסטאפעל,
דארפסט־דוא זיצען פארשפארט, עסען קארטאפעל.
זיצען נאר אזוי וויא א גאנז אין דער שטייג,
וויים נישט פון א וועלט צו זאגען, קוק און שווייג.
דוא אבער האב דיין שכל, זייא נישט קיין נאר.
פע, חלעבין, אז דאס ווייב איז איין אויבערהאר.
זייא א מענש יודעל, וואס טויג מרה שחורה,
פארליר נים קיין צייט, חלעבען איין עבירה,
אונטער דיא לינדענבוימער געה ישפאצירען,
וועסט־דוא ווערען פרעהליך דיין זארג פארלירען.
דיא יפהפיה, וואס האט דיר גענעבען איהר ווארט,
שטעהט שוין פארטיג און קוקט ארויס אויף דיר דארט

---

79) קהלת ג׳, וי״ם כ״ב. שם ט׳ י׳. 80) כפירוש המפרשים שם

ט.

אין ספרים האָט מען פון אייביג אָן געשטעלט,
אז דער מענש אין גאַנצען איז א קליינע וועלט.
זיין איטליכס אבר, איטליכס גליד בעזונדער,
שטעלט פאָר א חלק פון דער וועלט גאָר וואונדער,
קענט איהר אָבער ביי דעם מענשען געפינען
דעם ים מיט אלערליי זאכען וואס דרינען?
מיט זיין טיפקייט, מיט זיינע שטאַרקע חוואליעס,
מיט זיינע שטורמווינטען, גרויסע באַטאַליעס,
מיט זיינע ווילדע בעשעפענישען אונטען,
מיט זיין לויתן דעם שרעקליך געזונטען,
ווער פון אייך קען דאס אלסדינג מיר זאָגען, ווער?
וואו איז ביי דעם מענשען דער ים וואו איז ער?
רבותים איהר שווייגט? נוא ברעכט אייך ניט דעם קאָפּ,
איך ווייז אייך איהם באַלד פון אויבען ביז אראָפּ.
א קליין שטיקעל פלייש הייגנט אין דעם מענשענ׳ס ברוסט,
אינוועגדיג אויסגעהוילט, נאָר ניט ליידיג, פוסט,
בלוט קוועלט דאָרטען בעשטענדיג גאַנצע קוואַלען,
פון דאָרט לויפט עס אין אָדערען, קאַנאַלען,
וואס פארצווייגען זיך אין דעם גוף אָהן א צאָהל,
און פלייצען אין איהם וויא טייכען אלע מאָהל.
דאָס שטיקעל פלייש, האַרץ רופען עס גרויס און קליין,
דאס איז דעם מענשענ׳ס ים, דאס איז ער אליין.
קליין איז דאָס פּיצעל האַרץ, אין גאַנצען א לעק,
דאָך פון דעם ים טיפער, ברייטער אָהן איין עק,
אויפצונעהמען זיינע געפיהלען ביינאַנד,
זיינען אלע גרויסע ימים ניט אין שטאַנד.
זיינע געדאַנקען פליהען פריי הין און הער,
פון אלע חיות אין ים שטאַרקער און מעהר.
ווען דעם מענשען געהט עפּעס אָפּ, נאָר א קווינט,
ערהייבט זיך באַלד אין זיין האַרץ א שטורעמווינט.
שרעקליכער וויא אויף דעם ים איז זיין שטורעם,
איטליכע חוואַליע הויך, גרויס וויא א טהורעם.

דאס בלוט זידט, קאָכט, חיים וויא א חעליש פייער.
דיא געדאנקען בליצען, שטיפען נאך פרייער.
געפיהלע שטופען זיך צונויף צוזאמען,
אלע פלאַקערען, ברענען, אלע פלאַמען.
דער וועלטבעריהמטער קאפיטאן, דער פארשטאנד,
צומישט בלייבט ער פלוצלים שטעהן, שטום וויא דיא וואנד.
זיין שיפעל שאָקעלט זיך, וויל קומען צום ברעג,
וואָלקענס פארשטעלען אָבער מען זעהט ניט דעם וועג.
וואויל אין דעם, וואס דער מזל האט איהם גערינט,
נישט צו ליידען אין לעבען אזא שטורמווינט,
זעהר וואויל אבער דעם, וואס האט איהם געליטען,
און האט פון שיפברוך זיך געקענט אָפּהיטען.
ער קען זאגען: האָב פארזוכט דיא מלחמה,
און ווייס איך האָב א הארץ, שכל, און נשמה.
איך ווייס, וואס איז אזוינס דעם מענשענ׳ס לעבען,
און קען אָפּגעבען דערפון רעכענונג חלעבען.
איך, איך ווייס, וואס בעטייט אזוינס: דאס הארץ גלוסט,
און וויפיעל עס קאָסט גובר צו זיין דיא לוסט.
נישטאָ אזוי פיעל פאפיר, אזוי פיעל טינט,
צו בעשרייבען דעם שרעקליכען שטורעמווינט,
וואס האט אין יודעל׳ס הארץ זיך אויפגעהויבען,
זעהר, זעהר א שרעקליכער, איהר מעגט מיר גלויבען.
עס האט גערוישט אין זיין הארץ וויא אין א מיהל,
עס האבען געליארעמט געדאנקען זעהר פיעל,
פארשידענע געפיהלע האבען זעהר גיך,
שרעקליכע מלחמות געפיהרט צווישען זיך,
ליעבע צו אנדערע און געפיהלע צום ווייב,
איידעל פארגניגען און תאוות פון לייב,
ברכה פאר דעם פאָטער, צו זינדיגען לוסט,
האבען שרעקליך זיך געראנגעלט אין זיין ברוסט
ווילדע תאוות האבען געשפרונגען, געשטיפט,
וויא דיא שלאנגען געביסען און געשפייט גיפט.
געדאנקען וויא דיא שטורמפויגעל געפלויגען.
מחנות געפיהלע נאך זייא זיך געצויגען.

אונטער יצר־הרע, דער שפירט, דער צונטער,
וואס אין א שטורעמווינט בלאזט נאך אונטער,
וואס אין א פייער מישט ער מיט דעם לעפעל,
אונטערצוניסען נאך פעך און נאך שוועפעל.
אט דער אלטער שטורמאק, דער בעריהמטער פלוט,
האט וויא דער לויתן זיך געבאדען אין בלוט.
זיינע פלאספעדערען פרייא זיך אויסגעשפרייט,
און זיך געשווימען אויף דיא חוואליעס גאנץ ברייט.
מיט אימפעטנט פון דיא נאזלעכער געבלאזען
אויף דעם פערשטאנד און אויף זיינע מאטראזען.
עס האט זיך גערידעוועט גערוישט, געקאכט.
דער מידער קאפיטאן האט שטארק זיך געפאכט
מיט דעם לויתן דעם שרעקליכען מחבל,
איינער דעם אנדערן האט דערלאנגט א גראבעל.
ביידע האבען וויא לייבען זיך געפאכטען.
איינער אין דעם אנדערן זיך איינגעפלאכטען.
ביז דער טייפעל האט געטאהן א שפרונג, א טאנץ,
און דאס שיפעלע צובראכען מיט זיין שוואנץ.
וויא א שטיין איז דער קאפיטאן טיעף געזונקען,
און האט אין דעם ים געבעך זיך דערטרונקען.
חא, חא, האט זיך געהערט א בייז געלעכטער,
דער טייפעל איז א העלד אויף דער גערעכטער!...
געליינט האט זיך דער שטורמווינט, געווארען שטיל.
אויס קריג, מלחמה. פאר דעם טייפעל דיא שפיעל.
יודעל איז ווידער לוסטיג, א וואוילער יונג,
פוצט זיך אויס, גיט צו דיא געליעבטע א שפרונג.

י.

אימליכע זאך אין דער וועלט האט צוויי זייטען:
מען קען עס גרינג אזוי און אזוי דייטען.
אויף שלעכט קען מען זאגען גוט און אויף גוט שלעכט
אויף רעכט איין עולה און אויף איין עולה רעכט.
אין דער פאליטיק, דאס הייסט דרך ארץ

איז מען אָפּט מטהר בק״ן טעמים א שרץ.
איינער ווערט א מלאך־המות און שעכט.
קוילעט אויס א מדינה און בלייבט נאך גערעכט.
דער קלוגער מענש איז פעהיג זיך צוקעהרען,
אי א מלאך אי א טייפעל צו ווערען.
מען דארף א שטארקער פריינד פון דעם אמת זיין,
טאקי זעהר עהרליך, זעהר דעליקאט און פיין,
ארויסצוזעהן דעם אמת גאנץ ריין און קלאהר,
און נישט אָפּטרעטען פון יושר אויף א האאר.
מען מוז בערעכענען איידער א טרעט מען גיט,
פון מלאך צו זיין ביז טייפעל איז איין טריט.
ווער עס נעהמט זיך פון רעכטען וועג א קאפּ אוועק,
נעהמט פון נארעשקייט צו נארעשקייט אָהן איין עק.
ס׳איז גאָר נים מעהר דער יודעל, האקט איהם און בראָקט.
זינט ער איז פארפיהרט, איז גאָר זיין הארץ פארשטאָקט.
דיא אויגען שווער צו זעהן, דיא אויערען צו הערען, 81
זיינע נארעשקייט הייבען אָן פיעל צו ווערען.
הייבט אָן אויפצונעהמען נארעשע זאכען,
וואס א מאל פלעגט ער אליין פון זיי לאכען.
גלויבט אין שדים, אין טהייערע מצאָצע, 82
גלויבט אין לאָקש, אין בוידעם, אין האָצע קלאָצע,
האט בעשטענדיג צו טאהן מיט כישוף מאכער. 83
טרעפט זיך איהם עפּעס, לויפט ער צו א זגאבער.
חלומות ליינען איהם אויס מכשפה טעם, 84
אלטע באָבעס זיינען זיינע רופא׳טעס,
דער טאָטער גיט איהם קמיעות, שמירה׳לעך.
עפּעס אזעלכע מיני פּאפּירעליך.
זיינע אמת׳דיגע פריינד און זיין פּאָטער,
האָרכט ער אקוראט וויא דעם ראבען קאָטער.
יודלען האט א מאָל זיך נעחלום׳ט אין שלאָף,
וויא ער איז פון א מענש געווארען א שאָף.

81) ישעיה ו׳ י׳. 82) תהלים ק״ו ל״ז. 83) דברי הימים ב׳ ל״ג ו׳.
84) יחזקאל י״ג כ״ג. ירמיה כ״ג כ״ז.

אין דער מדבר אָהן א פאסטוך זיך פאראירט, [85]
האבען איהם דאָרטען א טשאטע וועלף דערשפירט.
זייערע ציין שארף, פון זייערע אויגען
זיינען פונקען פייער שרעקליך געפלויגען.
וויא זיי ווילען איהם אָננעהמען ביי דעם עק,
קומט אימיצער און חאפט איהם געשווינד אוועק.
ער האט איהם געמאָלקען, זיין מילך געגעסען,
איהם אליין צו פיטערען גאָר פארגעסען.
איז געקומען איינער איהם אוועק געפיהרט,
געשאָרען זיין וואָל, דערמיט זיך אויסגעציהרט,
אָן איהם אליין אבער זיך גאָר פארגעסען,
צו געבען איהם א שטעלבען, עפעס עסען.
איז געקומען נאך איינער קויפט איהם אוועק,
בעטראכט איהם און טאפט איהם פון קאָפ ביז דעם עק.
איהם צו פיטערען האט ער ניט פארגעסען,
כדי פעטערהייד איהם דערנאָך אויפצועסען,
איז געקומען דער שוחט חאפט איהם ביים קאָפ,
לייגט איהם אויף דער ערד אנידער וויא א סנאָפ,
שטרעקט איהם דאס העלזעלע אוים און פליק, פליק, פליק,
ניט א פיהר מיט דעם חלף, וויל מאכען חיק...
דא האט מיין יודעל פלוצלים זיך אויפגעחאפט.
דעם האלז, דעם קאָפ איטליכס אבר זיך געטאפט,
פונ׳ם חלום איז איהר אויף דער הארץ געווען שווער,
איז פארטראכט ארום געגאנגען הין און הער,
געטראכט, דער חלום איז עפעס גאר ניט גלאט,
און האט שרעקליבע צרות, יסורים געהאט.
צו מכשפים האט איהם דער רוח געטראגען,
וואס בעטייט דער חלום לאזען זיי זאגען,
לאזען זיי איהם אויפקלעהרען דיא גאנצע זאך.
מיט חלומות גיבען זיי זיך אָפ א סך. [86]
דערפון האבען זיי דאך זייער זאלץ און ברויט, [87]

---

85) ירמיה ג׳ ו׳ ד׳. 86) ירמיה כ״ג, כ״ז ל״ג. 87) יחזקאל [illegible]
[illegible] ג׳ י״א.

לאזען זיי איהם דריבער ביישטעהן אין דער נויט.
„שלום צו דיר, זאגען דיא מכשפים, שלום. 88
דוא האסט יודעל געזעהן א גוטען חלום.
וואס ביסט א שעפעלע געוואָרען בעטייט,
דוא וועסט רייך זיין, פון דיר וועלען לעבען לייט,
דוא וועסט האָבען שפע, ברכה אין איינעם,
מען וועט דארפען צו דיר, דוא נישט צו קיינעם.
דער פריץ וועט הייצען דיא רובע ביי דיר,
וועסט טאקי ניט שמעקען צו איהם אויף דער טהיר,
דוא בעדארפסט זיין שטאל, זיין שטוב אויף כפרות.
דיינע משרתים וועלען זיין פריצים, שררות.
זיי וועלען דיר אלע אין דער האנד קוקען,
פאר א גראָשען אלע צו דיר זיך בוקען.
איטליכער וועט וועלען, דוא זאלסט זיין זיינער,
צום געבען ביסט־דוא א מחותן א פיינער,
דורך דיין גאָב וועט יעדער זיין א וואוילער יונג,
וועט לעבען, זיך פוצען, טאָהן א טאנץ א שפרינג.
קורץ, יודעל, האסט געזעהן א גוטען חלום,
טראכט נאר נישט איבער, שלום צו דיר שלום.
דיא וועלף, זעהסט־דוא יודעל, זיי בעטייטען פיינד,
דאס זיינען דיין טאטענס קלאָמערשט גוטע פריינד,
וואס עפענען אויף דיר תמיד אויף א ברייט מויל
און איינצושלינגען דיך, זיינען זיי ניט פויל.
דעריבער איז רעכט דעריבער טאקי גוט,
דוא זאלסט זיך באָדען, יודעל, אין זייער בלוט״.

יא.

דער טרוים איז יודלען פאָרט נישט ארויס פונ׳ם קאָפּ,
ער איז פאר פחד פון דעם פנים אראָפּ.
ער ליגט, דאכט זיך איהם, אויסגעשטרעקט אויף דער ערד,
און דער שוחט וויל איהם קוילען מיט זיין שווערד.

---

88) ירמיה ד י״ג. יחזקאל י״ג ח.

א מאָל דאכט זיך איהם שטעהט ער איינער אליין
און וועלף קריצען אויף איהם מיט זייערע ציין.
„פון וועלף הייסען זיי פטור צו ווערען גיך,
דאס זיינען פיינד, טענה'ט ער אליין מיט זיך.
נאר גאָט ווייס אבער וועלכע זיינען דיא פיינד?
זיי זאגען: דיא וועלף זיינען דעם טאַטענס פריינד.
פון יענע אבער הער איך אלץ איין געשריי:
אז דיא וועלף, דיא לייבען זיינען זיי, נאר זיי״. 89
יודעל ווערט עפּעס מסופק, קראצט דיא פאה
און הייבט אָן זיך צו שלאגען מיט דיא דעה.
בשעת א הבל'ניק ווערט אויף דעם הארץ שווער
ווארפט ער זיך בעשטענדיג אהין און אהער.
„וואס טענה'סט־דוא אזוי, וואס איז דיר שאַפעל?״
קומט פלוצלים אריין מיט שפּאס מעפיסטאָפעל.
פון נעכטען אָן זעהט מען דיך ניט אויף דער גאס,
זעהסט עפּעס אויס ווייא א בית־מדרש'ניק בלאס.
א קשיא, יודעל, וואס אויף דער וועלט קען זיין,
עס ציהט דיך אפשר אין בית־מדרש אריין?
אפשר יודעל, ציהט עס דיך שטארק ווייא מיט א שטריק?
צו יענע קלויזנער טאקי ווידער צוריק.
מיט זיי צו דאווגען, צו געהן מיט דיא טאצען.
א יודישע נשמה קען מען נישט שאצען.
קיינער חלילה האלט דיך נישט אויף א קעט,
דוא האסט אבער זיך מישב געווען צו שפּעט.
צו גוטע פריינד איז קיינמאל נים שפעט צוריק,
האט יודעל אונטער דער נאָז געענטפערט קריק...
זעהר גוט, זאגט מעפיסטאָפעל, טאקי ריכטיג,
נאר געהט מען צו פריינד, איז צו וויסען וויכטיג...
„דיינע רייד, זאגט יודעל, האבען צוויי זייטען,
איך ווייס חלעבען נים ווייא איך זאל זיי דייטען.
מיינסט־דוא יענע לייט זיינען מיר קיין פריינד נים,
אדער, נישטא גאר קיין פריינד, מיינסט־דוא דערמיט.

89) יחזקאל כ״ב, כ״ח כ״ז. צפניה ג׳ ג׳.

דוא רוקסט אָפּט אריין א ווערטעל פון דער זייט,
דאכט זיך נאר נישט, עס צילט אבער שרעקליך ווייט...
בפרט ווען איך מעפיסטאָפעל רעד מיט דיר,
ווען עס ריידען אזעלכע קלוגע וויא מיר,
דוא בימט יודעל א מבין אויף א וויצעל,
קענסט אין יענעמ׳ס רייד פאלען אויף דעם שפּיצעל.
מיט דיר בעדארף מען ווייניג צו טאהן האבען,
האָסט געטראָפען וויא דער הונד ליגט בעגראבען.
איך מיין טאקי ביידע זאכען אין איינעם,
גוטע פריינד איז חלעבען נישטא ביי קיינעם.
בראָש גלויבסט דוא נאך אין פארשימעלטע זאכען,
וואס אין אונזער צייט מוז מען דערפון לאכען.
דוא גלויבסט נאך אין אלטע מעשיות, זעה איך,
אז אין דער וועלט האט מען יענעם ליעב וויא זיך.
ווער שמועסט נאך, מיינסט־דוא יודעל, מאן און ווייב.
דאס איז טאקי פשוט, וויא מען זאגט, איין לייב.
פריינדשאפט, ראמאנען שטעהן נאר אין דיא ביכער.
בוסטע רייד יודעל, מעגסט מיר גלויבען זיכער.
פרווו נאר דיין פריינד צו קרימען עפּעס א האָאר,
וועט ער דיך אָפּשיקען צו אלדע שווארץ יאהר.
איטליכער אויף דער וועלט זוכט נאר וואס איהם טויג,
טויגסט־דוא יענעם, באלד האט ער אויף דיר איין אויג.
שארט זיך צו דיר צו מיט זיסע, גוטע רייד.
זאגט: איך און דוא איז חלעבען קיין אונטערשייד.
דיר פאר זיין קנעבט צו מאכען מיינט ער דערמיט,
בין אין דיא זאכען ברוך השם געניט.
דוא ווידער צוריק מאכסט זיך קלאָמערשט צום תם,
און זאגסט נאך אויף אלע זיינע ווערטער באָם.
דער רוח, טראכסט דוא, האט מיך נישט גענומען,
נאר מיך נישקשה, וועסט מיר צוניטץ קומען.
נאר מיך, נאר מיך נישקשה, קאפּ אָן דער וואנט.
איך וועל דיר שפּעטער דערטאפּען אין דער האנד.
הכלל איטליכער פון אויבען ביז אראָפּ
איטליכער אויף דער וועלט נארט דעם אנדערן אָפּ.

אפילו דיא מענשען פון דיין הויזגעזינד,
א קינד א פאטער און א פאטער א קינד,
מענער דיא ווייבער און ווייבער דיא מענער,
מען וויל גאט אפילו נארען, נאך שעהנער.
יענער גלויבט, נאט איז א יודע לבבות
און נארט איהם פארט אלץ מיט פאלשע מחשבות.
וויל גאט אויף דער וועלט חאפען מיט שטוקעס,
אויסנארען אלץ ביי איהם מיט הוקעס פוקעס.
זאלסט יענעם וויא איך אין הארץ אריינקיקען,
וואלסט־דוא פשוט פאר גלעבטער זיך שטיקען.
וויא ער טענה׳ט מיט גאט, פאלט אויף הסברות,
אויסצומאנטען ביי איהם גליק אנשטאט צרות.
וויל אנפייפען דעם רבונו של עולם,
עפעס וויא ער האט צו טאהן מיט א גולם.
ליבע, פריינדשאפט, דאס זיינען פוסטע זאכען,
רעד גאר ניט יודעל, מען וועט פון דיר לאכען.
ביי דיא היינטיגע יונגע לייט, גאט בעהיט,
וועסט־דוא הייסען אטסטאלי, פונ׳ם אלטען שניט...
א דאנק דיר מעפיסטאפעל פאר דער בשורת.
ענטפערט יודעל מיט א פארקרימטע צורה.
קיין גוטע פריינד, זאגסט דוא, זיינען גאר ניטא,
וואס טהוט מען, אך, מיט דיא פיינד וואס זיינען דא ?
איך פרעג דיר, מעפיסטאפעל, וויא א רעבען,
לערען מיך מיט פיינד וויא אזוי צו לעבען...
שמערט אימיצר צופיעל, ווערט אונערטרעגליך,
איהם מח מען פטור ווערען גיך וויא מעגליך.
דאס לעבען אין גאנצען איז א מלחמה,
מען טהוט אלסדינג צו דערהאלטען דיא נשמה.
איינער זוכט דעם אנדערען צו פארטרייבען,
בכדי ער זאל אויף זיין ארט איבערבלייבען.
קוק אריין אין דער נאטור, לייג צו מוח,
וועסט־דוא זעהען, יודעל, דארט הערשט נאר כח:
אלערליי בעשעפעניש פון גרויס ביז קליין,
איינער ביים אנדערן וויל אפלעקען א ביין.

אימליכער אין דער וועלט מאכט יענעם דעם טוים,
בכדי איהם אויפצועסען געשמאק פאר ברוים.
פון אויבען איז דער שטארקער, דער געזונטער,
דער שלאפער נעבעך איז תמיד דראונטער.
צו דעם וואָלף ווערט דאס שלאף שעפעלע א רויב,
צו דעם אָדלער דיא גוטע דיא פרומע טויב.
דיא שפין וועבט נעצען צו דערטאפען דיא פליג.
קורץ, אייביגע מלחמות שטענדיגע קריג.
פון אייביגע צייטען איז אזוי געשטעלט,
אז כדי צו לעבען שלאָגט זיך דיא גאנצע וועלט.
עס פארשטעהט זיך אז דער מענש אויך אין מיטען
שלאָגט הארגעט, כדי זיינע ביינער צו היטען...
אָט אזוי יודעל בעדארף מען צו לעבען,
ווילסט־דוא פאָלגען מעפיסטאָפלען דעם רעבען.
כל־זמן יודעל דוא קענסט דיר נאך העלפען, העלף.
היט זיך צו זיין א שעפעלע צווישען וועלף.
וועלף זיינען יענע פיסקאטשעס, יענע לייט,
וואס זידלען, פאלען אויף דיר אָן אלע צייט.
יודלען זיינען דיא ווערטער אין קאָפּ אריין
און זיך פאָרגענומען זיי מקיים צו זיין.
א מאָל אז איינער פון דעם טאטענ׳ס חבריא,
האט אין יודעל׳ס הויז געזאגט א ריידע א פרייע,
איידער נאך וויא ער האט געענדיגט זיין וואָרט,
האט איהם יודעל דערשטאָכען באלד אויף דעם אָרט.
ווייט אין דער וועלט איז דענסמאָל ארויס א קלאנג,
אז זיין בלוט האט געזאָטען דארט יאָהרען לאנג. 90

יב.

אָט צו וואס דער טייפעל ברינגט, וויא ער פארפיהרט.
ניט מען איהם דעם פינגער וויא וויים מען פאראירט.
זעהר דין זעהט תחלת אויס דיא זינד אויף דעם בליק,

90) גיטין נ״ז ב׳ דמיה דזכריה דהוה קא מרתח.

וויא שטריק פון א וואָגען ווערט זיא דערנאָך דיק. 91
יודעל פאַרקריכט גאנץ ווייט, ווערט א גרויסער פלוט,
שאַסטעט, ברייננט אויס און דערנאך פאַרגיסט ער בלוט.
זיין אימעניע איז געוואָרען אָפּגעלאָזט.
דאס גאנצע באַלבאַטעשסייט פאַרוואָהרלאָזט.
נישט געאַקערט געזייט זיינען דיא פעלדער,
דיא בעסטע בוימער אויסגעהאַקט אין וועלדער.
וויינגערטנער שטאַרק וויסט, זייער צוים צובראָכען,
קינד און קייט איז תמיד דאָרט געקראָכען.
גראָז קראָפּיווע זיינען געוואַקסען זעהר פיעל. 92
צווישען זיי געשפּרונגען געשווישטעט דיא גריל.
וויינטרויבען און גאָרטענוואַרג, ווייץ און קאָרען.
דאס אַלסדינג איז וויא פאַרשווינדען געווארען.
דאָרט אויף דער וויסטער פּאשע זיפצען דיא קיה.
נאָך א גרעזעלע לעכצען נעבעך דיא פיה.
שעפעלעך מעקען, ציגען ליגען פאַרוויסט,
ליידיג און איינגעשרומפּען זייערע בריסט.
אָקסען שרייען גראבען אונטער זיך דיא ערד,
מיעד מיט פאַרלייגטע קעפּ שטעהן נעבעך דיא פערד.
טשערעדעס שאָף בהמות אָקסען און רינדער,
אלע געווארען ווייניג אלע מינדער.
ווייניגער יודעל׳ס הכנסות פריהאָדען,
גרעסער ווערען דיא הוצאות ראַסחאָדען.
בכדי צו לעבען צו קומען אין דער וועלט,
דארף מען צו האבען געלט, געלט און ווייטער געלט.
צו זיין אין דער מאָדע צו זיין ווילקאָמען,
כדי אין דער וועלט צודערהאַלטען דעם נאמען.
כדי צו זיין דיא נשמה ביי אלע דאַמען,
צו געפעהלען דער טאכטער אי דער מאמען.
כדי יענער זאל בעגעגנען מיט א פארביינ,
זאָל דערביי זים שמייכלען, ווייך זיין וויא א טייג.
כדי פאַרבעטען צו זיין אומעטום צו גניסין,

91) ישעיה ת׳ י״ת. 92) שם שם ט׳ ר׳

צו זיין אויף אלע חתונות און בריתין,
כדי צו הייסען אין דער וועלט מחותן, פעטער.
צו זיין א מבין, אויף אלסדינג א מעטער.
כדי בעטראכט צו ווערען וויא איינער וואס נוצט,
מוז מען שאסטען, וויא א טאָק זיין אויסגעפוצט.
אויסבריינגערייא, פוץ, אָט זיינען דיא מיטעל
צו געפעלען און צו קריגען א טיטעל.
בכדי יענעם דיא אויגען צו פארבלענדען,
האט יודעל געמוזט אויף פיעל געלט פארשווענדען.
פון זיין קאסע פאמעליך געשלעפט, געשלעפט,
ביז זיא האט וויא א קרעניצע זיך אויסגעשעפט.
א מאָל האט אין הויז זיך געמאכט א וועטהיג,
וואס דערצו האט מען בעדארפט געלט זעהר נעטהיג.
האט מען געמוזט, אבי ארויס פון דער נעץ,
אוועקגעבען דיא טיהרען פון דעם דוואָרעץ. 93
יודעל איז צום סוף אזוי ווייט פארקראָכען,
אז זיין פאטער האט שוין דאס שטארק געשטאָכען.
זיין כעס האט געברענט וויא א פלאם פייער,
וואס צינד אָן א הויפען הייא, שטרוי אין שייער.
גליהענדע קוילען געוועזן זיין יעדער קיק,
האט וויא א לייב געגעבען א ברום, א היק.
אז דיא וענט האבען געציטערט פון דעם הילך,
ביי איטליכען ענטפאלען דער מאמעס מילך.
פון איינעם צו דעם אנדערען עק דוואָרעץ,
האט שטארק געהילכט, וויא א דונער גיט א זעץ.
צום הימעל האט ער זיין האנד אויפגעהויבען,
ביי מיין לעבען שווער איך, איהר מעגט מיר גלויבען,
דא אין דוואָרעץ איז פאר מיר קיין וואָהנונג מעהר,
הימעל און ערד זיינען עדות וויא איך שווער,
יודלען אומווירדיג איך און זיין דוואָרעץ פיינט. 94
נענוג, דא איז פאר מיר מעהר קיין וואָהנונג היינט.
אין מיין רוח אריין וועל איך צוריק קעהרען,

93) תלים ב׳ ו״ח פ״ז. 94) עמוס ד׳ ח׳.

ביז יודעל וועט פארשטעהן, וועט בעסער ווערען. 95
וויא אזוי דער אלטער טרעט אָפּ צו הערען,
שטעלען זיך חלעבען אין דיא אויגען טרעהרען.
נישט באלד, פלוצלים האט ער דעם זוהנ׳ס הויז פארלאָזט.
ניין, דאס אוועקגעהן האט איהם פיעל מיה געקאָסט.
ביסלעכוויים האט ער זיך דערווייטערט פון דאָרט,
זיך אזוי געריקט פון איין אָרט צום אנדערן אָרט,
ער האט פריהער געמאכט אזעלכע צעהן נסיעות, 96
זיך גערוקט אלץ ווייטער און געמאכט שיהות,
אין דער האָפנונג טאמיר ווערט יודעל גוט, פרום,
קעהרט ער בשמחה אין זיין הויז זיך צוריק אום. 97
ער האט, דערצעהלט מען, שרעקליך געוויינט פאר שמארץ,
אויף יודעלען האט איהם פאָרט געריסען דאס הארץ,
אָך, האט ער געקרעכצט, אז אָך און וועה און ווינד.
ביים שיידען זיך אי דעם פאָטער אי דעם קינד. 98

יג.

אז יודעל האט צום סוף פארלאָרען זיין געלט,
איז ער אוים מיוחס געווארען אין דער וועלט.
דיא פריהערדיגע זיינע גוטע ברידער,
זיינען מיט איהם געווארען קידער ווידער.
אלסדינג וואס פריהער פלעגט מען דערפון אָנקוועלען,
איז איצט איטליכען שוין מעהר נישט געפעלען.
איז ביי איטליכען געווארען צום געשפעט,
איטליכער האט אויף איהם אויסגעזוכט א חטא,
אז ער איז א פאלשער מענש מיט א טרייף מויל,
ער פרעסט, זויפט, און צום ארבייטען איז ער פויל.
וואס ער איז אָרים איז נאכדעם גאר קיין וואונדער,
האט זיך אָפּגערופען יעדער בעזונדער,

---

95) תושע ח׳ ט״ו. 96) ראש השנה ל״א א׳. 97) שם שם. פתיחתא איכה רבתי. 98) מה לו לאב שהגלה וכו׳ ואוי להם לבנים שגלו וכו׳, ברכות ג׳ א׳.

דאס אלסדינג, וואס מען האט גערעדט און געלאכט,
וואלט יודלען נאך אזוי פיעל נישט אויסגעמאכט,
ווען עס זאל נים געוועזען פון יענע רייד
ארויסשפרינגנען פאר איהם פיעל צרות און לייד.
זיינע שכנים אין הארץ איהם תמיד שלעכט,
האבען אויסגעזוכט אלטע זכיות און רעכט:
יודעל׳ס גוט, פון וועלכער ער האט זיך דערנעהרט,
האט א מאל זייערע עלטערן געהערט.
זייערע זיידעס זיינען דארט געזעסען,
גע‍זיים דיא פעלדער, דיא תבואות געגעסען.
יודעל האט דעם מאיאנטעק מיט פעלד און וואלד,
ביי זיי נעבעך צוגענומען מיט געוואלד. 99
געדופעט אויף זיין טאטענ׳ס גרויסען כח,
אויף זיין חכמה און אויף זיין גרויסען מוח.
אויף דעם סמך האט יודעל זיי פארטריבען,
און אליין אהער זיך אריינגעקליבען,
א טהייל פון דיא ערשטע און אלטע שררות.
זיינען נעבעך געשטארבען מחמת צרות.
יודעל האט מיט זיי געפיהרט א מלחמה,
ביי זיי פשוט צוגענומען דיא נשמה. 100)
א טהייל האבען אנגעפאקט אלץ אויפ׳ן וואגען
און אוועק וויים וואהין דיא אויגען טראגען. 101
א טהייל זיינען אויף צינש געבליבען זיצען, 102
און געמוזט פון שווערע אפגאבען שוויצען.
מילא צו וואס דא א סאך טענה׳ן, בקיצור,
יודעל איז נים דער רעכטער גוטבעזיצער.
נאר אויף א קליין פעלד מיט איין אלטען בנין,
פערוואלגערט זיך ביי איהם עפעס א קנין. 103
מען האט נאך דיא ארחיווע איבערגעמישט,
און א גאנץ אלטען חטא אויף איהם אויפגעפרישט:

---

99) הלא אומה של בזוזים אתם וכו׳. בראשית רבה פ״א. 100) דברים רבה פ״ת. 101) שם שם. מי שמבקש לילך ילך לו. 102) שם שם.
103) בראשית כ״ג, י״ז י״ח.

■ מאָל האט ער, יודעל, געבאָרגט אין איין אָרט,
זילבער, גאָלדוואַרג און קליידער אויף עהרען וואָרט,
איז דערמיט אין גאַנצען, אין מיטען דער נאַכט,
אנטלאָפען גאַנץ געשווינד און פּלטה געמאַכט. 104
נאָך אזעלכע חטאים גאר אהן א צאָהל,
האט מען אויף יודלען אויסגעזוכט אלע מאל.
יודעל איז פארדאָרבען, ער איז ניט קיין לייט,
האט מען שטארק געשריגען פון איטליכער זייט.
מען טאָר אסור ניט שווייגען, מעהר ניט שלאָפען,
אזא שלעכטען שכן מוז מען בעשטראפען.
א פּראָצעס איהם צו מאכען איז געבליבען,
און אויף איהם א סאך פּראָשענעס געשריבען,
מיט דעם פּראָצעס האט פּראָסט דיא וועלט זיך געווינט,
אויף יודעל'ס קאָפּ א חמאָרע זיך אָנגעריקט,
טשינאָווניקעס אויסגעוואקסען פיעל וויא גראָז,
זיינען געקומען איהם אָנרייבען א נאָז. 105
יעדער האט געוואָלט א ביינדעל אָפּלעקען,
יודעל'ס נאָמען פון דער וועלט אויסצומעקען.
איינער, דענסמאָל דיא וועלט שטארק אויפגעבורעט,
האט איהם מעהר פון אלע א קריזש געדורעט. 106
איבער אלע האט ער געהערשט מיט צאָרען, 107
איטליכער איז פון איהם פארשווארצט געוואָרען.
איז געווען א גרויסער פּריץ, א ריצער,
אין יענער צייט דער גרעסטער גוטבעזיצער.
ביי איין פּריץ מיט א הינקענדיג פיסעל,
האט ער צוגענומען זיין גאַנצען שליסעל,
וואס ער ליגט צווישען צוויי בעריהמטע טייכען, 108
אין דעם גאַנצען קאַנט ניטא זייער גלייכען.
קיינער וויא ער אזוי ניט ליעב געהאט געלט, 109
ער האט געוואָלט פארנעהמען דיא גאנצע וועלט.

---

104) סנהדרין צ"א א'. ובלי ספק האשמה ההיא מוצאה מימי קדם וכבר
וכבר היתה לעולמים. 105) מלכים ב' כ"ד ב'. 106) שם שם ו'.
107) ישעיה י"ד ו'. 108) מלכים ב' כ"ד ז'. 109) שבת קמ"ט ב'.

פריצים שרדות האבען איהם געצאָהלט ראַטע,
אויב ניט האט גאט בעדאַרפט זיין זייער טאַטע.
האט אויף זיי אנגעשיקט א גאנצע ראָיע
זעלנער, ווילדע לייט, איין עם לא־היה. 110
אָט דער אכזר דער בעריהמטער אָנהאַפער,
איז געוואָרען אויף יודעל׳ס בלוטפערצאַפער.
לעת־עתה, נאָך איידער וואס, נאָך איידער ווען,
נאָך איידער עס איז עפּעס וואס גאָר געשעהן,
האט ער שוין אין דעם עסק געטאָהן א פּאָהר,
אז יודעל האט איהם ראַטע געצאָהלט דריי יאהר. 111
יודעל ביסט איין ארענדאר, רעכט אויף דיר, רעכט,
האסט ניט געוואָלט זיין א האר, זייא־זשע א קנעכט.
מזל טוב מיט דיין אָרענדע דער נייער,
צאָהל ראַטע יודעל, ביז דעם לעצטען דרייער.

יד.

יודעל האט דענסמאל קיין האניג ניט געלעקט,
שרעקליך נישט גוט האט זיין משפט זיך געעקט.
יעדער שכן האט געוואָלט זיין מפלה.
איהם אָפּקוילען, איהם אָפּשניידען א פּאָלע.
„דאס איינציג מיטעל קען פאר דיר יודעל זיין,
כדי פּטור צו ווערען פון צרות און פּיין״.
האט געבעטען רחמים, גערעדט מיט פּייער.
איינער פון זיין טאַטענ׳ס פריינד א געטרייער.
„דוא זאלסט בלייבען איין ארענדאר לעת־עתה,
דינען דעם גרויסען פריץ צאהלען ראַטע. 112
ער איז א מאָנארכע זעהר א געזונטער,
קען מען נישט אריבער מוז מען ארונטער״...
יודעל אבער איז געוואָרען אויפגעבראכט,
דעם דאָזיגען פריינד פאר זיין פיינד גאר בעטראכט.
זיינע פאלשע פריינד איהם נאך אונטערגעהעצט.

---

110) ישעיה כ״ג י״ג. 111) מלכים ב׳ כ״ד א׳. 112) ירמיה כ״ז י״ב י״ג.

און איהם נעבעך אין דער תפיסה איינגעזעצט,
דארטען האט מען דעם פריינד געפייניגט צום טויט,
און איהם געשפייזט מיט א דאר שטיקעלע ברויט. 113
שפעטער איהם אריינגעוואָרפען אין א לאָך, 114
דערפאר וואס ער האט געראָטען געהן אין יאָך.
זעהר שטאָלץ איז ביי זיך יודעל פון אייביג אָן,
רעכענט אויף זיין יחוס זיין גילדענער פאָהן.
כל־זמן ביי איהם איז נאָך געווען דער פאטער,
האט קיין פריץ קיין יון און קיין טאָטער
נישט געקענט מיט א האָזע אין זיין הויז קומען. 115
פאר זיין בליק האט א פחד אנגענומען.
אהן דעם גרויסען פאטער אבער, אבער היינט,
איז אין יודעל׳ס דוואָרעץ אַך, אריין דער פיינט.
ער איז אריין מיט א גאנצער קאָמאנדע.
מיט טשינאָווניקעס, סאלדאטען א באנדע.
געזידעלט, געשאָלטען, גראָבהייטען גערעדט.
געפילדערט און געלייענט יודעל׳ס דעקרעט.
טשינאָווניקעס, סאלדאטען, מיליטער, היי,
האט ער דארט קאָמאנדעוועט מיט א געשריי.
מיט אימפעט האט אזוי וויא א שטורעמווינד,
דיא קאָמאנדע זיך אלאָז גטאהן געשווינד.
אלערליי זאכען אין הויז געלאפט, געהאפט,
איטליכעס ווינקעלע בעזונדער אויסגעטאפט.
זיינען וויא דיא רוחות געלאָפען, וויא שלעק.
איינער מיט האמער, דער אנדערער מיט העק.
געקלאפט, געשלאגען, געריסען דיא טהירען, 116
געלאזט דיא הענד אביסעל זיך צופיהרען.
געשריגען, געליארעמט, אלסדינג געבראָכען,
געהאקט, געבראקט, געווארפען און געשטאכען,
איינער דעם אנדערען געשטופט געשטויסען.
נישט צו דערקענען דעם קליינעם פונ׳ם גרויסען.

---

113) שם ל״ז כ״א. 114) שם ל״ח ו׳. 115) פתיחתא איכה רבתי.
116) תהלים ע״ד ו׳.

אומעטום גערויבט, געמאכט לידיג און וויסט,
פהייערע כלים זיך געוואלגערט וויא מיסט.
אין מיטען גערידער האט געטאהן א זעץ,
און אין פלאם פייער געשטאנען דער דוואָרעץ!
עס זיינען געפלויגען פייערדיגע צונגען,
דיא דעכער געקנאקט, דיא פענסטער געשפרונגען.
דיא חברים יודעלים זיינען ביי דעם שמארץ,
זיך געשטאנען אלע מיט א פרעהליך הארץ. 117
אין דער גרויסער מהומה אויסגעשטרעקט דיא הענט,
אויך גערויבט וויא וויט זיי האבען נאר געקענט.
איטליכער האט געזאגט, איך פרעה מיך, איך קוועל, 118
יודעלים הויז געווארען א חורבן, א תל,
דער שררה האט זיך פארנומען יודעלים גוטץ, 119
שעהן מעביל, כלים, טהייער געפעס און פוטץ.
טעפ, קאָטשערעס, בעקענס, פענדלעך און לעפעל.
לייכטער, שנייצערלעך, וואו ערגעץ א שעפעל.
האט צוגענומען אפילו א ווילקע
האק און פאק, נים איבערגעלאזט קיין שפילקע,
יודלען אָנגעטאָהן גראָבע, שווערע קייטען,
אנגעזאגט סאלדאטען איהם צו בעלייטען,
מיט דעם עטאפ אוועקצופיהרען גאנץ וויט,
דארט מיט איהם צו לערנען בלק א לאנגע צייט.

טז.

פינסטערע וואלקען, וויא שווארצע פאָרהאנגען,
זיינען איבער יודעלים דוואָרעץ געהאנגען.
גלייך וויא דער הימעל האט געפיהלט יודעלים לייד,
און אין טרויער זיך אנגעטאהן א שווארץ קלייד.
הימעל און ערד זיינען, האטש פון איינאנדער וויט.
ברודער און שוועסטער געבאָרען אין איין צייט.

---

117) עובדיה א׳ י״א י״ג. איכה א׳ כ״א. 118) יחזקאל ל״ו ג.

119) ירמיה נ״ב י״ח י״ט.

דריבער הערט מען תמיד וויא דער עולם זאגט:
ווען דיא אומגליקליכע שוועסטער, דיא ערד, קלאגט
בעקומט דער ברודער אויף א טרויריג געזיכט,
פינסטער ווערט זיין פנים, טונקעל ווערט זיין ליכט.
דעריבער ווען דיא ערד בעליידיגט איהר קינד,
ווען דעם מענשען נעבעך איז שלעכט, וועה און ווינד.
דענסמאל שרייט ער צום הימעל, שרייט וויינט זעהר אפט,
בעט רחמים וויא איין איינענער, בעט און האפט.
יודעל׳ס חורבן האט דער הימעל בעדויערט,
הימעל און ערד ביידע האבען געטרויערט.
פון דעם דוואָרעץ, דעם טהייערען און ליבען,
איז נישט מעהר וויא א הויפען אש געבליבען,
אלסדינג פארברענט, אלסדינג חרוב און צושטערט,
אלסדינג תל, האָרנעם־קאָרנעם איבערגעקעהרט,
אלסדינג וואס דעם פיינד נישט געווארען צום רויב,
האט דאס פייער געמאכט צו אש און צו שטויב.
אומעטום האלאָוועשקעס, שטיינער און גיפס,
וויא א בית־עולם שטיל, מען הערט ניט קיין פיפס.
צווישען רויבערדיגע האלאָוועשקעס דארט,
פאראומערט, פארטראכט נישט צו ריידען א וואָרט,
דרעהט זיך איין אלטער מאן הין און הער ארום,
שווייגט, רעדט נישט, גיט נאר א מאל א קרעכץ, א ברום.
דער אלטער איז אין גאנצען וויא דיא וואנד טויט,
זיין פנים בלאס, זיינע אויגען פייער רויט,
פול מיט קנייטשען זיין שטערען, זיינע באקען,
דער קאָפ שאָקעלט זיך אויף זיין האלז און אקען,
זיין גרייז גרויער באָרד, זיינע האָר פון דעם קאָפ,
פליהען שטארק צו פלאָסען ארויף און אראָפ,
דער אלטער, דאס איז יודעל׳ס איינציגער פריינד,
ועלכען ער האט געהאלטען פאר זיין בלוט פריינד,
וועלכען ער האט אין דער תפיסה איינגעזעצט,
און אין א גרוב אריינגעווארפען צום לעצט.
דער אלטער, וואס האט געליטען זעהר פיעל שמארץ,
ער נעהמט עס דא איצט מיט א צובראָכען הארץ.

ער נעהט מרה־שחורה׳דיג, זעהר פארביטערט,
זעהט פאר זיך דעם גרויסען חורבן און ציטערט.
ער נעהט פאמעלעך, ריהרט זיך קוים וויא א קינד,
זיינע נעדאנקען אבער פליהען נעשווינד.
ער רעדט נישט קיין ווארט, ער נעהט איינגעבויגען.
עס שרייט אבער זיין הארץ, ריידען דיא אויגען.
זאל דאס געשריי איהם ארויסגעהן פון דעם מויל,
וואלט נעהילכט פאר אימפעט מעהר וויא פון א קויל.
זאלען טרעהרען איהם פון זיינע אויגען געהן,
וואלט מען פון פיעל וואסער נישט געקענט איינשטעהן
דעם מענשענ׳ס הארץ איז בטבע אזוי געשטעלט,
עס זאל אין איהם מיעף זיך אפשפיגלען דיא וועלט.
עס מוזען אלע פארשידענע זאכען,
פארשידענע געפיהלען אין איהם מאכען.
דעריבער איז אין אונזער אלטענ׳ס הארץ אויף,
געווען א גרויסער חורבן, פלאמען און רויך.
וויסט און פינסטער און ביטער איז איהם געווען,
קוקענדיג אויף אלסדינג וואס איז דא געשעהן.
צווישען רויך און אש, פאראומערט און פארטראכט,
דיא קליידער פארסמאליעט, דיא ליפען פארשמאכט,
געהט ער אלץ ווייטער, ווייטער פון ארט צו ארט,
און פארטראכטערהייט אויף א בארג ארויף דארט.
פרישע לופט דיא וואלקען אין הארץ צוטריבען,
וויא פון א שלאף דיא אויגען אויסגעריבען,
שטילער אביסעל ווערט אין איהם דאס פייער,
זיינע געדאנקען קלעהרען, לויפען פרייער,
זיינע ברענענדיגע אויגען ווערען בענעצט,
ער יאמערט, ער וויינט, פארגיסט טרעהרען צום לעצט.
„וויא קען איך מיך איינהאלטען נישט צו קלאגען,
וויא קען איך אזא אומגליק איבערטראגען ?
אויף דיא בערג הייב איך אויף א יאמער א קלאג !
מען זעהט דא נישט קיין מענשען אין העלען טאג,
מען הערט נישט דעם קול פון טשערעדעס פיה.
מען הערט נישט דעם געזאנג פון פיינעל גאנץ פריה.

אלע פארוואגעלט מען זעהט קיינעם נישט דא.
פיינעל און בהמות אוועק, קיינער נישט דא. 120
ווייבער, קלאגערענס אהער אלע געשווינד,
אלע קומט אהער, נאך ניכער פון דעם ווינד.
העלפט מיר ווייבער יאמערן, העלפט מיר קלאגען,
העלפט מיר, העלפט, דיא צרות ארויסצוזאגען,
לערענט אייערע טעכטער א ביטער לידעל,
לערענט זיי קלאגען אויף אונזער רב אידעל,
דער טויט אין זיין הויז איז אריינגעקראכען,
גע'הרג'עט, געברענט, געשטאכען, געבראכען. 121
קוקט און ווייבעליך דעם חורבן, קוקט וויא וויסט,
אלסדינג איז געווארען אש א הויפען מיסט".
אזוי האט ער אויסגנאסען זיין געפיהל,
אזוי נעבעך געיאמערט, געוויינט זעהר פיעל.
ער האט אויף דעם חורבן געגעבען א בליק,
און איז געגאנגען אהין ווידער צוריק.
צווישען האלאוועשקעס אויף א הארטען שטיין,
דארטען איז ער געזעסען איינער אליין.
דער רויך איז איהם ליעב געווען וויא גוטע ריחות,
געזעסען, געוויינט שטיל און געזאגט איכות.
זיי צו בעשרייבען קען זיין א ים ביכלעך,
זיי צו הערען נאס ווערען טויזענד טיכלעך.
זאגענדיג זיינע איכות דארט אויף דעם שטיין,
הערט ער פלוצלים א חליפען, א שטיל געוויין.
ווער איז דארט ? פרעגט ער, א טערק צו א טאטער ?
ניין, ענטפערט א קול, איך בין יודעל'ס פאטער.
זיך איינהאלטען האט דער טאטע ניט געקענט, 122
געקומען זעהן וויא מען האט זיין הויז פארברענט,
וויא מען האט זיך אפגערעכענט מיט זיין קינד,
און פון איהם א תל געמאכט גיך און געשווינד.
פאר גרויס רחמנות האט ער ניט געשוויגען,
געוויינט קוקענדיג און האט וועה געשריגען.

---

120) ירמיה פ' ט. 121) שם שם ט"ז כ"א. 122) פתיחתא איכה רבתי.

„דערבארם זיך טאטע, לייז דיין קינד אויס פון פיינדן"
האט איהם רחמים געבעטען דער אלטער פריינד.
זאג אדרבא טאטע, זאג, איז פאר דיר שעהן,
יודעל זאל וויא א גנב מיט'ן עטאפ געהן ?
אויף קברים וועל איך געהן, מיך דארט אויסשטרעקען,
דיא זכות אבות אלע וועל איך אויפוועקען,
לאזען זיי זיך מיהען, לאזען זיי שרייען,
לאזען זיי בעטען דעם פאטער, דעם געטרייען,
ער זאל געבען מיט בארעמהערצינקייט א בליק,
דאס קינד ארויסצונעמען פון דעם אומגליק".
און וויא ער טענה'ט, איז פון דער משפחה
געקומען איין אלטע, דיא באבע ראחע,
געוויינט אויף א קול מיט ביטערע טרעהרען 123
אז מען האט איהם אין הימעל געקענט הערען.
ראחע וויינט שרעקליך אויף איהר אייניקעל דא,
וויל זיך נישט טרייסטען, פאר וואס ער איז נישטא.
שא, וויין נישט חלעבען, שא מאך נים אזא קלאג, 124
האט צו איהר יודעל'ס פאטער געטאהן א זאג.
דיין מיה איז חלעבען נים אומזיסט, אויף מיין ווארט.
ער וועט צוריק קומען פון דעם פרעמדען ארט.
עס איז צו האפען, זאג איך, שווייג נאר און קיק,
שא, דאס קינד וועט נאך קומען א חיים צוריק.

מז.

אין א פרעמדער געגענד, פון אונז שרעקליך וויים,
וואס דארט זיצט א שרעקליך פאלק, ביטערע לייט,
זיינען לעבען א טייך געזעסען א סך
ארעסטאנטען און פון סאלדאטען א וואך.
דאס איז פון א גאנץ ווייטען וועג איין עטאפ,
וואס האט זיך געזעצט אויסצורוהען א קאפ.
אין דעם עטאפ געקאוועט דיא פיס מיט הענט.

123) ירמיה ל"א ט"ו. 124) שם שם ט"ז י"ז.

שוואַרץ וויא דיא ערד, פֿון דער זון שרעקליך פֿאַרבּרענט.
איז אין צעהנטען איינגעהייקערט אויף אַ שטיין,
געזעסען טרויעריג אונזער יודעל אליין.
אַך, עס איז גאר ניט דער יודעל וואס אַ מאָל,
צרות האבּען איהם פֿאַרענדערט אָהן אַ צאָהל.
ער איז עלטער אפשר מעהר מיט פֿופֿציג יאהר,
אין טויל פֿעהלען איהם ציין, אין קאָפּ פֿעהלען האָר,
פֿון דאר בּרויט מיט זאמד דיא ציין אויסגעבּראָכען 125
פֿון אַש אויף דעם קאָפּ דיא האָר אויסגעקראָכען.
יונגערהייט איז ער געבּעך וויא אַ טויבּ גרויא,
דיא בּאַקען מאָגער, אונטער דיא אויגען בּלויא,
שוואַרצער נאך פֿון סאַזשע זעהט אויס זיין געשטאַלט, 126
נישט צו דערקענען איהם אזוי איז ער אַלט,
נישטאָ אויף איהם קיין לויט פֿלייש, נאר הויט און בּיין,
דיא הויט זיינע וויא האָלץ טרוקען, הארט וויא שטיין,
זיינע פֿיס געשוואָלען, וויא בּעריקעס רויט,
צו טראגען קיימען איז איהם שווער וויא דער טויט.
אָט אזוי זעהט איצט יודעל אויס אין זיין לייד,
איז בּאָרפֿיס און נאַקעט כמעט אָהן אַ קלייד.
בּיים טייך דארט זיצט ער און וויינט זעהר פֿאַרבּיטערט, 127
דערמאָהנט זיך אָן דער היים וויינט ער און ציטערט,
אויף דיא ווערבּעס דארט הייננט ער אויף זיין פֿידעל,
ער וויל מעהר ניט שפּילען, זינגען אַ לידעל.
ווייל שפּילען האט געבּעטען דיא קאָמאַנדע,
זינג אַ פֿרעהליכס, האט געשריגען דיא בּאַנדע.
זיינען אויף שפּאַס איהם געפֿאַלען צו דיא פֿיס,
זינג אונז יודעל, מיר בּעטען, זינג „מה יפית".
„וויא קען איך אין דער פֿרעמד זינגען אַ לידעל?"
ענטפֿערט מיט אַ בּיטער הארץ אונזער אידעל.
װעל איך דיר פֿארגעסען, דיך מיין חיים, מיין לאַנד,
לאָז מיר דענסמאל אפּגעהמען מיין רעכטע האַנד.
לאָז מיר דיא צונג זיך צוקלעפּען צום גומען,

125) איכה ג׳ ט״ז. 126) שם ד׳ ח׳. 127) תהלים קל״ז א׳ ב׳.

לאָז מיר דאס טויל אויף אייביג טאָקי שטומען,
אויב איך וועל ניט דערמאָהנען מיין היים, מיין לאנד,
אויב איך וועל ניט געדיינקען ביידע ביינאַנד.
מיינע שכנים, נאט, זאל ניט אָפּלויפען אומזיסט
יענער טאג, וואס מיין שטוב איז געווארען וויסט
זיי האבען געזאגט: מאַכט א תל, מאכט א תל,
צונעהמט דאס הויז פון דעם סופיט ביז דער שוועל.
דיר, פּאַריץ זאל עס זיין אפּגעגעבען ברויט.
וואויל דעם, וועלכער וועט דיר אויך מאכען דעם טויט
וואויל דעם, וועלכער וועט דיר אויך ברעכען א ביין,
און דיינע קינדער צוקלאַפּען אויף א שטיין".
אזוי האט יודעל דער קאָמאַנדע געזאגט,
זיך אוועקגעריקט אין א זייט און געקלאָגט...
דער פּייקלער האט צום צייכען געטאָהן א קלאַפּ.
צום געהן האט זיך אויפגעשטעלט דער עטאַפּ.
מאַרש, האט דער עלסטער אויף א קול געמושטירט,
און די ארעסטאַנטען האבען זיך געריהרט.
פויקען האבען געפּויקט פון אלע זייטען,
קייטען קלינגען זיך געהערט פון דער ווייטען,
יודעל געבעך געהט, נישט צו ריידען א וואָרט,
זין פידעל איבערגעלאָזט אויף ווערבעס דאָרט.

יודעל

א ספור המעשה אין שירים על משקל י"א תנועות.

אך יודעל מיין קראנקער, מיין קראנקער יודעל
דיין לעבען איז זעהר, זעהר אָ טרויריג לידעל,

צווייטער טהייל.

א.

זעהר אמת איז דעם עולם׳ס ווערטעל טאקע,
אז גאט שיקט צו דיא רפואה פאר דער מכה.
גאט ווייסט, וואס פון יודלען נעבעך וואלט געווען,
ווען דיא דאזיגע מעשה זאל ניט געשעהן.
או יודעל האט נאך דיא דריי יאהר אם ענדע,
מעהר ניט געוואלט צאהלען פאר דער ארענדע, [1]
איז פון פריץ א זאקוציע געקומען,
ביי איהם אהן טענות משכנות גענומען,
און זיי אוועקגעטראגען צו איהם אין סקארב. [2]
האט חוץ דעם יודלען נאך געטראפען אין קארב, —
אויף זיינע הויזלייט א קרימינאל געמאכט,
אויף זיי א גוזמא בלבולים אויסגעטראכט:
באשר זיי האבען געבראכען דעם קאנטראקט,
קורץ, עס איז באלד פערטיג געווארען איין אקט,
און אויף זיי אנגעקומען דיא רעשעניע:
אזוי וויא דיא און דיא אין זיין אימעניע,
האבען איהם גורם היזק געווען זעהר פיעל,
און האבען יד אחת געמאכט אין דער שטיל
מיט דעם גראף, וואס מיט דעם הינקענדיג פיסעל. [3]
בכן קומט זיי צו פארשיקען אין זיין שליסעל,
פארווארפען פון דאנען אין א ווייטען ארט,
אזש וואו דער שווארצער פעפער וואקסט ערגעץ דארט.

---

1) מלכים ב׳ כ״ד א׳. 2) דניאל א׳ א׳ ב׳. 3) יחזקאל י״ז ב׳.

דיא מענשען זיינען געווען פון דיא גרעססטע,
אין יודעל׳ס משפחה נאר דיא פארנעהמסטע. 4
שלעכט איז אמת טאקי געוועזען דער שר,
אבער דאך חלילה ניט קיין גראָבער נאר.
ער האט נישקשה פארשטאנען געוואוסט גוט,
אז דיא מענשען האבען איך זיך יודעל׳ס בלוט.
פיינט האט ער אמת טאקי יודלען געהאט,
פאר וואס ער איז איין עקשן, א גרויסער חוואט.
נעהמט ער זיך אריין אין קאפ עפעס זאכען,
ועסט־דוא באין אופן מיט איהם גאר נישט מאכען.
דאך האט ער יודעל׳ס דרעה קעפעל, זיין פארשטאנד,
נישט געקענט אוועקמאכען גלאט מיט דער האנד.
יודעל איז א חכם, איינער אין דער וועלט,
זיין חכמה קען דעם סקארב איינברענגען פיעל געלט.
וויא באלד יודעל ניצט, וויא באלד ער איז געשייט,
מוז מען דיא פיינדשאפט פארבייגען אן א זייט.
אין הארצען מעג מען זיך טראכטען וואס נאר וויל,
דאס מויל אבער בעדארף שווייגען, מוז זיין שטיל.
מען דארף יודעל׳ס לייט פריווען אויפנעהמען פרייא,
טאָהן מיטעל זיי זאלען דעם קאנט זיין געטריי.
דער פריץ האט געפונען א גוט מיטעל,
האט געגעבען א בעפעהל זיין פראוויטעל: 5
מען זאל געשווינד נישט מעהר א קאפ זיך דולען,
נעהמען יודעל׳ס לייט אין שקאָלעס אין שולען.
און דיא דאזיגע לייט אויסצולערנען דארט,
ביכלעך לייענען, און אויך א גויעש ווארט.
דורך דעם וועט דער קאנט זיי בעסער געפעהלען,
און א טהייל וועלען אין הויף האבען שטעלען.
דיא שולען זאלען ווערען פון סקארב געמאכט,
חלילה נישט פון פלייש, אדער פון ליכט פאסט.
אדרבא מען זאל און דעם נישט פארגעסען,

---

4) יחזקאל י״ז י״ג. סדר עולם פכ״ח. 5) דניאל א׳ ב׳ ד׳.

דיא ליים פיעל פלייש תמיד צו געבען עסען. 6
א מענש טויג נאר ווען ער עסט און איז געזונט.
הונגעריג אבער איז ער ניט ווערטה א הונט.
פיער פון אלע סטודענטען אין דער שקאָלע,
זיינען ווייט געגאנגען אין דער השכלה.
בשעת עסזאמען געבען פאר דיא לעהרער,
האבען פון זיי דיא פיער לייט געקענט מעהרער. 7
איינער פון דיא פיער סטודענטען דער בעסטער,
איז צום סוף געווארען אין הויף דער גרעסטער. 8
דיא איבריגע געוועזען אויך זעהר געאכט,
און מען האט זיי פאר טשינאָווניקעס געמאכט. 9
דיא דאָזיגע געבילדעטע פראנצויזען,
אנגעטאהן רויטע מונדירען און הויזען. 10
האבען געמאכט אין דער וועלט א גערידער,
געמאכט כבוד נאט אי זייערע ברידער.
זייערם א וואָרט, וואס איז ארויס פון דעם מויל,
פלעגט דעם שונא אין הארץ טרעפען וויא א קויל.
נאר נישט געלאָזט זיך אין דער קאשע שפייען,
שונאים פלעגען פראָסט פון זיי דיא ערד קייען.

ב.

אָט צו דיא פראנצויזלעך אין יענע יאָהרען,
איז יודעלים ווייב אויף סטאנציע גלייך פארפאָהרען.
מיר מוזען אין אונזער דערצעהלונג צווישען,
איבער איהר א פּאָר ווערטער אריינמישען.
זינט זיא האט אויפגעהערט שפּילען א ראָליע
און בעקומען א שפּאזמע, א מעלאנכאָליע,
איז זיא שלאָף אָהן כוחות געלעגען צו בעט,
אָהן א סימן לעבען וויא אין היהנערפלעט.
איז געווארען געבעך אפגעלאזט און פויל,
צום ריידען זעלטען נאר געעפענט דאס מויל.

---

6) שם שם ב׳. 7) שם שם י״ט כ׳. 8) שם ב׳ מ״ח. 9) שם שם [illegible]
10) שם ח׳ כ״ט.

ראקטורים האבען זיא מיאש געוועזען,
נישט געגלויבט זיא זאל נאך ווערען גענעזען.
אויף אלע איהרע פריינד געציטערט דאס לייב,
אַט, אַט עקט זיך דאס לעבען פון יודעל'ס ווייב.
שכנים האבען יודלען שוין געשיקט שלוחים,
מיט זייערע טעכטער גערעדט שידוכים.
איהר לעבען איז נאר אויף א האָאר געהאנגען,
נישט געוואוסט וואס אין הויז איז פאָרגעגאנגען,
נישט געוואוסט מעהר וויא יודעל'ס געשעפטען געהן.
וויא דיא עסקים אין דעם מאַיאָנטעק שטעהן.
נישט געוואוסט וויא ער איז ביז דעם האלז פארשטעקט.
אין פראָצעסען, וואס האבען זיך אויפגעוועקט.
יודעל פלעגט שטענדיג פון איהר זיך בעהאלטען,
מיט איהר קיין עצות נישט מעהר זיך געהאלטען.
נישט געוואוסט פון דעם אומגליק, פון דער צרה,
בשעת פון איהם האט תל געמאכט דער שררה.
נאר בשעת יודעל האט ביים געזעגנען-זיך
געטאהן א קיש דאס קראנק ווייב און אוועק ניך,
דענסמאָל האט זיא וויא פון שלאָף זיך אויפגעהאפט.
געקוקט פארוואונדערט געטראכט, און זיך געטאפט.
עס איז איהר פאָרגעקומען אלסדינג זעהר ווילד,
עפעס שטעהט פאר איהר א שרעקליך פינסטער בילד.
אלסדינג חרוב, אלסדינג פארברענט, אלסדינג וויסט,
אויף דעם אָרט פונ'ם הויז א הויפען אש און מיסט.
אומעטום טויט, נישטא קיין לעבעדיגע נשמה,
אומעטום וויסט, וויא פון א גרויסער מלחמה.
זיא ליגט פארלאָזט, זיא ליגט גאנץ איינע אליין,
לעבען איהר דאס טעכטעריל, נאר הויט און ביין.
ביי דעם קאָפּ האט זיא זיך געגעבען א חאפּ,
און מיט איהרע הענד געטאָהן א שטארקען קלאפּ,
געשריגען, געוויינט מיט א ביטער געמיט:
אך, יודעל, פאר וואס האסט-דוא זיך נים געהיט!
פאר וואס האסט-דוא נים געפאלגט מיינע ווערטער,
און זיך ארומגעשלעפט אין שלעכטע ערטער.

אַך, ווען דוא זאָלסט געוועזן הערען מיינע רייד,
וואָלט דאָך אונז נישט געטראָפען אזעלכע לייד.
נישט אזוי דיא הויז, דיא זאַכען ארען מיך,
ויא דוא מיין יודעל, אויף דיר, אויף דיר וויין איך.
אויף דיר מיין יודעל, אויף דיר קלאָג איך און וויין.
וואו איז ערגעץ הין געקומען דיין געביין?
זיא יאָמערט, זיא ציטערט וויא אין א פיבער,
זיא שרייט: יודעל מיין הארץ, יודעל מיין ליבער. :
עס האבען איהר נישט געטריקענט דיא אויגען,
דאס הארץ האט איהר שטארק צו יודלען געצויגען.
יודעלים לעצטער קיש האט איהר לעבען געבראַכט.
ער האט מיך ווידער ליעב, ביי זיך אַלץ געטראַכט.
איין קיש וועקט אָפט אויף טויזענדער געפיהלען,
וואס וויא פייער אונמעגליך זיי צו שטילען.
א קיש גיט אָפט זעהר פיעל אַנצוהערעניש
און מאַכט אין הארץ איין איבערקעהרעניש.
פון א קיש פארלירט מען גרינג דאס גלייכגעוויכט.
אָפט שטארבט מען פון איהם, טען געהט אוים וויא א ליכט
איהר יודלען נישט צו פארלאָזען אין זיין נויט,
איהם אויפצוזוכען לעבעדיג אדער טויט.
ער מעג זיך זיין אפילו אין עק וועלט וויים,
האט זיא געשוואָרען אי פאר נאט אי פאר לייט.
איז אראָפ פון בעט, ארויס פון איהר חדר,
מיט איהר טעכטעריל פון אָרט צו אָרט כסדר,
קראנקערהייט נעגאַנגען, גערוהט א ביסעל,
ביז זיא איז געקומען צום פריץ׳ס שליסעל,
און דארט ביי דיא פראנצויזלעך איינגעשטאנען,
וואס האבען איהר ווערטה צו שעצען פערשטאנען.
זיא איז זיי חלילה נישט געוועזען קיין לאַסט,
פארקעהרט, האבען זיך געפרעהט מיט אזא גאַסט.
זיא איז ביי זיי געוועזען שרעקליך טהייער.
פאר איהר זיינען זיי געשפרונגען אין פייער. 11

---

11) דניאל ב׳ כ״ב.

בכדי איהר׳ס א קליינינקייט אויפצוהייבען,
זיינען זיי געגאנגען אי צווישען לייבען. 12
זיי האבען פאר איהר בעשטענדיג זיך געניינט,
און איהרע ווערטער אויף טעלערלעך צולייגט.
קורץ זיא האט מיט איהר טעכטעריל דער קליינער
ביי דיא לייט אויסגעגלייכט דיא קראנקע ביינער.
זיי האבען איהר אויף נאמנות געשווארען,
פון יודעל׳ס וועגען קיין מיה נישט צו שפּאָרען.
פאר איהם אין דעם הויף איינצולייגען דיא וועלט.
עס מעג זיי קאָסטען גענוג מיה, צייט און געלט.
וועלען איהם נישט לאָזען אין תפיסה זיצען,
עס מעג אפילו דונערען און בליצען.

ג.

דאס הויז פון דיא פראנצוויזלעך איז אין דער צייט
געווען א קלוב פאר א פּעקיל חברה לייט.
וואס אויף זיי אלע אויך ארויס א צאָרען,
און אין דעם קאנט געבעך מגולגל געווארען.
יודעל׳ס לאָגע האט זיי וויא פייער געברענט,
אלע האבען זיין טאטען זעהר גוט געקענט.
איינער, אלסדינג פארצייכענט אין זיין טייסטער,
פלעגט תמיד דערצעהלען וויא א שטאלמייסטער.
פון דעם אלטענ׳ס זעהר טהייערען רייטוואָגען 13
און פון זיינע פערד וויא זיי לויפען, טראָגען.
טאקי נאר לייבען, אָדלער, ווילדע חיות.
שפּרינגען אין דער לופטען, מאכען הויות.
בשעת דיא פּאָדראַדען אין יענע יאָהרען,
פלעגט ער צום זוהן אזוי קומען צופאָהרען.
יעדער האט דעם בּראדם נאר אויף דעם בליק
דערקענט פאר א חידוש, פאר א מין אנטיק.
ער איז געווען אויף א משל זאָגער, 14

12) שם ו׳ י״ג. 13) יחזקאל א׳. 14) שם כ״א ה׳.

א פייערדינער קאָפּ און אויף א קלאָגער.
פלעגט תמיד טרייסטען יודלען אין זיין צרה,
ער וועט נאָך לעבען א מאָל וויא א שררה.
וועט אין זיין מאַיאָנטעק זיך צוריק קעהרען,
וועט גוט לעבען, זיך פרוכפערען און מעהרען. 16
וועט זיך אָפּבויען און זייען דיא פעלדער,
וועט זיצען זיכער, שלאָפען אין דיא וועלדער. 17
עס וועט נאָך זיך פארזאמלען דיא משפחה,
אין זיין הויז וועט נאָך זיין מזל און ברכה,
דרינען געוועזען אזוי זיכער, אזוי פעסט,
אז ער פלעגט אויסמאָהלען פאר דיא אלע געסט
דעם גאנצען פּלאַן פון יודעל'ס הויז און געבייא, 18
וואס ער וועט נאָך אויסמויערען אויף דאס נייא.
אין דעם קלוב פלעגט מען פון פּאָליטיק שמיעסין.
א סך פריצים צופלאַכטען און צו שמיסין.
דער גרעסטער פון דיא דאָיינע חברה לייט,
האט פון דער פּאָליטיקע וואס אין זיין צייט,
אָנצוהערעניש געגעבען זעהר פארשטעלט, 19
וואס שפעטער וועט ארויסשפּרינגען אויף דער וועלט. 20
נאָך זיין קוק אין פּאָליטיקע, נאָך זיין גאנג,
האט זיך זיין פריץ נישט בעדארפט האלטען לאנג.
ער האט פשוט מיט איהם אין גאנצען געעקט,
פון דערווייטענס גרויסע מלחמות געשמעקט.
עס איז עד היום דער וועלט א גרויס וואונדער,
וויא ער זאגט יעדע מלחמה בעזונדער.
דער קאָפּ זיינער איז איהם גאנץ ווייט געפלויגען,
מדינות איהם געשטאַנען פאר זיינע אויגען.
כדי צו האלטען זיינע זעהר פרייע רייד,
איז דער משל תמיד געוועזען זייער קלייד.
פריצים, סטאַרעסטעס, דאס פּעקיל הילטייעס,
הייסען אלע אין זיינע רייד נאר חיות. 21

---

16) יחזקאל ל"ו פ' י"א. 17) שם ל"ד כ"ה. 18) שם מ'. 19) דניאל ח' א'. 20) שם ד' שם ח'. 21) שם ז' ב'.

ער רעדט איבער לייבען לעמפערטען, בערען, 22
וויא זיי רייסען, פרעסען איטליכען גערען.
ער רעדט איבער א באראן, איבער א צאפ.
וויא איינער דעם אנדערען שטויסט, גיט א קלאפ. 23
לעמפערטען, בערען, באראנעס און צאפעס,
יעדער וויל חאפען עפעס און דיא לאפעס.
יעדער דרעהט אהין און אהער דאס שווענציל,
וויל אביסעל שטיפען און געהן א טענצעל.
גימפעל, זרח, אדער שמינדריג בן געץ,
נעהם ביי איהם אנגעטאהן הערנער וויא א לץ. 24
מען דערצעהלט, אז דער דאזיגער דיפלאמאט,
האט א מאל זיין פריץ זעהר פיין דעליקאט,
אין דער וועלט קלאמערשטען איין עצה געזאגט
בשעת ער האט עפעס פאר איהם זיך געקלאגט.
כדי אויף איהם זאל ניט אויסגיסען זיך דיא באד,
זאל ער מיט ארימע לייט טאהן חסד און גענאד. 25
פון אלע ארימע לייט האט ער גאנץ זיכער
א ודאי יודלען נעבעך געמיינט ניכער.
פאר יודלען איז געוועז דיא חבריא גרייט,
זיך צולייגען אין דער לענג און אין דער בריט.
צוליעב זייער בילדונג און גרויסע תקיפות,
האט יודעל נישט געליטען שטארקע רדיפות.
מען האט געמוזט איהם פאר א מענש בעטראכטען
און פאר דער וועלט וויינינגסטענס ניט פאראכטען.
פון דער ראליע, וואס דיא לייט האבען געשפילט,
האט יודעל שטארקער אביסעל זיך געפיהלט. 26
חאטש ער האט מיט'ן וייב זיך איבערגעבעטען,
זיא ליעב געהאט, און נישט געוואלט זיא געטען.
דאך מחמת קאפדרעהעניש, טרדות אהן א צאהל,
האט ער נישט געקענט זעהן זיא אפט וויא א מאל.
נצשעפטען האבען איהם דעם קאפ פארשלאגען,

---

22) שם שם ד׳ ה׳ ו׳. 23) שם ח׳ ד׳ ח׳. 24) שם שם ג׳. 25) שם שם ד׳ כ״ד. 26) דברי הימים לבית ישראל, פין, צד 4.

תמיד נעווען אין דייזע באָרשטש פּאַרטראָנען.
דאָ האָב שטענדיג צו טאהן מיט דעם פּראָוויטעל,
דאָ נעה האַלטען פאר דעם פּריץ דאס היטעל.
האט נעטחט זיך אויסלערנען גויעש ריידען
און מיט זיין אייגענעם לשון זיך שיידען. 27
און ווייל ער האט גויעש נים אין דיא שקאָלעס,
נאר עס זיך אויסגעלערענט פון חאחאָלעס,
האט ער גערעדט פול מיט פעהלער איטליכס ווארט, 28
וויא פּויערען ריידען אין איטליכען אָרט.
אָט פון דענסמאָל אָן, ועדליג וויא אונז געפעלט,
וערט יודעלים לשון א זשארגאן אין דער וועלט.

ד.

אַלע זאכען אין דער וועלט האָבען איין עק.
אי גוטץ אי שלעכטץ פליהען מיט דער צייט אוועק.
איידער דער זינדיגער מענש טהוט נאר א בליק.
פליהט געשווינד וויא רויך אוועק זיין מזל, זיין גליק.
עס דרעהט זיך עפּעס אין דער וועלט א מין ראָד,
וואס קעהרט איבער א מענשען אי א נאראָד.
הויכע און רייכע פאלען פלוצלים אראָפּ,
נידריגע און אָרימע הייבען אויף א קאָפּ.
פון אונזער פּריץ זעהר גליקליך און זעהר רייך,
האט מיט דער צייט אויך זיך אויסגעלאזט א טייך.
עס איז אויפגעשטאנען א גרויסער דוקעס.
איהם איז נים געפעלען דעם פּריץ'ם שטוקעס,
וויא ער האט פערעבענדעוועט עד־עתה,
און מיט איהם זיך אָפּגערעכענט וויא א טאטע.
ער האט איהם ווער עלטער איז געוויזען,
איהם און זיינע קאָזאקען דיא ריזען,
איהם נעקאטעוועט, געשמיסען מיט א רוט
און צוגענומען זיין מאיאָנטעק, זיין גוט.

---

27) כתובות י"ג ב"ד. 28) שם שם. שם עיין ביאור.

אונזער פּאָליטיקער האט געמיינט מיט'ן בער
אָט דעם דוקעס, וואס איז געקומען אהער. 29
זעהר אָרענטליך איז געווען דער דוקעס.
האט פיינט געהאט אנשטעלען הוקעס־פּוקעס.
איהם האט איינער פון אונזערע חברה לייט
גערופען דער משיח פון יענער צייט. 30
פיינינגען, שלעכטס טאהן איז איהם געווען גמאס,
פון אונזער חבריא געמאכט א צימעס.
האט דעם גרעסטען פון זיי געמאכט גרעסער נאך.
ער איז געוועזען ביי איהם אין הויף כל־ולך. 31
יודעל האט צו איהם דערלאַנגט א פּראָשעניע,
מכח זיין עסק פון דער אימעניע.
חברה האט אביסעל אונטערגעווארעמט,
און דער דוקעס האט אויף איהם זיך דערבאַרעמט.
א טהייל זאגען, דאס האט חברה אנגעמאכט,
נאר זיי האבען יודלען דיא ישועה געבראכט,
דורך זייערע רייד, וואס צום שר אנגעקומען,
האט יודעלס עסק א גוטען סוף גענומען. 33
נאר וויא דיא מעשה איז שוין געוועזען דארט,
דער דוקעס האט בעפוילען אָט מיט דעם וואָרט:
„איך דער בעריהמטער דוקעס מיט נאָמס גנאָר,
וואס האב אונטער מיר א גאנץ גרויסען גאראָד,
וויל, וואס גאט געבאָט מיר פאָלגען גאנץ געטריי,
וויל ארויסלאָזען יודלען פון דאנען פריי.
לאָז יודעל אין זיין מאיאָנטעק צוריק געהן,
און דאָרטען וויא פריהער זיך אָפּבויען שעהן.
אין דעם אָרט, וואס ער זיצט היינט, זאלען דיא לייט
איהם אונטערהאלטען מיט געלט פון זייער זייט". 34
יודעל האט אלסדינג פארנומען גאנץ געשווינד,
זיינע קלומקעס און פעקלעך, זיין ווייב און קינד.

---

29) דניאל ד׳ י״ת. פירוש רסה״ג שם. קדושין ע״ב א׳. 30) ישעיה מ״ח א׳. 31) דניאל ו׳ כ״ט. 33) שם בשם יוסיפון לרומיים. 34) עזרא א׳ א׳ ח׳.

ער האט זיך געמאכט אין גאנצען פארטיג, גרייט!
באלד אוועקצונעהן א היים געזונטערהייט
יעדער האט מיט איהם זיך געזעגענט גאר פיין,
און איהם נאך געגעבען אין בייטעל אריין. 35
די גערויבטע כלים בשעת זיין אומגליק,
האט דער סקארב ארויסגעגעבען איהם צוריק. 36
נעהם די פיס אויף די פּלייצעס יודעל און געה,
איצט פּאָהר געזונט א היים זייא גליקליך, אדיע.

ה.

צו דערצעהלען אייך דא די גרויסע וואונדער,
יודעל׳ס מיה ביי איטליכער זאך בעזונדער,
וויא פיעל עס האט זיך געצויגען, געדויערט,
ביז ער האט איבער א נייעס זיך אויסגעמויערט.
דאס אלסדינג אויסצורעכענען ביז אויף א האָר,
בעדארף די דערצעהלונג זיך ציהען א יאָהר.
א טהייל האבען פיינט א זאך ביים צוברייטען,
זיי האבען ליעב קומען תמיד צום גרייטען.
ליעב איין אָפּגעשעהלט אייעלע אין דעם מויל,
אָפּצושעהלען עס אליין זיינען זיי פויל.
וואס־זשע טויג יודעל׳ס מיה ביים בויען צו זעהן?
גלייכער צו איהם אין זיין פארטיג הויז צו געהן.
פון דעם הויז צום ערשטען איז גאר קיין פארגלייך,
אונזער יודעל איז וויא פריהער נישט מעהר רייך.
פון דעם חנוכת־הבית, אין דעם טאג,
דערצעהלט מען איז געווען א יאָמער א קלאָג.
מען האט זיך דערמאָהנט אָן יענער גוטער צייט,
און דאס געוויין האט זיך געהערט שרעקליך ווייט. 37
יודעל איז נישט מעהר וויא פריהער אליין א שר,
דער הוקעס איז געווען זיין אויבערהאָר. 38

35) שם שם ו'. 36) שם שם ד' י״א. 37) עזרא ג' י״ב י״ג. 38) שם ט' ז' ט'. נחמיה ט' ל״ו ל״ג.

ער זיצט טאקי אין זיין מאיאָנטעק, גאנץ רעכט,
דאך איז איהם געבעך פאָרט נעגאנגען זעהר שלעכט. 39
ער האט נעהאט דענסמאל זעהר פיעל צו זאָרגען,
געמוזט ברעכען דעם קאָפּ, לייהען און באָרגען. 40
מיט'ן ווייב זיך צו אונטערהאלטען געהמען צייט,
דעם פארגנינגען קענען נישט אָרימע לייט.
איין זאך וואס דער אָרימאן טראכט אלץ, איז ברויט,
טראכט געבעך וויא מען ווערט ניצול פון דעם טויט
קיין טאנץ, זאגט דער עולם, נעהט ניט פאר'ן עסעי
הונגעריג קען מען דאס טהייערסטע פארגעסען.
דעריבער זאל אייך גאר ניט זיין קיין וואונדער,
וואס יודעל האלט זיך פונ'ם ווייב אלץ בעזונדער.
יודעל וואלט געקענט בלייבען אָרעם אהן א העמד,
צום ווייב ווידער טאקי וויא א מאָל ווילד פרעמד.
ווען עס זאל צו איהם אין יענער שווערער צייט,
נישט קומען א פריינד פון יענער חברה לייט.
ער איז געווען גוט און פרום אָהן א פעהלער,
קלוג, געבילדעט און א גרויסער שריפטשטעלער. 41
געבילדעט, אין וועלט זאכען געניט צוגלייך.
ניט גלאט א באנק קוועט'שער, איך פארזיכער אייך
חכמה און וועלט וויא ביי דעם פריינד אין איינעם
איז נישט געווען דענסמאָל אזוי ביי קיינעם.
דער אלטער רבי מיט דיא ביינער גאר,
עס זאל דאס פעהלען אפילו א האָר. 42
בכדי יודעל'ס לאגע בעסער צו מאכען,
האט ער מתקן געווען א סך זאכען.
עס האט ביי איהם געשפיעלט דיא ערשטע ראָליע
צו פארבעסערען זיין ווייב'ס שלעכטע דאָליע.
בכדי יודלען זאל געהן גוט אין דער וועלט,
מוז דיא פיהרונג אין הויז זיין איבערגעשטעלט.
זיין ווייב מוז האבען דיא גאנצע דעה דארט,

---

39) נחמיה א׳ ג׳. שם ט׳ ל״ז. 40) שם ח׳ א׳ ו׳. 41) עזרא ד׳ ח.
42) סנהדרין כ״א ב׳.

ער מה מים איהר פּאַרט ריידען, פּאַלגען איהר וואָרט.
אזוי וויא דענסמאל אבער אין א ריידע
זיך אויסשמיעסין האבען נישט געקענט ביידע.
יודלען האבען געשעפּטען, אינטערעסען,
געצוואונגען זיין לשון גאר צו פארגעסען,
און גויעש ריידען, לאָז ער אונז מוחל זיין,
האט ער גערעדט עפּעס נים ריכטיג, נים פיין,
דעריבער האט ער געפונען פאר נעטהיג,
אויסצוהיילען פריהער דעם דאָזיגען וועהטיג.
פון נישט קיין ריינעם לשון, קען נאך זיין בליק
ארויסקומען פּיעל צרות און פיעל אומגליק.
ערשטענס, האט יעדער מענש אהן א ריינער צונג
זעהר א שלעכטען געשמאק, וויא א גראָבער יונג.
צווייטענס, וויל ער מים יענעם זיך אויסריידען,
קומט עפּעס נאר אוים פונקט קאַפויר ביי ביידען.
ביי איהם איז דעריבער געווען זעהר וויכטיג,
אי יודעש אי גויעש צו פארשטעהן ריכטיג.
ער האט צו יודלען מיט'ן ווייב זיך צוגעזעצט,
און ביידע לשונות זיי אויסגעלערענט צום לעצט. 43
דערנאך האט ער ווייטער געגעבען א טרייב,
אז דריי מאל דיא וואך זאל יודעל מים דעם ווייב
זיך צונויפקומען בעשטענדיג אין איין אָרט,
כדי צווישען זיך איבער צו וואַרפען א וואָרט. 44
עס איז אויך ביי אונזער יודלען אין דערהיים
איינגעפיהרט א גאנץ גרויסער סיים. 45
אין גאנצען מאיאָנטעק ארום און ארום
האט ער געזעצט שופטים, ריכטער אומעטום. 46
זיי זאלען מים אלסדינג זיך אינטערעסירען,
זאלען משפט'ן און ארדנונג איינפיהרען.
דארטען וואו מענשען זיינען דא איז אויך שטרייט.

---

43) מגילה ג' א'. סנהדרין כ"א ב'. אמרי בינה ימי עולם פרק נ"ג.
44) בבא קמא פ"ב א'. 45) כנסת הגדולה. 46) שם שם עיין תוספות ודנין.

נאט, זאגט מען, איז צו הויך, דער פריץ צו ווייט,
ביז וואנען עס שפארט אַן ביז צו דעם שררה,
דערוויל ווערט איינער נעבעך דיא כפרה.
דער שררה אליין קען גאר ניט זיין אין שטאנד,
איטליכען צופרידענשטעלען אין זיין לאנד.
איז נאָר דער אויבערהאר דער גאנצער קאָפּ דארט
טהון מוזען עהרליכע לייט אין יעדען אָרט.
איינער א גרויסער חכם, א געלעהרטער,
האט געזאגט דיא דאזיגע קלוגע ווערטער:
אז וואויל יעדען לאנד, וואס דער קעניג איז פרייא,
און דיא טשינאָווניקעס ארבייטען געטרייא.
אין געשעפטען, משפטים ביז דעם האלז ווייט,
עסען זייא נאר אין דער געהעריגער צייט.
עסען געשמאק מיט א שטארקען אפעטיט,
מיט טרינקען איהם צו מאכען דארפען זיי ניט.
וועה יענעם לאנד וואס דער קעניג איז א קנעכט,
און זיינע טשינאָווניקעס ארבייטען שלעכט.
ווילען צו קיין זאך נישט צולייגען קיין מיה
און עסען באלד וויא זיי שטעהן אויף אין דער פריה. 47
יודעל האט דורך עהרליכע לייט נאמנים
בעקומען א פרייען קאָפּ א שעהן פנים.
האט דערוויל געקענט טראכטען פון נאך זאכען,
וויא ארום מען קען דיא קאָפּיקע מאכען,
וויא מען בעקומט דיא אפויטיקע, דיא קאַץ,
צו לעבען בריים, און צו שטעהן שעהן אויף דעם פלאַץ.
ער ווערט א סוחר, געהט ארויס אין דער וועלט,
הייבט אַן צו האנדלען און צו פארדינען געלט. 48

---

47) קהלת י' ט״ז י״ז. 48) בבא קמא פ״ט א' שיתו רוכלין מחזירין בעירות ועיין און דברי תימים לבני ישראל צד 67.

ו.

אונזער יודלען ווערט וואס ווייטער אלץ בעסער,
ער ווערט וואס ווייטער אלץ גרעסער און גרעסער.
מיט ליאלקעס, קוקלעס שעהמט ער זיך צו שפילען.
אוים מאָדע ליבעס, נארעשקייט צו פיהלען, [49]
מעפיסטאָפעל, וואס פריהער איבער איהם רעגירט,
האט איהם מיט דיא זאכען שוין מעהר נישט פארפיהרט.
ער זאל יודלען הונדערט מאל רופען אינגעל,
הערט ער איהם פונקט וויא דאס מילבדינגע קלינגעל.
יודעל שלאגט ארויס נארעשקייט פון דעם קאָפּ,
ווארפט פון זיך דיא קינדערשע שיכלעך אראָפּ.
ער איז שוין אָפּיטנע, אין דער וועלט געניט.
בערעכענט שוין גוט איידער ער גיט א טריט.
ער איז גאנץ איבעאנדערשט געווארען,
איז א פּאָליטיקער, א יונג מיט שפּאָרען.
דער טאטע האט איהם אלע זינד פארגעבען
און האט פון זיך ווידער א קול געגעבען. [50]
ביי איהם אבער נישט געוואוינט וויא פאר צייטענס, [51]
ער האט יודלען ליעב געהאט פון דער ווייטענס.
פלעגט איהם פריינדליך לאָזען גריסען אלע צייט,
דורך קלוגע מענשען פון זיינע חברה לייט. [52]
„זאגט יודלען, לאָז ער נישט האבען פאראיבעל,
וואס אין זיין דוואָרעץ שטעהט ליידיג מיין שטיבעל.
יודעל בעדאַרף מעהר נישט האבען א היטער.
ער איז געווארען עלטער און געניטער,
אלסדינג גוט צו בעטראכטען איז ער נישט קליין,
ער האט א קעפּיל, לאָז ער דיינקען אליין.

---

49) משחרב בית המקדש ניטל טעם ביאה. 50) סוטה מ״ח ב׳ נסתלקה רוח הקודש וכו׳ והיו משתמשים בבת קול. 51) יומא כ״א ב׳ דמחוסר וכו׳ שכינה ורוח הקודש. 52) משחרב וכו׳ נתנה נבואה לחכמים.

מיט זיין חכמה לאָז ער בעקומען אלסדינג,
נענוג זיין א יונגערמאנטשיק, לעבען גרינג.
אלע מענשען ווערען פארנארעשט און פויל
פליהען געבראָטענע טויבען זיי אין מויל.
איבריגענס האט ער דאך א גוטען רעבען,
זיין ווייב דיא חכמה, זאל אייביג לעבען!
לאָז ער זיא שעצען, ניט זיין פון איהר בעזונדער,
דארף ער ניט קיין ווינטשפינגעריל און וואונדער. 53
גריסט יודלען, לאָז ער נאָר נישט זיין אָפּהענדיג!"
אזוי פלעגט אנזאגען דער טאטע שטענדיג.
ביי יודלען איז דאס ווייב געווען דיא נשמה,
נעה דוא, זאגט ער, אין ספּאָדיק, מיין חכמה.
לאָז מען זיא בעליידיגען מיט א קרום וואָרט,
איז ער בערייט יענעם צו טויטען אויף דעם אָרט
דיא גאנצע וועלט האט א מאָל זיך געוואונדערט
און זיא חידושט זיך טאקי נאך איצונדערט.
וויא אזוי ער האט פאר איהר מיט גרויס כוח
געפלעט א בעריהמטען פריץ דעם מוח.
דיא דאָזיגע מעשה איז אזוי געשעהן:
דער פריץ א גרויסער הבל'ניק געוועז, 54
זעהר שלעכט, ווילד, דערצו נאָך אביסעל פארריקט. 55
האט אויף יודעל'ס ווייב מיט גרויס הוָזע געקיקט,
זיא געהאלטען עפּעס פאר א פראָסט ווייגעל,
און געוואָלט איהר אראָפּרייסען דאס הייבעל.
אויך מיר א מענש יודעל'ס ווייב געמאכט ביי זיך,
מיט אזעלכע ווערט מען פארטיג קורץ און גיך.
דא גיט אונזער יודעל וויא א לייב א שפּרונג,
האלט פריץ, טהוט ער א געשריי, האלט דיא צונג.
גיט איהם הייסע פעטש, נעהמט איהם ארוים דיא ציין.
צופיהרט זיך זיינע הענד און ברעכט איהם א ביין.

---

53) פין, דברי הימים לבני ישראל פאראגראף 10 ובסוף פאראגראף 13 צד 23. 54) אנטיוכוס עפּיפאניוס מלך יון. 55) איזראעלס געשיכטע ז. 5.

נאכדעם וויא ער לאזט דעם פריץ א ראציע,
מאכט ער ביי זיך אין הויז א לימינאציע.
פון דענסמאל אן אלע יאהר אכט טעג כסדר
ברענט צום צייכען לעכטלעך ביי איהם אין חדר.
איך האב צום ערשטען צו דערצעהלען פארפעהלט,
וויא מיט יודעל׳ס ווייב האט זיך געוויגט דיא וועלט.
א גרויסער שררה, פון זעהר א ווייטען קאנט, 56
האט גע׳חלש׳ט צו ווערען מיט איהר בעקאנט.
געהערט איהרע מעלות פון אלע זייטען,
האט ער אין איהר זיך פארליבט פון דער ווייטען.
ער האט געמאכט, זאגט מען גרויסע הכנות. 57
געשיקט יודלען זעהר טהייערע מתנות.
דורך זיינע לייט איהם געלאזט בעטען זעהר פיין,
ער זאל איהם כבוד אנטאהן און מוחל זיין
מיט זיין קלוג ווייב קומען צו איהם אביסעל,
צו איהם צו גאסט אין זיין בעריהמטען שליסעל.
דיא פאראדע וואס דער פריץ האט געמאכט,
אז ער האט יודעל׳ס ווייב צו זיך אפגעאכט,
וויא אזוי ער האט מיט איהר זיך געפרעהט דארט,
און וויא ער האט פארצוקערט איהר איטליכס ווארט,
און פשוט דיא פינגער געלעקט פון איהר,
איז חלעבען נישט צו בעשרייבען אויף פאפיר.
צוויי און זיבעציג מענשען אויף זייערע ערטער,
זיינען געזעסען, געשריבען איהרע ווערטער, 58
דא צו דערמאהנען איז דאס ארט און דיא צייט,
אז פון איהר טעכטעריל איז געווארען לייט.
איז א בוגרות, אין דיא יאהרען געקומען,
אונטערגעוואקסען, אויף זיך לייב גענומען.
איז אפילו נים אזוי שעהן אויף דעם קיק,
דערפאר א מויד, אהן עין־הרע ברייט דיק.
יודעל הייבט אן, זיא דיא וועלט פארצושטעלען,

---

56) פתאלמעאוס (תלמי) פהילאדעלפוס. 57) הדרת זקנים. 58) מגילה פ׳ א׳.

און דער עולם פלעגט פון איהר גאר אנקוועלען,
און איהר זאל האט זיך נישט צוגעמאכט דיא טהיר,
אזוי פיעל מענשען פלעגען קומען צו איהר.
ארום איהר האבען זיך געדרעהט אלט אי יונג,
און זיא האט גע'דרש'ט, גערעדט מיט א צונג,
און וואס אלץ ווייטער און ווייטער אלע מאל,
איז איהר צוגעקומען דרשות אהן א צאהל,
אי גאנץ אלטע דרשות, אי שפאגעל נייע,
א מאל אויך מעשיות, ווערטלעך גאנץ פרייע.
פון דער מוטער פלעגט זיא ריידען מיט פייער,
איהרע ווערטער זיינען איהר געווען טהייער,
און איהרע רייד ארייגעלייגט פיעל פשט'ליך,
פון איין ווארט אנגעשריבען הונדערט בלעטליך.
פלעגט אויסדרינגען, ווייזען איהרע חברה לייט,
וואס דער מאמעס א מינסט ווערטעל גאר בעטייט.
וואס זיא לאזט מיך הערען מיט איהר'ס א פינטעל.
און איטליכעס ליגט כוונות א גאנץ בינטעל.
זיא האט געגעבען כללים כדי צו פארשטעהן, 59
וויא ווייט און וואהין איהר מאמעס ווערטער געהן.
דאס איז געווען דער שטייגער פון דעם מיידעל,
נאך בשעת טראגענדיג א קינדערש קליידעל,
און איטליכער זאך און אין איטליכס פיצעל
צו זוכען עפעס א קנייטשעל, א שפיצעל
א טהייל מענשען איז דאס גאר ניט געפעלען,
און פלעגען איהר פראסט דיא צונג ארויסשטעלען. 60
זיי זיינען איהר געווען שרעקליכע פיינד,
און האבען חוזק געמאכט פון איהרע פריינד. 61
עס זיינען ארויסגעשפרונגען פארטייען,
וואס פלעגען תמיד זיך קריגען און שרייען.
יודלען פלעגט א מאל דיא דאזיגע זאך
אנמאכען צרות און יסורים א סך.

---

59) מדות שהתורה נדרשת בהן. 60) צדוקים. 61) כת פרושים.

חברה, ואס צווישען זיך אלץ קידער ווידער,
פלעגען אין זיין הויז מאכען א גערידער.

ז.

זינט יודעל איז געווארען אויס שררה,
דענסמאל נאך בשעת דער ערשטער צרה,
איז איהם איין ארענדאר צו זיין אויסגעקומען.
איין פריץ ביים אנדערן איהם איבערגענומען.
אזעלכע פריצים האט ער אויף זיך געהאט דרייא, [69]
ביז נאט האט געהאָלפען, ער איז געווארען פרייא.
זינט ער האט דעם משוגענעם פריץ, דעם שלאק,
געגעבען א וויסטען, א פינסטערען פסק,
און איהם געוויזען וויא טהייער גילט קאָרען.
איז ער אליין א פריץ שוין געווארען.
ער האט אויך בעקומען א גרויסען טיטעל,
מען האט פאר איהם שוין געהאלטען דאס היטעל.
עס איז איהם א לאנגע צייט זעהר געלונגען,
מיט יודלען האט דיא גאנצע וועלט געקלונגען.
דאס האט אנגעמאכט צווישען פריצים א שנאה,
אין יענער צייט האט ביי זיי געהערשט קנאה.
איינער דעם אנדערן האט געווינשען דעם טויט,
דער ביי יענעם אויסגעהאפט דאס שטיקעל ברויט.
ניט מחמת דערמיט זיך אנצועסען זאט,
נאר כדי יענעם צו שאדען, צו האפען גלאט,
נאר כדי טאקי דיא גאנצע וועלט זאל וויסען,
אז ער, פריץ, קען א סך בלוט פארגיסען.
כדי מען זאל הערען, מען זאל וויסען גאנץ ווייט,
אז ניט אומזיסט וואקסט ער פון איידעל לייט.
אזעלכע וויא ער וואקסען ניט אויף דעם מיסט,
אייבעלעך, מעדאלען, טראגט ער ניט אומזיסט.
זיצט ניט ליידיג חלילה, האלט מלחמה,

---

69) גבל, פרס יג.

און נעהמט ארויס ביי פיעל מענשען דיא נשמה.
פתוט נישט, האנדעלט נישט עפעס וויא א קופעץ,
זיין עובדא איז צו געבען א קלאפ, א זעץ.
ער פארשעהמט נים זיין געראָלדיע און זיין שווערד,
קוילעט נישקשה פיעל מענשען אויף דער ערד.
אזוי האבען פריצים געטאהן פארצייטען,
אט וואס זייערע מלחמות בעטייטען.
מען האט זיך געשלאגען, געמאכט א בורע,
בכדי נאר צו פרווען ווער האט מעהר גבורה.
איז איינער געזעסען רוהיג אויף זיין לאנד,
נישט געטשעפעט אפילו א פליג אויף דער וואנד.
האט דער רוח געבראכט א פריץ צו טראגען,
און ער האט איהם געבעך געהארגעט, געשלאגען.
איין פריץ דענסמאל, איין ארץ מחוצף פנים,
איז געווען גזלן פון אלע גזלנים.
א גרויסער תקיף שרעקליך געזונט און דיק,
א מורא געווען אויף איהם צו טאהן א קיק.
ער האט געהאט זעהר שטארקע אייזערנע ציין, 63
איטליכען געפרעסען, געבראכען א ביין.
האט מיט א צונעמעניש, וויא מיר וויסען,
אין יענער צייט פשוט חזיר געהייסען. 64
דער חזיר האט דיא גאנצע ערד אויפגעריהרט.
איטליכען געטרעטען און א וועלט געפיהרט:
פריצים האבען געמוזט צו איהם זיך בוקען,
פון זיינע הענד קיינער נישט ארויס טרוקען.
האט געוואלט אויף דער וועלט זיין נאר איינער,
ער זאל הייסען פריץ, ווייטער נים קיינער.
ידעל, איהם אין דיא אויגען וויא א דארען,
האט אויך געמוזט באלד ליידען פון זיין צארען.
דעם חזיר האט געארט, וואס יודלען איז נט,
און האט זיך גענומען צו צאפען זיין בלוט.

63) דניאל ד׳ ז׳, פסחים קי״ח ב׳ ועיין רש״י שם. 64) תהלים פ׳ י״ד, פסחים שם.

יודלען איז געווען פינסטער און ביטער,
צו זעהן אזא חזיר אין זיינע גיטער,
וואס ער האט זיי בעקומען נים אזוי גרינג,
און איהם שרעקליך טהייער געקאָסט אלסדינג.
עס האט איהם אנגעהויבען זיך דרעהן דער קאָפּ,
פאר עגמת נפש פון דעם פנים אראָפּ.
יודעל האט ביז אהער פון אלע שררות,
נים געליטען אזעלכע גרויסע צרות.

ח.

בשעת יודעל איז מיט צרות געווען זאט,
האט דערווייל זיין ווייב נאך א טאכטער געהאט.
קוים וואס דאס קינד האט געעפענט דיא אויגען,
האט עס פון דער מוטער׳ס ברוסט אלץ געזויגען.
זעהר פריה איז עס ארויס פון דיא וויקעלעך,
נישט געוואלט זיין געבונדען מיט שטריקעלעך.
עס האט זעהר געשריגען נים געלעגען שטיל,
דיא מאמע האט פון דעם געליטען זעהר פיעל.
קוים איז איהר א ציינדעל ארויסגעקראכען,
האט עס ביי דעם זויגען דיא ברוסט געשטאכען.
מחמת ועהטאָג, מחמת שרעקליכע שמארצען
פלעגט דער מאמע אָנחאפען ביי דעם הארצען.
נישט לאנג אבער האט עס געזויגען דיא ברוסט,
זיך צו ענטוועהנען האט עס בעקומען לוסט.
עס האט אין דרויסען ארויס זיך געצויגען,
צו פרעמדע איז עס אויף דיא הענד געפלויגען.
פון דער שועסטער אבער זיך אוועקגעקעהרט,
מיט איהר אזוי וויא גאר נישט זיך אנגעקעהרט.
עס פלעגען זיך האמפערען דיא פארטייען,
דאס קליין מיידעל פלעגט צוביסלעך אויף שרייען.
פאר מעפיסטאָפלען איז געווען א לעבען,
ער האט אנגעהויבען געצען צו וועבען.

אונזער יודלען פארפוטען און זיי,
אין מיטען דעם גרויסען רעש און געשריי.
ווער קען נאך אזוי וויא ער פלאטקעס מאכען,
ער איז א מייסטער אין אזעלבע זאכען.
ער איז דענסמאל געווארען א וואנדערער. 65
געררייזט פון איין פארטיי צו דער אנדערער,
אויף איינער פאר דער אנדערער אפגעזאגט
רכילות און ליגענס וואס ער האט אפגעטאקט.
ער האט אנגענומען פנימער אהן א צאהל,
וויא עס האט איהם געפאסט צום עסק א מאל.
א מאל האט ער פאר א דייטשעל זיך פארשטעלט, 66
נאכגעטאהן דער מאדע, געלעבט אין דער וועלט,
גערעדט גויעש, געריבעש טאקי נאר וויא א גרעק.
געוועזן א גאנצער פילוסוף נאר א שרעק!
ער האט געלייענט אריסטאטלעס ספרים, 67
געלייענט האמער׳ס שירים, זיינע שקרים. 68
האט פאר א למדן זיך פארשטעלט נאר, 69
נישט אוועק פון דער גמרא אויף א האר.
געוועזן וויא א פרוש אין קלויז טאג און נאכט,
און האט עפעס א שפיציג פשט׳יל געמאכט.
פלעגט אויפטאהן חדושים אין דער גמרא,
און פאלען לאמדיש אויף עפעס א סברא.
קיין מנהג איז איהם נישט געוועזן צו שווער,
קיינער נישט געוועזן אזא מחמיר וויא ער.
ער האט קלאמערשט אין א סך זאכען געגלויבט,
און יודעל׳ס עלטערע טאכטער שטארק געלויבט.

---

65) בגמרא (סוטה נ"ב ב׳) אמרו על יצה״ר בתחלה קראו הלך ולבסוף קראו אורח וכו׳ שנאמר ויבא הלך לאיש העשיר. 66) העללעניסט. הם כת היהודים היונים שסגלו להם לשון וחכמת יונית, והיו בזמן בית שני. 67) הוא הפילוסוף אריסטו היוני. 68) הוא המשורר הנודע האמער היוני. ובירושלמי דפרק חלק איתא אבל ספרי המירום וכו׳. 69) ר״ל כת פרושים הם חכמי התלמוד הידועים עמודי בית ישראל.

פלענט זיא חנפה׳נען און נארען מיט שווינדעל,
זיא רופען ביים נאמען: טהייערע מ י נ ד ע ל! 70
און א מאָל האט ער דיא ראָליע פארביטען,
וואס שטעהט געשריבען, זאגט ער, דארף מען היטען,
און אלע פשט׳ליך, וואס יענע טראכטען אויס,
זיינען ליגען, האטשע נעהם ווארף זיי ארויס.
ער לאכט אויך פון גהינם און גן־עדן,
מאלע וואס יענע ווילען אייך איינריידען.
דינט נישט נאט בכדי צו נעהמען דארט געצאָהלט. 71
נאך דעם טויט זיינען מענשען נאר שטיקער האָלץ.
א מאָל האט איהם זיך פארענדערט דאס פנים,
אזוי וויא א חסיד פון ימים ושנים. 72
טראגט ווייסע קליידער און נעהט איינגעבויגען,
ער מאכט כוונות און גלאָצט מיט דיא אויגען,
עסט בשותפות מיט חברה חסידים, לעבט פרייא.
קלייבט קרייטעכצער, גיט זיך אָפּ מיט דאָקטאָרייא.
היילט קראנקע מיט שמות, שפרעכט און טהוט וואונדער,
רופט אָן דיא מלאכים יעדען בעזונדער.
פאר דיא דייטשען רעדט ער אויף דיא למדנים,

---

70) הוא מלשון בעל פה. 71) כוונתו לכת הצדוקים הבלתי מאמינים בתורה שבע״פ והשארת הנפש ובגמול השכר והעונש לעולם הבא ומאמר רבם אנטיגנוס איש סוכו (אבות פ״א) הוו כעבדים המשמשים את הרב שלא על מנת לקבל פרס״ הביאם לידי כפירה זו. 72) כוונתו לכת האיסים (עססעָער) שהם לד״ק החסידים הראשונים. דרכם היה להתבודד באגודת מיוחדת. כל הנספח אליהם לבש לבנים ואכל והי׳ מקופת החברה, כי כיס אחד היה לכלם. כל מעינם היה במילי דשמיא, במלאכים וצבא המרום במרום, והיו רופאי חולים בשמות ובסמי הרפואות שלכך נקראו לדעת קצת איסיים מלשון אסיא שתוראתו רופא, והיו נזהרים מאד לטבול בכל יום תמיד במים, והם סובלי שחרית הנזכרים בדרז״ל. עיין ע״ד הכתות בספרי החכם יאסט, אללגעמיינע געשיכטע דעס איזראעל׳ 1 באנד ז. 517—525. גם געשיכטע דער יודען להחכם גרעטץ חלק שלישי ובמאמר המחוכם ״דידת האומה התעלות האמונה״ להחכם ר״א קראכמאל.

זיי אלע זיינען לייזיג נעהר, בטלנים.
זיי מאכען אן דער וועלט זעהר גרויסע צרות
מיט זייער לערנען וואס טויג אויף כפרות.
טראכטען אוים פון דעם קאפ קרומע איינפעלע,
דרינגען אוים בוידעם אויף איטליכער שטעלע.
זיי זיינען שטאָלץ, שרעקליך פארריסען.
אייך דייטשען וואלטען זיי פשוט צוריסען,
דערפאר וואס איהר קוקט אריין אין א ביכעל,
און טראגט שבת אין קעשענע א טיכעל.
דערפאר וואס איהר זיינט אויסגעקעמט, ריין, נאָבעל,
וואס איהר עסט נים פרייטאג צו נאכט קיין קנאָבעל.
האלט איינער נישט זייערע פוסטע זאכען,
ווילען דיא קלויזנער איהם דיא מיתה מאכען.
וועדליג זיי מיינען, איז גאט זיך מחיה, קווגלט,
וואס ער האט אזעלכע וויא זיי אויף דער וועלט.
מיינען, דער צוועק פון בעשעפעניש אלערליי
איז דער מענש, פון מענשען דער צוועק זיינען זיי.
זיי מיינען עס קומט צו גאט פשוט חיות
פון זייער לערנען, זייערע הויות.
דערמיט ווילען זיי גאט א מענטליק אָנטאָן,
חלעבען, האט גאט טאקי נישט מעהר וואס צו טאהן !
אפגעזאגט פון זיין פזמון דאס לעצטע ווארט,
רעדט ער פאר דיא לומדים שוין אויף דייטשען דארט.
מישטעהענס געזאגט דיא היינטיגע דייטשען,
וואס קענען קיין פרשה חומש פארטייטשען.
זייער גאנצע חכמה בעשטעהט אין ריידען
וויא גוים צו לעבען און זיך צו קליידען.
טראגען נייע מאָדנע הויזען און א רעקיל
און געהן שבת אפילו מיט א שטעקיל.
נעהמען תמיד אן דיא נייע מעטאָדע,
אפילו אין ריידען הערשט ביי זיי מאדע.
קומט ארויס עפעס א ניי מאָדנער געדאנק,
מאכען זיי דערמיט שוין דיא גאנצע וועלט קראנק.
פ'איז א ליצרעם, א געשריי, א געפילדער.

שרייט יענער נים מיט זיי איז ער א ווילדער.
יעדער געדאנק ווערט פראָסט א חיוב, א דין,
שרייט קינדער, יאָ וויסען, נישט וויסען דעם זין.
קענט איהר אפשר מיינען דאס שרייען געווערט,
חלילה, מארגען שרייען אלע פארקעהרט!
א פילוסוף האט פונ׳ם געדאנק געלאכט,
און עפעס נאר איין אנדערען אויסגעטראכט.
פאנאטיקער, רופט אייך ביי זיי גרויס און קליין,
און ווייסען נישט, אז דאס זיינען זיי אליין.
איהר האלט, זאגען זיי, וואס גרויסע שרייבען פאָר, 78
און איהר דייטשליך האלט נישט פון גרויסע? זאגט נאר.
דיא דייטשען חלעבען ריידען אלץ פרעמדס א סך.
דער חילוק צווישען אייך און זיי, איז דיא זאך:
איהר גלויבט אין אלטע זאכען אָהן אונטערשייד,
זיי חאפען וויא הייסע לאָקשען נייע רייד.
דיא לייט מיינען, וואס אלט איז נארעש און שלעכט,
און איטליכע זאך וואס ניי, איז קלוג און רעכט.
איהר, אלטע, האט חלעבען ביי זיי קיין פנים,
זיי האלטען אייך פאר שרעקליכע נאראָנים.
פון זייער גאנץ בענעהמען־זיך איז ניכר,
אז זיי קומט אלסדינג, זיי זיינען דער עיקר,
און איהר זיינט נאר איבעריג, אלטע שקראבעס.
אָט אזוי מיינען דיא דייטשען, דיא דראבעס.
פיעל ערגער נאך פון זיי זיינען דיא חסידים,
מיינען, זיי זיינען ביי גאט דיא בני יחידים.
דיא אלע מלאכים האט גאָט בעשאפען,
זיי זאָלען זיין זייערע קנעכט און שקלאפען.
דיא גאנצע חכמה בעשטעהט נאר אין שמות,
אייך אלע בעטראכטען זיי פראָסט פאר בהמות
האלטען אייך פאר קאלטע מענשליך אָהן פייער,
אייער לערנען ביי זיי נישט ווערטה קיין דרייער.
דיא גאנצע וועלט הערען זיי וויא דעם קאָטער,

---

78) אריסטאריסאָטען.

משוגעים! מען דארף זיי פיהרען צום טאַטער.
פייער און וואסער זיינען ביי זיי זאכען,
וואס זאלען מענשען רייך און גליקליך מאכען.
נאך זיי, דארף תמיד דער מענש זיין פייער היים,
ער בעדארף אזש פלאקערען, לעקען דעם שוויים.
דאס פנים אויסגעפריעט וויא א צימעס,
איין אויסגעוויקט פנימ׳ל איז גאט ניט נמאס!
דאס איז נומער איינס, היינט וויטער נומער צווי:
וואסער, וואסער! שרייען זיי אלץ איין געשריי.
דעם מענשענ׳ס נשמה איז פארשמירט, קראנק מסובן.
מען בעדארף אין וואסער זיך אונטערטוקען.
זיינען דיא זינד רויט, ווערען זיי וויס וויא שנייא,
דאס איז גאנץ געווים וויא צוויי מאל איינס איז צווי.
זיי פליוסקע זיך אין וואסער דיא גאנצע טעג
און ריידען חלעבען עפעס נאר פון דעם וועג.
מישטעהענס געזאגט זייער רייד, נאט אייך נייס!
פון פייער און וואסער רעדט מען משוגענערוויים.
מעפיסטאָפעל, פון חסידים נעמאַכט איין עק,
פארקערעוועט ער דעם דישעל און אוועק.
קומט מיט א פרום פנימ׳על צו חסידים דארט,
און רעדט אויף דיא לומדים אוים וואס אין דער קארט.

ט.

ווען מעפיסטאָפלען איז אמאָל נעראָטען,
יודלען מיט זיינע זאכען צו פאררראָטען:
מיט ליאלקעס, ליבעס, צום לעצט בלוטפארגיסען, 74
וואס דורך דעם האט ער שטארק קריעה געריסען.
נעראָט דעם פאָקוסניק היינט בעסער א סך,

---

74) יומא ט׳ ב׳. מקדש ראשון מפני מה חרב מפני ג׳ דברים שהיו בו עבו״ם וגלוי עריות ושפיכות דמים.

יודלען אומגליקליך צו מאכען מיט איין זאך. 75
וואס דאס איז דיא ערגסטע און שרעקליכע זינד:
ער מאכט אָן שנאת חנם אין זיין הויזגעזינד. 76
ער האט דארט א גוטע קאשע פארקאָכט,
און האט מחמת גרויס פארגעניגען געשמאָכט.
מען האט דארט זיך געבוטצקעט, געקריגט זעהר שטארק,
איינער דעם אנדערען געגעבען אין קארק.
איינעם דעם אנדערען געגעבען א רייב,
איהם געוואונשען: צו ברעכען האלז און לייב.
קריג, פלאָטקעס האבען דארטען זיך אלץ פארמעהרט,
וואס איינער טהוט, טהוט דער אנדערער פארקעהרט.
איינער זאגט נאכט, זאגט דער אנדערער גאר טאג.
איינער שרייט שלאָג זיך ניט, שרייט יענער גוואלד שלאָג!
דער אויף יענעם האט חטאים אויסגעזוכט,
מען האט זיך געשלאָגען, געזידעלט, געפלוכט.
יודעל איז שיעור ניט אראָפּ פון דעם זינען,
האט ערגעץ קיין רוה נישט געקענט געפינען.
האט געהאט נעבעך א הארץ מיט מכות גאל,
פון דעם געשריי איז איהם דער קאָפּ געווען דול.
אין מיטען דרינען וויא ער האט גריזאָטע,
איז ארויס יענער חזיר פון זיין בלאָטע.
אויפגעריהרט יודעל׳ס מאַיאָנטעק מיט זיין צאָחן,
און חשק געהאט איהם צו צורייבען וויא מאָהן.
דער פיינד האט איהם נע׳רודפ׳ט וואס וויטער מעהר,
ביז ס׳איז איהם געווארען ביטער שרעקליך שווער.
אין מיין דערצעהלונג איז מיר רבותים איינג,
ארויסצושטעלען פון דעם פיינד אלע נייגג.
וויא אזוי ער האט סאמע פון אנהויב אן,

---

75) רז״ל מיחסים שני החורבנות למעשה שטן הוא היצה״ר ואמרו עליו (סוכה נ״ב א׳) שנתן עיניו במקדש ראשון והחריבו וכו׳ שנתן עיניו במקדש שני והחריבו. 76) יומא שם מקדש שני מפני מה חרב מפני מה שהיה בו שנאת חנם, ללמדך ששקולה שנאת חנם כנגד ג׳ עבירות עכו״ם וכו׳.

אונזער יודלען נעבעך צרות אנגעטאהן.
איינער קען נאר זאגען: וואס איז פאר א גאנג,
צו מוטשען אונז מיט א מעשה אזוי לאנג.
שא, אהן פרעטענציעס מיינע ליבע אידען,
איך בין רא מקצר און לאָזט מיך צופרידען.
קורץ דער שרעקליכער פיינד האט יודלען פארטראכט
און האט איהם נעבעך אויף דעם פייער געבראכט,
יודעל האט געליטען צרות אהן א צאהל,
דין הויז וויסט, חרוב געווארען וויא א מאָל.
יודעל׳ס מאיאָנטעק קען מען גוט פארגלייכען
צו א גארטען, זעהר א שעהנעם, א רייכען.
וואס האט מיט זיין שעהנקייט איין אויג פארנומען,
פלוצלים איז אהין א חזיר געקומען,
אויפגעריהרט מיט דיא ציין איטליכס בייטעלע,
צוביסען, צוטרעטען איטליכס קוויטעלע,
פון אלסדינג אין דעם גאָרטען תל געמאכט, וויסט.
פון דיא טהייערע רויזען א קופע מיסט.
יודעל איז פון זיין גוט ארויס אהן א העמד,
און געמוחט זיך אוועקשלעפען אין דער פרעמד.

י.

א סך מענשען קען זיין ועט נישט געפעלען
אין מיין דערצעהלונג דיא פיעל טרויעריגע שטעלען,
נאר יודעל׳ס לעבען שילדערען ווער עס וויל,
מוז דערצעהלען צרות און יסורים זעהר פיעל.
וויניג איז אין דיין געשיכטע, יודעל, פרייד,
שרעקליך פיעל זיינען דיינע צרות און לייד.
פאר דיין גוט קעפעל, יודעל, פאר דיין פארשטאנד,
פאר דיין גוט הארץ און פאר דיין אָפענער האנד
האסט־דוא פון אייביג אָן נעבעך געליטען,
ווער עס האט געוואָלט איז אויף דיר געריטען.
דיין קלוג ווייב, אומעטום דיר אָנגעמאכט קנאות,
דיינע מעלות, דיר צוגעצויגען שנאות.

וואלסט קיינעם ניט גרויס געווען אין דיא אויגען,
בנאמנות, ווען דוא זאלסט צו גארנישט טויגען!
וויניג דיינע שמחות, נישט פיעל דיינע פריינד,
פיעל דיינע צרות, אָהן איין עק דיינע פיינד.
ווער עס קען יודעל'ס פיעל צרות נישט הערען,
מעג זיין געשיכטע צו לייענען אויפהערען.
אזוי ווערט טאקי זיין א סך געשייטער
דיא געשיכטע ווערט נאך טרויעריגער ווייטער.
נאקעט און באָרפיס און אָהן א גראָשען געלט,
האט יודעל זיך אוועקגעלאזט אין דער וועלט,
געוואנדערט וויא א בעטלער פון לאנד צו לאנד,
מיט א טאָרבע און א שטעקען אין דער האנד.
פון אזעלכע צרות און פון אזא פיין,
האט יודעל, דאכט זיך, גאר אוים מענש בעדארפט זיין.
נאר יודעל אבער ליידט, טראגט איבער אלסדינג,
מיט'ן ווייב אין איינעם, איז איהם צו ליידען גרינג.
ערשט אצונד פארשטעהט ער וויא זיא איז טהייער,
ליבע ברענט אין זיין הארץ וויא א פייער,
אין דער ביטערער ארעמקייט פיהלט ער זיך רייך,
אלע רייכע לייט זיינען איהם נישט גלייך.
איהר ווערטה צו בעצאהלען, קיינער ניט אין שטאנד,
מיט גינגאָלד און מיט זילבער פון א גאנץ לאנד.
א גוט ווייב איז פאר דעם מענשען א גרויס גליק,
גיט איהם צו לעבען מיט איהר איטליכען בליק,
אין א שווערער צייט שטעלט זיא איהם אויף דיא פיס,
זיא מאכט איהם זיין ביטער לעבען האניג זיס.
יודעל פיהלט, אז ער איז דער גליקליכסטער מאן,
שפיעלט אויף דער עלטער מיט דעם ווייב א ראמאן.
מחמת ליעבע פיהלט ער זיך יונג גאר אויף דאס נייא.
ער ווערט ביי זיך שטארק, פון זיינע צרות פריי,
האלזט, קושט פאר ליבשאפט זיין ווייב, קושט זיא זעהר פיעל.
איך האב דיך ליעב נשמה, זאגט ער מיט געפיהל.
איך האב דיך ליעב פאר דיינע זעהר קלוגע רייד,
פאר דיין גרויס שעהנקייט אפילו אין א פראָסט קלייד.

האב דיך ליעב פאר דיין ליעבע צו אָרימע לייט, 77
ליעב, פאר דיין ליעבע צו א גר פון גאנץ ווייט,
ער איז ביי דיר פארעכענט פונקט וויא א קינד,
איהם א האָר צו קרימען איז ביי דיר א זינד. 78
פאר וואס דוא הייסט, יעדען דעם אמת זאגען,
און אויף איהם קיין שנאה אין הארץ נים טראָגען. 79
פאר וואס דוא הייסט מענשען צו זיין ביי זיך קליין,
און יענעם ליעב צו האבען וויא זיך אליין. 80
פאר וואס דוא הייסט צו בעדינטע נים זיין שלעכט,
נישט צו פיינינגען א דינסטמיידעל, א קנעכט. 81
פאר וואס דוא הייסט, אל־דאָס־ביין צו פארגעסען
דעם פיינד, אין וועלכענס לאנד מען איז געזעסען. 82
דוא ביסט, נשמה מיינע, זעהר גוט, קלוג און שעהן,
אין פייער, אין וואסער וועל איך פאר דיר געהן.
עס מעג וואס עס וויל דא זיך מאכען מיט מיר,
וועל איך, בנאמנות, נישט אָפּטרעטען פון דיר,
ליעב האבענדיג דיך, איז מיר ליעב דיא וועלט אין גאנצען,
אומעטום, דאכט זיך מיר, וואקסען פּאָמעראנצען,
אומעטום זעהן וואונדערליך שעהן אוים דיא פעלדער,
איך הער פייגעלעך זינגען אין דיא וועלדער,
איך הער אומעטום זינגען פרעהליכע לידער,
אלע מענשען האבען זיך ליעב וויא ברידער.
דיא ליעבע בעשאפט מיר א וועלט א נייע,
איך האב דיך ליעב פון הארצען מיין געטרייע.
אזוי האט יודעל אין זיין ווייב זיך פארליעבט
בשעת ער איז געוועזען נעבעך בעטריבט. 83
אזוי איז שוין פון לאנג אין דער וועלט געשטעלט,

---

77) ויקרא י״ט ט׳ י׳, דברים ט״ו ז׳ י״ב. 78) ויקרא י״ט ל״ג ל״ד. 79) שם שם י״ז. 80) שם שם י״ח. 81) שם כ״ה ל״ג. 82) דברים כ״ג ח׳. 83) מרגלא בפומייהו דכל כותבי קורות בני ישראל, כי ברדת האומה במדינות גברה האמונה ועלתה יד התורה עד כי כלם קימו וקבלו עליהם לחרף את נפשם עליה ועל קיומה. ועיין במאמרו של התכם הר״א קראכמאל „ירידת האומה התעלות האמונה״.

אז איז כלל קיין פּאָר פאָלק ניט נעפיהל מיט „עלט.
איהר קענט עס רבותים אויך וויסען פון אייך,
ווייניג פיהלט איהר נעבעך בשעת איהר זיינט רייך,
נאר ווערט איהר אבער ארימע לייט און האט שמאַרץ,
אט דענסמאל ערשט בעקומט איהר א מענשליך הארץ.
דענסמאל הייבט איהר אָן צו פיהלען, צו פארשטעהן,
דענסמאל דערקענט איהר וואס איז גוט, רעכט און שעהן,
איידעל און דעליקאַט, ווייך וויא טייג ווערט איהר,
חאָטשע צוצולייגען אייך צו א געשוויר.

יא.

אז יודעל מיט דעם ווייב געהן אראָפּ פונ׳ם מארק
הייבען זיינע טעכטער אָן צו גילטען שטארק.
וואס ווייטער מיר מענשען ווערען אלץ עלטער,
ווערט אקעגען אונז דיא וועלט אלץ קעלטער.
דיא וועלט האט בעשטענדיג אין איטליכער צייט,
ליעב, נייע פרישצאַפּעלדיגע יונגע לייט.
פון יודעל׳ס צוויי טעכטער איז איצט דיא ריידע,
זיי זיינען אין דער מאָדע, גילטען ביידע,
דער עלטערער האט דיא וועלט ווייניג געארט,
איז געזעסען טאג וויא נאכט אין שטוב פארשפּארט,
זיא איז איבער ביכער תמיד געזעסען,
א גאנצע שאפע ספרים אויפגעגעסען.
אלע זאכען זיך געדרעהט ביי איהר אין קאָפּ,
אזוי וויא אין א מיהל ארויף און אראָפּ.
נישט געוועזען אויף דער וועלט כמעט איין זאך,
זיא זאל עס ניט וויסען, ווייניג צו א סך.
זיא האט אין זיך קענען מיר זאגען זיכער,
איינגעשלונגען פון יענער צייט דיא ביכער.
א בית־מדרש פראסט איז געוועזען איהר חדר,
איהרע פריינד פלעגען דארטען זיצען בסדר,
יעדער האט דארט זיך אפּגעזאגט זיין סליחה,
וואס איהם געפעהלט, וואס איהם איז בעסער ניחא

מען פלעגט זיך חאמפערען, שרייען און קריגען,
קיין איין רגע אפילו ניט געשוויגען,
האט איינער ארויסגערעדט עפעס א הארט,
האט יענער איהם אפגעשלאגען אויף דעם אָרט,
זיי האבען זיך אוועקגעבוטשקעט ביינאנד,
איינער דעם אנדערען געפרעגט ווידעראיינאנד.
איינער האט אויסגעדרונגען שווארץ איז גאר ווייס,
א שרץ ריין צו מאכען אויפגעטאהן נייעס. 84
הערט בעסער נאך א שעהנערע הסברא,
איינער פלעגט גאר רייסען בערג מיט א סברא. 85
מען פלעגט מאכען א רעש, א געטימעל,
א גרויס געשריי ביז דעם זיבעטען הימעל.
מינדעל דערפון געווארען גרעבער, דיקער,
לערנען איז ביי איהר געוועזען דער עיקר.
פרעמדע לשונות האט זיא געקענט אָהן א צאהל,
אין געשפרעך אויסגעמישט אלע מיט א מאָל.
מיט קליידער, מיט ציערונג זיך אויסצופוצען,
דרינען האט זיא ניט געפונען קיין נוצען,
פרעמדע צו געפעהלען האט זיא נישט געוואוסט,
צו שפילען א ליבע האט זיא נישט קיין לוסט.
לעבען דער מאמען צו זיצען וויל זיא גאָר,
מיט דער מוטער ביז הונדערט און צוואנציג יאהר.
דיא יונגערע שוועסטער איהרע אקעגען,
איז נעגאנגען גאר אין אנדערע וועגען.
זיצען אין שטוב נישט אויסגלייכען דיא ביינער,
האט ביי איהר געהייסען א טויט א ריינער.
עם האט איהר עפעס וויא געמאנגעלט, געפעהלט,
נישט א קוק צו טאהן אויף דער ליכטיגער וועלט.
ליעב געהאט זיך אפוואשען, שעהן צו קליידען,
מיט אלע מענשען אין דער וועלט צו ריידען. 86

84) עירובין י"ג ב' אומר על טמא טהור ומראה לו פנים על טהור טמא ומראה לו פנים וכו' שהיה מטהר את השרץ במאה וחמשים טעמים.
85) ברכות ס"ד א'. 86) פעלי המלאכים י"א א' י"ת. אגרת פאול אל רומיים א' ב' ג'.

בײ מײן שװעסטער, פלעגט זיא זאגען, איז אלסדינג
הױך איהר בעקיל בית־מדרשניקעס, װעהר גרינג.
מיט דיא אתה־בחרתניקעס אין אײנעם,
װיל זיא װײטער מעהר נישט װיסען פון קײנעם. 87
אלע מענשען זײנען חלעבען גאט׳ס קינדער. 88
מען קען זײ נישט מרחיק זײן װיא דיא רינדער.
קענען אזױ װיא דיא קלױזניקעס לעבען, 89
זײער נשמה אױך נישט פון קלאָטשע חלעבען.
דיא נאטור, דיא װעלט אין גאנצען אין גאט׳ס קלויז,
נישט דוקא מײן שװעסטער׳ס חדר אין איהר הױז.
פע זיך דולען א קאָפּ מיט װילדע זאכען,
א סך בעסער דאס הארץ אײדעל צו מאכען!" 90
דיא אינגערע, בײם ארױסגעהן אין דער װעלט,
האט גערעדט דיא רײד, װאס מיר האבען געשטעלט.
דער עיקר װאס אין א מעשה איז װיכטיג,
יענעמ׳ס רײד איבערצוגעבען גאנץ ריכטיג.
דאס בעסטע פארגניגען איז איהר געװעזען,
שעהנע מוסר ספרים א סך צו לעזען.
האט אױך א ליעבע ביכעל געמאכט אליין,
װאס האבען עס שטארק געמאכט גרױס און קליין.
אין איהם אלע געפיהלען ארײנגעלײגט,
װאס זיא האט בעשטענדיג אין זײ זיך געװײקט.
זיא פלעגט רײדען תמיד פון ליעבע, פון גליק,
מיט פײכטע אױגען צום הימעל טאהן א בליק.
זיא פלעגט רײדען אלץ מיט געפיהל, מיט פײער,
ליעבע, ליעבע, דאס איז דעם מענשען טהײער.
פלעגט עפטערס שפאצירען געהן מיט איהרע לײט,

---

87) יבמות מ״ז ב׳ קשים גרים לישראל כספחת. ובמדרש רות רבה על הפסוק שובנה בנותי אמרו שדוחין את הגר. 88) אגרת פאול אל רומיים ג׳ כ״ט, האם אלהי היהודים לבדם הוא ולא אלהי הגוים.
89) פעלי המלאכים י״א י״ח, וגם לגוים נתן אלהים תשובה לחיים.
90) אגרת פאול אל העברים י״ג ט׳, אל תנשאו בלמודים שונים וזרים כי טוב לחזק את הלב בחן.

רײדענדיג מיט זײ פארנעהן טאקי גאנץ װײט. 91
זיא פלעגט מיט איהר חן, 92 מיט איהרע הװיות,
צונעהמען בײ יענעם פשוט דאס חיות.
עפּעס האט זיך געהערט אין איהרע לידער:
לאָם מיר זיך ליעב האבען שװעסטער און ברידער.
לאָם מיר ליעב האבען אפילו אונזערע פײנד,
לאָם מיר אי שונאים גוטס טאהן אזױ װיא פרײנד. 93
האט יענער אונזער רעכטע באק געשלאָגען,
לאָם מיר איהם דיא אנדערע אויך צוטראָגען. 94
אזעלכע לידער מיט אזעלכע װערטער,
פלעגט זיא תמיד זינגען אין אלע ערטער.
תחלת זײנען איהרע פרײנד געװען װײניג,
מען איז איבער איהר ניט געװען אײניג.
א טהײל האבען זיא פארנעמערט, געאכט,
און א טהײל האבען פון איהר חוזק געמאכט.
איהר יוגענד איז ניט אָפּגעלאָפען שטיל, גלאט
זיא האט שטארקע צרות און יסורים געהאט. 95
זיא האט װיא דיא מאמע אין פרעמד'ע מקומות
געליטען פון גראָבע מענשען װיא בהמות. 96
ביז ס'איז א גרױסער מאָנארכע געקומען,
און האט זיא פלוצלים פאר א װײב גענומען. 97
ער האט בערעכענט נישקשה װאס ער טהוט,
זײן װײב קומט דאך ארױס פון רב יודעל'ס בלוט.
יודעל'ס יחוס קען נישט צונעהמען קײנער,
פון זײנע בלוטפרײנד אפילו ניט אײנער.

---

91) פעלי המלאכים אגרת פאול הליכותיו ממעיו ומדברותיו. 92) במלת חן משתמשים בעלי הברית על ההשפעה הרוחנית בהרבה מקומות כגון לשבת בחן אלהים, פעלי המלאכים י"ג מ"ג וכיוצא בו. 93) מתיא ה' מ"ד. 94) שם שם ל"ט, ואם איש יכך על הלחי הימיני הטה אליו גם האחר. 95) כמו שכתוב בברית החדשה בכמה מקומות. 96) כנודע לכל הקוראים בספרי הקורות מהרדיפות שסבלו בעלי הברית בתחלת במדינת רומא. 97) הוא הקיסר קאנסטאנטין הגדול שקבל הברית החדשה בעשרים ושנים לחודש מאי שנת 337 למספרם.

אדרבה זאגט חלעבען, עולם, איך בעט אייך,
ועמעס עלטערען זיינען וויא זיינע גלייך.
מאבט אייך חאטשע יודלען פאר א מיעשטשאנין *
ער איז פארט איידעלמאן, א דוואראנין **
ער בעדארף נישט קויפען קיין דיפלאם פאר געלט,
זיין יחוס־בריף איז גאנץ אלט, אלט וויא דיא וועלט.

יב.

יודעל׳ס טאכטער א מאן מיט געלד בעקומען,
האט כמעט דיא גאנצע וועלט אפגענומען.
דיא איז געווארען באלד דיא ערשטע דאמע,
געלעבט א סך גליקליכער פון דער מאמע.
בעדינטע האט זיא געהאט א סך וויא האלץ,
איז אין עושר און כבוד געווארען שטאלץ.
שררות האבען זיא געטראגען אויף דיא הענט,
דיא גרעסטע מאנארכעס מיט איהר זיך בעקענט,
יעדער האט צו גאסט זיא געבעטען צו זיך,
איהר נאמען האט אין דער וועלט זיך פארברייט גיך.
יודעל האט דערוויל, נישט פאר אייך געדאכט,
זיין לעבען נעבעך אין צרות פארבראכט.
איז אין דער פרעמד עלענד געווען וויא א שטיין,
שרעקליך ארעם, שרעקליך נידריג, שרעקליך קליין.
ער האט געליטען, זיך געמוטשעט צום טויט,
וויא צו דערטאפען א טרוקען שטיקעל ברויט,
וויא צו בעקומען ערגעץ עפעס א לאך,
איבערצוהיצען רוהיג חאטשע א וואך,
צו פריטולען זיך דארטען וויא נאר מעגליך,
און נישט בעדארפען זיין נע־ונד טאג טעגליך
ער האט, כדי צו דערנעהרען דאס הויזגעזינד,
געמוטט נעבעך אנקומען צו זיין רייך קינד.

---

*) איינפאכער בירגער. **) עדעלמאן.

אז אָך און וועה אבער איז דיא פעטער,
וואס קומען אָן צו קינדער׳ס הילף שפּעטער.
זיי ווערען בעטראכט פאר שומים נאראָנים,
פארלירען זייער ווערטה, דאס גאנצע פּנים.
עס געפעהלט ניט אין זיי זייערע קינדער
איטליכע זאך, איטליכס פיצעל בעזונדער,
עס געפעהלט זיי ניט א מאָל זייערע רייד,
זייער גאנצע אויפפיהרונג און זייער קלייד,
און א מאָל געפעהלט ניט וויא דיא אלטע שטעהן,
וויא זיי עסען און טרינקען און וויא זיי געהן.
געהן זיי אריין אין שיך מיט דער קאפּאָטע,
זאגט מען: זיי טראָגען אין זאל אָן דיא בלאָטע.
געהן זיי געבעך אונטען אין דיא קעך אראָפּ,
זאגט מען: זיי נאשען, נעהמען ארויס פונ׳ם טאָפּ.
ווילען זיי ארייַנקומען בשעת מען עסט,
זאגט מען: נישט פּטור צו ווערען פון דיא געסט!
ווילען זיי זיצען אין איינעם מיט דיא קנעכט,
זאגט מען: דיא אלטע מאכען זיי חלעבען שלעכט.
חאפּען זיי זיך צו העלפען אין עפּעס א פאך,
זאגט מען: למאי מישט איהר זיך אין א פרעמדער זאך,
האבען זיי אבער פון וויַיטען זיך געשטעלט,
זאגט מען: עס געהט זיי נישט אָן דיא גאנצע וועלט.
שווייגען זיי, זאגט מען: פאר וואס שווייגען זיי שטיל.
ריידען זיי, זאגט מען פאר וואס ריידען זייא פיעל.
הכלל וואס זיי זאלען טאהן וועט ניט זיין גוט,
אייביג וועט מען זיי פארטריפען זייער בלוט.
יודלען מסתמא אויך געוועזן וועה און ווינד,
אז ער האט בעדארפט אָנקומען צו זיין קינד.
דאס קינד אבער קען מען ניט שולדיג מאכען,
ליבע איז איהר בעסער פון אלע זאכען.
וויא קען אויף איהר זיך קלאגען אונזער אידעל,
אז ליבע איז געוועזן תמיד איהר לידעל.
האט עס געמיינט טאקי ערענסט, גאנץ זיכער,
טעץ טאהן א פרעמדען, א קרוב נאך גיכער.

שולדיג זיינען דא געוועזען א פנים,
טאקי נאר פון איהר מאנ'ס צד דיא מחותנים.
א טהייל האבען, כפי אין דער וועלט איז א קלאנג,
אויף יודלען פארדראס געהאט נאך פון גאנץ לאנג.
א טהייל רייכע און גרויסע שררות ווידער,
נישט אנגעשטאנען מיט יודלען זיין ברידער,
יודעל, א שלעפער פון א פרעמדער נאציע,
זאל מיט זיי, מאנארכעס, זיין פאני־בראציע,
א טהייל האבען געזאגט מיט א גרינג געמיט:
מילע יודעל יאק יודעל, ער געהט נאך מיט,
למאי קומט נאך צופאשען, צו געבען עסען
זיין גראבער, דיקער מויד, וואס איז פארזעסען.
זיא מיט איהר פעקיל וואס מאכען הויות,
טהון גאר נישט חוץ נאר וואס לערנען משניות.
למאי זאל מען נאך פאסען אזא פויל מיידעל,
וואס פוילט זיך אויסוואשען איהר פארשמירט קליידעל.
וואס לא די עס איז, מישטעהענס געזאגט פויל,
האט עס נאך אויף שרויפען א פיסקעל, א מויל,
זיא זידעלט, לאזט ניט אויס פון אונז נישט איינעם,
איז ביי זיך פארריסען און הערט נישט קיינעם.
מיט אזעלכע ווערטער פון יודלען געלאכט,
האבען זיי איהם ביי דיא קנעכט מבוזה געמאכט,
דיא קנעכט האבען עס געהערט פון דיא שררות
און פלעגען יודלען געבען אנטאהן צרות,
מיט המצאות איהם געגנג בלוט פארגיסען,
ביז מען האט איהם געלאזט נעהמען א ביסען.
זיי פלעגען נאך שטילערהייד צו ביסעלעך
אונטערשיקען אויף איהם אונטערשיסעלעך,
אויסטראכטען ניט געשטויגען, ניט געפלויגען,
פלאטקעס, בלבולים, וועלכע זיי פלעגט טויגען.
יודעל איז זייער בלוטפיינד נאר אויסגעטראכט,
און איהם געבען פראסט אויף דעם פייער געבראכט.
פלעגען אויף איהם הינט אנרייצען אהן איין עק,
און הנאה האבען ווי ער שרייט פאר שרעק.

ג.

יודלען אין דער וועלט צו לעבען שרעקליך שווער,
איז ער פארשפארט אין דער היים געזעסען מעהר.
זיין גאנץ לעבען איז געוועזען דאס הויזגעזינד,
זיין איינציגער טרויסט דאס קלוגע ווייב און קינד.
יודעל אין דער היים און יודעל אין דער וועלט,
ווערט אין צווייערליי געשטאלטען פארגעשטעלט :
אין דער וועלט א קנעכט, א בעטלער, א שמאטע,
אין דער היים א האר, א מאן און א טאטע.
דארטען א ווארעם, וויא א פליג נעבעך שלאף,
צו הויז א גאנצער יש, א פריץ, א גראף.
דארט אהן לייב און לעבען, אהן א שום געפיהל,
דא קומט איהם צו חיות, ער לעבט, פיהלט זעהר פיעל.
דארט א לא־יוצלח, אהן בילדונג, אהן א צינג,
דא א למדן, א מבין, פארשטעהט אלסדינג.
אין דער וועלט דערשלאגען פון המנ׳ס מסירות,
אין דער היים פרעהליך, לוסטיג, זינגט זיך זמירות,
דארטען פארגעסט גאר יודעל זיינע שמארצען,
האט ליעב זיין ווייב, זיין קינד פון גאנצען הארצען.
ער פוצט זיין ווייב מיט וואס ער קען נאר קריגען,
זיא צו פוצען שטענדיג איז זיין פארגניגען.
היינגט וואס ער דערטאפט אויף איהר אן, אי שמאטעס
זיא געהט בעהאנגען פון קאפ ביז דיא פיאטעס.
א שעהן ווייבעל אבער מאכען קליידער נישט אויס,
פון דער בלאטע אפילו בלישטשעט זיא ארויס.
מינדעל זיין טאכטער איהם אויך שטארק אין זינען,
פלעגט אין איהרע רייד פיעל חכמות געפינען.
וואס דיא וועלט האט גערעדט אויף איהר מיט שנאה,
האט ער עס צוגעשריבען נאר צו קנאה.
„ווייס איך דען נים, פלעגט ער זיך תמיד קלאגען,
אז עס איז נים אמת וואס שונאים זאגען,
איך זאג עדות וויא זיא האט פיינט בטלנים.

אהן א מלאכה, זאגט זיא, ווערט מען גזלנים. 98
זיא זאגט: דיין שטוב זאל אָפען זיין אלע צייט,
און לאזען ארעמע זיין דיינע הויזלייט. 99
איך זאָג עדות, וויא זיא הייסט מיט איהרע רייד
ליעב האָבען אלע מענשען אָהן אונטערשייד. 100
קיין שום מענשען מבזה צו זיין הייסט זיא ניט,
זעהר, זעהר צו האָבען א נידעריג געמיט. 101
מענשען וואָס דינען עבודה זרה גאָר,
אפילו זיי אויך נישט צו קרימען א האָר,
זייערע אָרעמע צו שפייזען גאַנץ פיין,
זייערע קראַנקע מבקר־חולה צו זיין, 102
זייערע טויטע נעבעך צו בעקלאָגען,
פונ'ם אבל'ס הארץ צער ארויסצושלאָגען. 103
מען דארף זיא נאָר אזוי וויא איך קענען רעכט,
וועט מען ארויסזעהן, זיא איז גאָר גוט, ניט שלעכט.
זיא איז א מלומדת מיט אלע מעלות,
קען וויא דער גרעסטער רב פסק'ענען שאלות.
קען וויא א זאקאָנטשיק *) דעם זאקאָן, דעם דין,
וויא א דאָקטאָר פארשטעהט זיא דיא מעדיצין.
קען אויך דיא פיזיקע, דיא אסטראָנאָמיע,
חשבון, פאָליטיקע, און עקאָנאָמיע.
קען נאַטורנעשיכטע וויא א פראָפעסאָר,
און דיא אנאַטאָמיע קען זיא נאָך בעסער.
אין דער אלטער היסטאָריע ביז אויף א האָר,
איז זיא אזוי וויא א יוד אין אשרי קלאָהר.
היינטיגע קענער מעגען זיך ניט שעהמען,
דרינען חלעבען ביי איהר שטונדען צו נעהמען.
היינט איהרע גלייכווערטליך זיינען זעהר שפיציג,
און איהרע משלים גאָר חידושים וויציג. 104

---

98) קדושין נ׳ ב׳. כל שאינו מלמדו אומנות מלמדו ליסטות. 99) אבות פ״א ח׳. 100) שם שם י״ב. 101) שם פ״ד ג׳ ד׳. 102) גיטין פ״א א׳. 103) תוספתא פ״ג. *) וריסט. 104) יאתאן בוקסדארף בהקדמתו לספר השרשים ארמית ותלמודית.

פון לייטישע רייד פאל איך נאך נישט אראפ,
מיר טהייערע טאכטער, זאל זיין פאר דיין קאפ !"
דערמיט פלעגט יודעל ענדיגען זיינע רייד,
א קוש טאהן דיא טאכטער און וויינען פאר פרייד.
לעבען ווייב און קינד האט יודעל פארגעכוען,
אז ער איז ארעם, האט נישט וואס צו עסען,
פלעגט נאך תמיד האפען און טראכטען ביי זיך.
אט, אט לייזט איהם דער אלטער טאטע אויס גיך.
ער טהוט דאך דעם טאטען טאקי פארט זעהר באנג,
איהם צו העלפען האט ער פארשפראכען נאך לאנג.

יד.

ביז איצט האט יודעל נאך א האלבע צרה.
וויינענסטענס זיצט ער צו הויז וויא א שררה.
זיצט גאנץ רוהיג ביי זיך מיט זיין הויזגעזינד.
באלד אבער ווערט דארט אויף א שטורעמווינד.
פיינד פלעגען זיך אפט אין זיין הויז פארקלייבען,
זידלען זיין טאכטער נעבעך און זיא טרייבען.
זיי האבען אויף איהר מיט רשעות אלע מאל,
אויסגעטראכט בלבולים, שקרים אהן א צאהל
איהר נעבעך געוואלט דיא אדערען טרענען,
צורייסען אח אויף דעם פייער פארברענען. [105]
יודלען פאר צרות דיא גאל שיעור צוזעצט.
נעהמט ווידער זיין טארבע, זיין שטעקען צום לעצט.
און בלאנקעט זיך ארום אהין און אהער,
וויא א שעפעלע נעבעך, און וויא א נר.
ער וואנדרעוועט נאר אחן א סוף, אחן איין עק.
וואהין ער קומט, טרייבט מען איהם נעבעך אוועק

105) בכל דור ודור היו עומדים שוטנים על התלמוד לכלותו ולשרפו באש, כמו גרעגאר הרביעי, אינאצענץ התשיעי, בענעדיקט הי"ד. גם הצורר יאהאן פפעפערקארן, וכרוטה עוד הרבה, המנוים בספרי תקורות יאסט וגרעטץ.

צו וועלכער שטאדט ער קומט הערט צר איין לידעל:
נעה ווייטער, דאָ טאָרסט־דוא ניט זיצען אידעל!
בעדארף ער אויף דעם וועג איבערגעהן א בריק,
זאגט מען: צאָהל אידעל, אלא ניין, געה צוריק.
בעדארף ער וואנדערען ערגעץ דורך איין אָרט,
בעצאָהל יודעל, בעצאָהל! הערט ער אַלץ איין ווארט.
ער האט נעקענט אין איין טאג עטליכע מאל
פאר זיך צאהלען וויא פאר א קוה דעם „לייבצאהל“. 106
אז ביי זיך צו נעכטיגען לאזט איהם איינער,
צאהל געלט, זאגט ער, פאר אויסגלייכען דיא ביינער.
בעצאהל „שוצגעלד“ טאקי דערפאר וואס דוא זיצט,
וואס איך זעה דיר דא פאר מיינע אויגען איצט. 107
הכלל איז אין איטליכען אָרט אויף דער וועלט,
הערט ער אַלץ שרייען: יודעל גיב געלט, גיב געלט.
יודעל גיעב נעלט, פלעגט א מאל איינער זאגען,
אויב ניט וועל איך דיך הארגענען, טויט שלאגען. 108
יודעל גיב געלט, פלעגט זאגען דער אנדערער,
וועסט־דוא זיצען ביי מיר, ניט זיין א וואנדערער.
יודעל, פון דעם וועג מיעד, שלאף צובראכען,
האט, אבי צו רוהען, אלסדינג פארשפראָכען.
האט ער אבער דאָרט נערוהט? איז דיא פראגע,

106) את „לייבצאלל“ שלם כל איש יהודי בדרך, בבואו ממקום אחד למקום אחר. איין ארמער מאַן, פאטער פאָן קינדערן, דער זיך פאן דעם פערקויפע אלטער קליידער ערנעהרטע, צייגטע פיר 5 און א האלב גולדען צאלצעטעל אויף, דיא ער א. ז. וו. ענטריכטען מוסטע בינגען 6 טאגען... זא קאם ער אַם ענדע צו זיינער בראָדלאָזע פאַמיליע גיכט נור מיט גיכטס, זאָנדערן נאָך מיט 2 טהאַלערן שולדען“. איזר. געשיכט. העכט ז. 155.

107) היהודים היו משועבדים למלך בגופם ובממונם והיה ביכלתו לעשות בם כרצונו, שלכך נקראו: „קאַממערקנעכטע“ והמכס הגדול אשר גבה מהם נקרא „שוטצגעלד“, ר״ל בגלל אשר ישבו בארצו ויחסו בצל כנפיו. שם 126. 108) ראה שם „יאגד נאָך דעם פערמעגען“ פאראגראף 4.

ניין ! ביטער, פינסטער איז געווען זיין לאגע.
יודעל האט מיט דעם נאָז געאַקערט דיא ערד,
געגאַנגען אין דעם יאָך נעבעך וויא א פערד,
זיך געשלאָגען קאָפּ אן וואַנד, געמאַכט דיא קינץ,
וויא אזוי צו דערטאַפּען דאס ביסעל מינץ.
מען בעטראַכט איהם פאר א מעלקענדע קיה,
דער פריץ מעלקט איהם, וויל לעבען פון זיין מיה.
יודעל ווערט א קיה, אויף קעז און אויף פוטער !
ער גיט מילך, איהם אבער גיט מען קיין פוטער,
מען פערטרייבט איהם אין א בעזונדערען אָרט, 109
אין מיסט אין בלאָטע וואַלגערט ער זיך דאָרט
הינט קריכען דורך דעם צוברָאָכענעם טויער,
פאַלען אויף איהם אָן, חאַפּען איהם ביים אויער. 110
ווערט ער יאַלאָווקע מיט ליידיגע אייטער,
טרייבט איהם נעבעך דער פריץ ארויס ווייטער.
ער געהט, געהט, קוים וואס ער פלאָנטעט מיט דיא פיס
וועלכער עס בעגעגענט איהם, גיט איהם א ביס.
יודעל גיב געלט, זאגט ווידער איין אנדערער,
וועל איך דיר לאָזען ביי מיר זיצען וואַנדערער,
בכדי פון וועג אויסצורוהען א ביסעל,
זאגט ער צו, און בלייבט ביים פריץ אין שליסעל.
זיצט ער דאָרט האַטשע רוהיג ? אבער גאר ניין,
דער פריץ וויל פון איהם אפּלעקען א ביין.
יודעל ברעכט דעם קאָפּ און פאַלט אויף הסברות,
טהוט, האַנדעלט, געהט ארום אין איינע צרות,

---

109) געטאָ אָדער יודענגאַססע. ממאת העשתי עשרה החלו מלכי איטאליא צרפת ואשכנז להושיב את היהודים ברחוב מיוחד ולכלוא אותם שמה כמקנה בקר. בערב סגרו שער הרחוב מבוא ונפתח בבוקר. 110) ובכל זאת היו מתפרצים שמה שודדים מדלת העם לשלול שלל ולבוז בז ויעשו ביהודים כרצונם. שם ז. 153. וכמה מעלות טובות לארצנו אמעריקא, עלינו, אשר פה לא סבלנו ולא ידענו את כל הרעות והנאצות האלה, לפיכך אנחנו חייבים להודות לה ולאהוב אותה בכל נפשנו ובכל מאדנו.

ער לויפט אהער, לויפט אהין און מאכט דיא קינץ
וויא אזוי צו בעקומען דאס ביסעל מינץ.
מען צווינגט איהם נעבעך צו מאכען מיט דער רייף.
זיין גראשען איז כשר, יודעל נאר איז טרייף.
אונזער יודעל ווערט דאס כפרה הינדעל,
ער ניט געלט און איהם פאטערט מען מיט שווינדעל.
מען לאזט איהם ניט אטהעמען, ניט לעבען פריי,
יודעל איז, זאגט מען, א שווינדלער, א שאחריי.
דערפאר געה אנגעטאהן אין א מין שמאטע,
אויף דעם רוקען נעה, זיי מוחל, צו א לאטע, 111
טראָג דערצו אויף דעם קאָפּ א ציגען שוועָנצעל, 112
אין דעם זינג מה־יפית, און געה א טענצעל.
אין דעם דערקענט איהם איטליכער בעזונדער,
נעהט ער אין גאס לויפט מען אויף זיין בייז וואונדער.
מען שרעקט מיט איהם א קינד, וויינט עס ביי ועמען,
שא, שא ! יודעל וועט דיך אין טאָרבע נעהמען,
ציט ! וועסט־דוא הלילה מאהן נאך איין געשריי,
וועט דיר גאָר אויפעסען יודעל חאלעמייא ! 113
אז דער פריץ זויגט יודלען אין גאנצען אויס,
בעט ער איהם שעהן מחילה און טרייבט איהם ארויס.
יודעל גיב אויף הוצאות, יודעל גיב געלט !
שרייט א חאליאסטרע, וואס שלעפט זיך אין דער וועלט
וואָס זאָגסט דוא אָן צום פעטער רב ישמעאל ?
מיר געהן פון דאַנען קיין ארץ־ישראל ! 114

111) להבדיל את ישראל מכל העמים לחרפה ולבושת גזרו שיהיו מצוינים כעבדים במלבושיהם ולעשות סימנים מיוחדים על בגדיהם מצבע צהוב או אדום. העכט ז. 154. 112) בצרפת גזרו על היהודים בשנת 1272 לשאת קרן בכובע. שם שם. ובספר צמח דוד חלק ראשון כתוב : בשנת רנ״ו נצטוו בני עמנו בעיר וויניציא לשאת על ראשם כובע צהוב. גם בגדי היהודים בפולין והשטריימיל היו נשואים עפ״י הגזרה המפורסמת. ולזאת עלינו להודות לממשלתנו הנדיבה אשר מעולם לא הבדילה אותנו לחרפה ואדרבא כל ישעה וכל חפצה כי נלבש בגדי חופש, לבלתי יהיה שם ישראל לגדופה. 113) היא עלילת

אין ווענ וועלען מיר זיין בײ דיין משפחה,
מיר ווילען בײ זײ נעהמען זייער ברכה.
מיר וועלען חלילה זײ נישט פארשעהמען,
נעהן און זייער ברכה פריהער נישט צונעהמען.
מיר נעהן דאוונען דארט אין דעם היילינען לאנד,
קומט דאך אונז יודעל, עפּעס געלט אין דער האנד.
נעהמען בײ איהם צו דאס לעצטע שטיקעל ברויט,
שלאגען איהם נאך גאנץ גוט, מאכען איהם דעם טויט.
שרעקליך קויטיג, פארשמירט, יודעל, איז דיין לייב,
זאגט איהם איינמאל א פריץ מיט זיין פרום ווייב, 115
דוא קענסט נאך איטליכען בײ מיר איינשמירען,
מען מוז דיר חלעבען אין באד אריין פיהרען.
דער גרויסער בעדער דענסמאל טארקוועמאדע, 116
האט אויסגעהייצט זיין בעדיל *) מיט פאראדע —
א בעדער איז ער נעווען א געטרייער,
דיא היטץ אין זיין בעדעל נעוועזן היים פייער,
האלץ האט ער נישט נעהאלטען אונטער דעם שלאס,
אויסגעהייצט אין איינמאל מיט א גאנצען סטאס —
טארקוועמאדע א קאטאוועס, ער אליין,
האט מיט זיין כבוד אויפגעגאסען אויפ'ן שטיין.
עס איז געווארען א פארע וויא א רויך,
און אויף דער גאנץ אויבערשטער באנק אין דער הויך,

דם. שהאשימו את היהודים כי שוחטי הילדים חם. 114) ר"ל מסע הצלב (קרייצציגע) לארץ הקדושה בדורות הבינים, ואמרו הנוסעים, עד שאנחנו הולכים להכרית האויבים הרחוקים נכרית נא לראשונה את היהודים אויבינו שבארצנו, ואז סבלו היהודים מאד כנזכר בכל ספרי הקורות, ועיין ביחוד בס' דברי הימים, מאת החכם הקדמון יוסף הכהן הספרדי. 115) הוא פערדינאנד הקנאי מלך ספרד ואשתו איזאבעללא הידועה, אשר בחשבם כי היהודים יטמאו את ארצם התעיבו עלילה להעלותם על מוקדי אש בזמן האינקוויזיציאן שיסדוהו חמה ואח"כ כלה גרשום מארצם. 116) הוא הגראססאינקוויזיטאר שהאמאס פאן טארקוועמאדא שחי בזמן ההוא והצר ליהודים עד מאד. יאסט אללג. געשיכ. ז. 401 ותלאה. *) אויטא־דע־פע.

אויסנעצווינגען מחילה אונזער יודלען באלד,
און איהם דאָרט געפּאָרעט דיא ביינער מיט געוואלד.
יודעל נעבעך שרייט געוואלד, עס שאַרפעט, אַי, אַי.
ווער הערט דיך, זאגט דער בעדער, נישקשה שריי,
לאָז שרפענען, ברענען, שוויין נאר, יודעל שוויטץ!
מען דארף נאָך אונטערגעבען א ביסעל היטץ.
מענשעלעך שטעהן ארום און לאכען אלע,
וויא מען פּאָרעט דאָ יודלען נאַפּראַפּאלע.
יודעל, לאכען זיי, וועט דיא באָד געדיינקען,
ער וועט נאָך אזא היטץ חלעבען לאנג קריינקען.
פּריצים פלעגען אין יענער צייט שפּאַס טרייבען.
זייערע שטוקעס איז נישט צו בעשרייבען.
פלעגט א מאָל חאַפּען איינעם פון דער גאַס,
און איהם דיא נשמה ארויסנעהמען אויף שפּאַס.
באָד־געלט, יודעל, האט מען געשריגען גאנץ שטארק,
לאָז אונז דיינע זאַכען און גאָ דיר אין קאָרק.
מען האט יודלען דארט דיא הויט אפּגעריבען.
דערנאָך נאַקעט און באָרפיס ארויסגעטריבען. 117
אזוי האט יודעל געמוזט אלץ וואנדערען,
כסדר פון איין פּריץ צו דעם אנדערען.

---

117) הוא גירוש ספרד. כתב השר דון יצחק אברבנאל בתחלת ספר מלכים וזה לשונו: בשנת מזר״ה ישראל לכד מלך ספרד כל מלכות גראַנאַדאַ... יצא דבר מלכות ודתו: לכון אמרין כל משפחות בית ישראל כי תעברון במים ותסגדון לאלהי הגוים טוב הארץ תאכלו, ואם תמאנו קומו צאו מתוך עמי, מארצות ספרד.... וכמשלש חדשים לא תשאר פרסה וילכו בלא כח שלש מאות אלף רגלי העם אשר אנכי בקרבו״. והחכם יאסט כתב בספרו אללג. געשיכטע דעם איזראל ז. 402 „דאס עדיקט פאָם 31 מארץ 1492, וועלכעס זעמטליכען יודען דעם לאנדעס בעפאהל, בינבען פיער מאָנאַטען דאס לאנד צו רוימען, אהנע יעדאָד גאָלד אונד זילבער מיטצונעהמען״. תכונת בהתיסדות האויטאַ־דע־פע היתה לתתעולל על בעלי נכסים מופלגים ולקחת מהם את נכסיהם.

איצט ערשט האט יודעל פארשטאנען זיין חלום,
א מאָל בשעת ער איז געזעסען בשלום.
ער איז מקוים געווארען, האט ער געדאכט,
און פון זיין לעבען א חד־גדיא געמאכט.
דער חד גדיא איז געווארען זיין לידעל.
אזוי האט טרויעריג געזונגען אידעל:

חד גדיא. חד גדיא!

עס חלום'ט זיך מיר א מאל אין שלאָף,
וויא פון א מענשען ווער איך א שאָף.

חד גדיא. חד גדיא!

אין דער מדבר דאָרטען זיך פאראירט,
האבען מיך א טשאטש וועלף דערשפירט.
זייערע שארפע ציין און פון דיא אויגען
פונקען פייער שרעקליך געפלויגען.

חד גדיא. חד גדיא!

וויא זיי נעהמען מיך אָן ביי דעם עק,
קומט א פריציל האפט מיך אוועק.
מיך געמאָלקען, מיין מילך געגעסען,
צו פיטערען מיך גאָר פארגעסען.

חד גדיא. חד גדיא!

קומט א דוקעס'ל מיך אוועקגעפיהרט,
מיך געשאָרען, מיט מיין וואָל זיך געצירט.
אָן מיר אליין זיך גאר פארגעסען,
צו געבען מיר א שטעלכען און עסען.

חד גדיא. חד גדיא!

קומט א בעדעריל פיהרט מיך אין באָד.
מיין קויטיגע וואָל איז איהם א שאָד.
וואשט מיך, שערט מיך, קיין האָר פארגעסען.
לאָזט מיך נאקעט, הונגעריג אָהן עסען.
חד גדיא. חד גדיא!

קומט א קצב'ל קויפט מיך אויעק.
מיך אויסגעטאפט פון קאָפּ ביז דעם עק.
צו פיטערען מיך נישט פארגעסען,
כדי פעטערהיים מיך אויפצועסען.

חד גדיא. חד גדיא !

קומט א שוחט'על האפט מיך ביים קאָפּ,
מיך אנידערגעליינט וויא א סנאָפּ.
שטרעקט מיין העלזעלע אויס, פליקט פליק, פליק.
ניט א פיהר דעם חלף און מאכט חיק.

חד גדיא. חד גדיא !

הערענדיג יודלען דעם חד גדיא זינגען,
קען מען פשוט פון דער הויט ארויסשפרינגען.
אין זיין ניגון הערט זיך טרויער, זעהר פיעל שמארץ,
איטלעכס ווארט זיינס נעהמט פשוט ארויס דאס הארץ.
אין זיין ניגון'דעל הערט זיך א שטיל געוויין,
עס קען חלעבען ריהרען אפילו א שטיין.
עס שטעלען זיך קאפויר דיא האָר פון דעם קאָפּ,
און עס נעהמט ביי איטליכען דאס לשון אָפּ.
עס הערט זיך וויא שלאפע קינדערלעך קלאָגען :
פאר וואס איז אונז געקומען אזוי שלאָגען ?
פאר וואס איז געקומען אין פנים א שפיי,
אז מיר האבען זיך געשפילט אביסעל פריי ?
עס הערט זיך וויא א מאמע בעוויינט איהר קינד.
מען בעגראָבט דיך אין דער ערד, וועה מיר און ווינד !
מען בעגראָבט דיך אין דיינע בעסטע יאָהרען,
וועה מיר, וואס האב אזא גוט קינד פארלאָרען !
עס הערט זיך וויא א פארוואגעלטער חליפעט.
דאס לעבען איהם נמאס, קוים וואס ער זיפעט.
הערט מען אונזער יודלען זינגען צו צייטענס,
דאכט זיך חלעבען, ער וויינט גאר פון דער ווייטענס.
זיין געזאנג איז א וויינען טאקי חלעבען,
ער האט געענג צו וויינען אין זיין לעבען.

יודעל איז טרויעריג, קוקט וויא א גולם,
ער לעבט וויא אין חלום, נים אויף דעם עולם.
זיין לעבען דא האט ער אין יסורים פארבראכט,
וואס דארטען, דארטען טהוט זיך, זיצט ער און טראכט.
ער טראכט פון עפעס אזא מין קעניגרייך,
וואס דארט קען ער לעבען גליקליך לייטען גלייך.
ער בויט זיך דארט אויס וואונדערליכע שלעסער,
איין שלאָס פון דעם אנדערן שעהנער גרעסער.
רייכער און שטארקער פון אלע איז ער דארט.
טויזענד משרתים וואקסען אויס, זאגט ער א ווארט.
משרתים, אזעלכע נישט בנמצא אויף דער וועלט,
נישט צו בעקומען ערגעץ פאר גאר דאס געלד.
איטליכער משרת נאָר א שפירט, א פייער.
יעדער האט ארבייט, דיא צייט איז זיי טהייער.
אך, וויא וואונדער שעהן זיי גרייטען איהם צום טיש!
ברייגנגען איהם גוטען וויין, געבראָטענס און פיש. 118
ער ליגט צולייגט וויא ביים טאטען אין וויינהויז.
ארום איהם דיא גרעסטע מיוחסים פון קלויז.—
פון פיעל צרות און רדיפות אין זיין לעבען,
פון א סך טראכטען און אין דער לופט שוועבען,
האט ביסלעכוויים זיך פארדרעהט איהם דער מוח
און ליגט אצונד טויט קראנק נעבעך אהן כח.

טז.

א פינסטער שטיבעל אויף א הינערש פיסעל,
מהיר און טויער פארשפארט, אהן לופט אביסעל.
נישט געווען אָפען אפשר א יאהר הונדערט,
ערגעץ אין א העק, פון לייט אפגעזונדערט.

---

118) בבא בתרא ע"ח א'. סנהדרין צ"ט א'. בפיוט אקדמות ובכל המקומות הנרשמים האלה יתואר ענין גן העדן וסעודת היתורים מן שור הבר ולויתן ומיין המשומר.

דאס האט מען פאר יודלען אויסגעוועהלט איין ארט.
אין געהאקטע וואונדען קראנק צו ליגען דארט.
דעם גזונטען מענשען טיעף צו בעגראבען,
הייבט די וועלט אן קראנקערהייט איהם ליעב האבען.
גיט איהם א בעט, אז טהוט איהם וועה איין אבר,
שטארבט ער, גיט זיא איהם א בעזונדער קבר.
די וועלט איז חלעבען פארט ניט אזוי גראב שלעכט,
ס'איז אין איהר דא רחמנות יושר און רעכט.
דאקטוירים האט ביים הארצען אנגענומען,
צו בעטראכטען יודלען אלע געקומען.
עס האבען, פון וואנען די וועלט האט איין עק,
צו איהם זיך אפגעריסען אלערליי שלעק.
אי גוטע דאקטוירים אי שארלאטאנעס.
עס זיינען געקומען רופאים מיט קאנעס.
דאקטוירים פון דעם אלטען און נייעם שניט,
קאנאוואלען אויך געקומען אין דער מיט.
קורץ צו נעהמען יודלען אין דער קוראציע,
קומען דאקטוירים פון איטליכער נאציע.
אם מיינסטען קומען דייטשעשע דאקטוירים,
דייטשעשע רופאים, יונגאטשעס, חמורים. 119
אויף די קאנסילעמס וואס זיי פלעגען מאכען,
האט מען זיך נישט אויסגעגלייכט אין פיעל זאכען.
איטליכער האט זיך אויסגעטראכט פון דעם קאפ,
וואס יודלען מאנגעלט און וואס יודלען נעהט אפ.
וואס פאר א רעצעפט מען דארף איהם פארשרייבען.
מיט וואס מען בעדארף זיינע ביינער רייבען.
חאטש ער איז געוועזן אויף יודלען א מבין,
טאקי אזוי וויא א חזיר אויף היוען.
איין דייטש, יודלען גענומען ביי דער פאת,
האט געזאגט חלעבען ער איז חסר־דעת.
עפעס פלוידערט ער, רעדט ווערטער גאר נייע,

---

119) די דייטשע ליטעראטור איז די רייכסטע אן שטעהשריפטען געגען יודען. גרעטץ געשיכטע דער יודען 11 באנד ז. 612 נאטע 4.

שאָקעלט זיך זעהר און שרייט אמר אביי.
ער רעדט וואס ניט געשטויגען ניט געפלויגען,
און א גאנצער יש בּיי זיך אין דיא אויגען.
דיא בּעכטע רפואה, קאָלעגעס, וועט דאס זיין:
נעהמט זעצט יודלען אין א בּיט וואסער אריין.
טוקט איהם אין וואסער עטליכע מאל אונטער,
נעהט ער ארויס א פרישער, א געזונטער. 120
ניין, ענטפערט איהם א דייטשער פּראָפעסאָר,
עס וועט ניט העלפען קיין וואסער גאנצע פעסער.
דאס וואסער אומריין צו מאכען איז א שאָד.
צווייטענס, וועט איהם נישט העלפען דיא בּאָד.
קאלט וואסער קור איז היינט אויס דער מאָדע,
איך האלט בּעסער פון דער הייסער מעטאָדע:
מען בעדארף איהם אין געוואנד אריינשטעקען
און פּראָשעקלעך פולווער איהם געבען שמעקען 121
חלילה! שרייט איינער, דאס איז ניט קיין קור.
דאס איז אָקוראט געגען יודעל׳ס נאטור.
מיר איז בּעסער בּעקאנט יודעל דער פאקטער,
פולווער שמעקען איז נישט אין זיין חאראקטער. 122
נאך א דאקטאר האט יודעל׳ס דפק געטאפּט,
מיט א קולאק זיין ברוסט, זיין רוקען געקלאפּט.
מיט אונזער קראַנקען, זאגט ער, שטעהט עס ניט גוט.
ביי יודלען איז שרעקליך פארדאָרבּען דאס בלוט.
עס זאל איהם ניט זיין קיין חרפּה, קיין בּושה,
דאס פארדאָרבענע בּלוט האט ער בּירושה.
זיינע עלטערען זיינען דערפון געשטארבּען,
וואס ביי זיי איז געוועזן דאס בּלוט פארדאָרבּען,

---

120) אלה הם דברי פריעדריך ריהס מורה דברי הימים בהאקאדעמיא אשר בברלין. שם ז. 332. 121) אלה דברי פריעדריך בוכהאלץ, גרעטץ שם ז. 261, ומצאתי לנחוץ להעיר כי אין מוקדם ומאוחר בספרי בסדר המשטינים והמליצים שיבאו בה. 122) הדברים האלה דבר יאהאנן דוד מיכאעליס, פראפעסאר בגעטטינגען. גרעטץ שם ג. 29.

פון דער קראנקהייט אלע בעסטע סימנים,
האט מען נאך לאנג געזעהן אין יודעל'ס פנים.
נעגען דער גאנצער וועלט האט ער געהאט האס,
נערעדט תמיד מיט גאל, פון דער פוסטע פאס.
איהם פלעגט שטענדיג ניט געפעלען יענעמס גאנג
און אליין איז ער נעגאנגען שלינג און שלאנג. 123
דער דאקטאר האט מיט דער האנד געטאהן א פאטש,
איז באלד געקומען א רופא, א יונגאטש. 124
מיט אלע קליפערגעצייג א גאנץ זעקיל:
פיאווקעס, א לאנצעט און באנקעס א פעקיל.
האט זיך געאיילט, נעוואלט גיכער פארהאפען,
מיט אלע כלים יודעל'ס בלוט צו צאפען.
הערט נאר קאלעגעס, וואס איך וועל אייך זאגען:
יודעל האט גאר קאלע געמאכט דעם מאגען.
האט זיך אנגערופען נאך א פראפעסער.
יודעל איז בטבע זעהר א גרויסער פרעסער.
פרעגט אלע מענשען אין לאנד וואס זיינען דא,
וועט איהר הארכען, אזוינס וויא ער איז ניטא.
ביי יעדען פלעגט ער דעם מיטאג אויסנארען,
ער פלעגט עסען און יענער נעבעך דארען.
ער האט אזוי וויא אין א צדקה־פישקע,
ארייננעליינט יענעמס גוטץ אין זיין קישקע.
האט אויסגעזוכט עסען פון אונטער דער ערד,
מיט יענעמ'ס ווארעמס זיך געשטאפט וויא א פערד.
ער איז וויא א היישרעק נישט געווען זאט,
דיא וועלט האט פון זיין הונגער צרות געהאט.
מיין דעה איז, מיר זאלען איהם פארשרייבען
א שארף מיטעל, וואס עס זאל איהם גוט טרייבען
טרייבען, דאס איז בעסער פון אלע זאכען,

---

123) דברים קשים כאלה יצאו מפי השופט חריסטיאן לודוויג שוהר ראש המשטינים. גרעטץ שם ז. 256. 124) הוא הצורר הגדול והבלתי מלומד כן כחבריו הראשונים גראטטענאויער, הוא כתב ספרי פלסתר הרבה על היהודים. גרעטץ שם שם.

מען דארף חלעבען יודלען א קאנע מאכען. 125
טרייבען איז טאקע גוט, האט געזאגט מיט גאל,
א געריהמטער שארלאטאן א קאנאוואל.
בלוט לאזען איז חלעבען אויך א גוט מיטעל,
עס שאדט אויך ניט פון קראטקע וויק א ביטעל.
מהיכי־תיתי מען דארף פריוועז יעדע זאך,
מיין מיטעל אבער איז נאך בעסער א סך.
ס'איז בעקאנט, ליידיג געהן איז דיא גרעסטע זינד,
דורך דעם טאקע איז יודעל אויך קראנק אצינד.
ער האט, קוקט נאר אויף איהם מיט מיינע אויגען,
זעהר פיעל פעהלער דערמיט זיך צוגעצויגען.
דריבער בעדארף מען איהם פארשיקען העט וויט,
אויף דיא קאלאניעס צו ארבייטען א צייט.
אז מען זאל קוקען וויטער אין תוך אריין,
בעדארף מען איהם נאר פשוט אויף מסרם זיין.
ארבייטען געשמאק און דיא אפעראציע,
זיינען פאר יודלען דיא בעסטע קוראציע.
ער טאר זיך ניט פרוכפערן, טאר ניט זיין בעווייבט.
אזוי טהייערע קאלעגעס אזוי בלייבט. 126
פון יודעל'ס קראנקהייט איז דער קאפ מיר שוין דול,
זאגט א דאקטאר, וואס דיא וועלט איז מיט איהם פול, 127
שיקט איהם חאטש קיין ארץ־ישראל, צום זאטער,
אבי מען זאל ווערען דא זיינע פטור.

125) כדברים האלה הגיד הצורר הרע י. פ. פריעס. אם גיפטיגסטען וואר דיא שריפט איינעס ארצטעס אונד פראפעסארס דער נאטור וויסענשאפטען אין היידעלבערג: י. פ. פריעס: „געפעהרדונג דעס וואהלשטאנדעס אונד חאראקטערס דער דייטשען דורך דיא יודען“. גרעטץ שם ז. 344. 126) ככל הדברים האלה דבר איש צר ואויב הונדט־ראדאווסקי בספרו „יודענשפיגעל“. עצתו היתה: מאן פערקויפט איזראאלס קינדער אן דיא עגגלענדער, וועלכען זיא שטאטט דער שווארצען אין איהרען אינדישען פפלאנצונגען געברויכען קענען, דאמיט זיא זיך ניכט פערמעהרען זאלטע מאן דיא מענער ענטמאנען אונד איהרע ווייבער אונד טעכטער אין שאנדהייזערן אונטערברינגען. גרעטץ שם ז. 361. 127) הוא הפילוסוף פיכטע. שם 340.

מז.

וויא דיא דאָקטוירים האבען דא אלץ געקלעהרט,
האט אין שטיבעל דערווייל א קרעכץ זיך געהערט.
יודעל, שטארק פארדולט געלעגען ביז אהער
האט איצט איין אויג געעפענט אביסעל שווער.
ער האט פאר שלאפקייט געבעך קוים געזיפצט,
אין הארצען האט ביי איהם שרעקליך געחרפיעט.
האט רחמנות, בעט ער און עפענט דיא טיהר,
לאָזט פרישע לופט אביסעל אריין צו מיר.
שענקט מיר אביסעל לופט, עפענט דיא טיהר גיך.
עס נודעט, עס דושעט, עס שטיקט און ווארגט מיך.
ווארט, זאגען דיא דאקטוים, ווארט יודעל, ווארט.
דוא מוזט יודעל, זאגען מיר, ליגען פארשפארט.
אומזיסט דיין בעטען, דיא שיין מוז זיין פארשטעלט.
דוא טארסט נים קוקען אויף דער ליכטיגער וועלט.
מיט ריידען יודעל וועסט־דוא ערגער מאכען,
ליג שטיל, מיר האבען פיינט אזעלכע זאכען.
האט האטש רחמנות, גיט מיר אביסעל יויך,
בעט יודעל ווייטער און האפט זיך אָן ביים בויך.
דערבארעמט זיך מענשען, האט חס אויף איין אלטען,
גיט מיר עפעס דיא נשמה צו דערהאלטען!
דאס איז, זאגען דיא דאקטוירים, א פעהלער,
וואס דוא פארלאנגסט אלץ עסען יויך א טעלער.
חלילה יודעל, מוזט זיך נים פארגעסען,
דיר טאר מען כלל נישט געבען עפעס עסען.
ווער רעדט פליישיקס קען דיר שאדען שרעקליך פיעל,
בעט נאר נישט יודעל ליג חלעבען רוהיג שטיל.
וויינינסטענס, דאָקטוירים, זאגט מיר דאס נים אָפּ.
בעט יודעל רחמים און האפט זיך ביי דעם קאָפּ.
לאזט מיך האטשע מיין הויזגעזינד זיין געטריי,
לאזט מיך האָטשע מיט מיין ווייב און קינד ריידען פריי.
לאזט מיך האטשע זיי דריקען צו מיין הארצען,

וועל איך פארגעסען מיין וועהטאג און שמארצען.
לאזט מיך זיי האלזען אין מיין ביטערער נויט,
לאזט מיך לעבען זיי חאטש געפינען דעם טויט.
דערווייטערט פון מיר ניט מיין ווייב און מיין קינד,
זיי אפט צו זעהן, רעכענט מיר ניט פאר א זינד.
מאך, זאגען דיא דאקטוירים, קיין הויות.
דאס ווייב, יודעל, נעהמט ביי דיר צו דאס חיות.
שא, רייד נישט קיין נארעשקייט, ליג בעסער שטיל.
דול חלעבען קיין קאפ ניט און טענה ניט פיעל.
יודעל האט א מאך געגעבען מיט דער האנד,
און מיט א קרעכץ זיך אומגעקעהרט צו דער וואנד.
זיין אפען אויג האט ווידער זיך צוגעמאכט,
און איז געבליבען ליגען שטארק אפגעשוואכט.
דער קאפ זיינער האט געברענט געגליהט פאר היץ,
זיינע געדאנקען געפלויגען וויא א בליץ.
פון דעם מויל האט ארויסגעשלאגען א שוים.
ער האט גערעדט אזוי וויא איינער פון טרוים.
יודעל רעדט בייבערעק, נאר נישט צו דער זאך,
האבען דיא דאקטוירים געזאגט מיט א לאך.
איז תמיד געווען א שוטה, זעהר פארפיהרט,
פון אייביג אן האט ער שרעקליך פאנטאזירט.
פון אייביג אן געהאט מיט ווייב א פול מויל.
אלץ ווייב, ווייב, און צום ארבייטען געווען פויל.
איז א פארקלאגטע נשמה פון אייביג אן,
בעשטענדיג האט מען מיט איהם אלץ וואס צו טאהן.
דיא דאקטוירים ריידען איבער נאך א מאל,
און נאך א סך טענות, ווערטער אהן א צאהל,
איז צווישען זיי געבליבען, אז לאזען בלוט
איז פאר יודלען דערווייל לכל הדעות גוט.
לעת־עתה זאל מען קיינעם נישט פארשעהמען.
איטליכענס רעצעפט פריווען אנצונעהמען.
דיא רופאים זיינען פון שמחה געווען זאט,
איטליכער פון זיי האט דאך פיאווקעס געהאט.
יעדער רופא איז תמיד איבערגליקליך,

אַפּצוּועטצען פּיאָווקעס עטליכע שטיקליך.
ער וועט יענעם דאָקטאָר אייבּיג טריי דינען,
וואָס דורך איהם קען ער פון פּיאָווקעס פאַרדינען.
וויל אַ דאָקטאָר, דיא שטאָדט זאָל פון איהם קווועלען.
מוז ער דעם רופא הייסען פּיאָווקעס שטעלען,
איך קען אַ דאָקטאָר וואָס לעבּט אין גרויס נחת,
דערפאַר, וואָס ער איז מיט׳ן רופא יד־אחת.

יז.

פלוצלים אין מיטען דעם גרויסען געטימעל,
איז אַראָפּגעפאַלען וויא פון דעם הימעל,
איין זעהר געריהמטער דאָקטאָר אַ האַרבּאַטע, [128]
וואָס האָט בּעהאַנדעלט קראַנקע וויא אַ טאַטע.
וואָס זיין גוט האַרץ, זיין דימענדיגע נאַטור,
איז פאַר דיא קראַנקע געוועזען דיא בּעסטע קור.
מיט איהם איז אויך געקומען זיין חבריא, [129]
אַלע גוטע דאָקטוירים, זעהר געטרייע.
אַריינקומענדיג צו יודלען אין שטיבּעל,
איז זיי אויף דעם האַרצען געוואָרען איבּעל.
אַנקוקענדיג איהם דיא פאַרשימעלטע ווענד,
האָבען זיי פאַר צער געבּראָכען דיא הענד.
יודעל נעבּעך דאַר קוואַר וויא אַ צוים שטעקיל,
אַרום איהם, וויא לייבּען, רופאים אַ פּעקיל.
דער צוקאַראַדאַשעט איהם נעבּעך דאָס לייבּ,
יענער ניט איהם איבּער דיא בּיינער אַ רייבּ.
דער, וויל איהם אַריינזעצען אין אַ וואַנע.
דער אַנדערער האַפּט און מאַכט איהם אַ קאַנע.
אין שטיבּעל דושנע, צום דערשטיקט ווערען היים.
יודעל אָטהעמט ניט קיין לופט, געהט אָפּ מיט שוויים.

---

128) הוא החכם הנודע הרמבמ״ן המכונה מענדעלזאָהן. 129) לעסינג, דאָהם, ניקאָלייא, דיעץ, יאָהאַנעס פאָן מילער, מיראַבאָ ודומיהם עוד הרבה.

עס האט דעם האַרבאַטע דאס הארץ געריסען,
פאר וואס מען זאל אומשולדיג בלוט פארגיסען.
פאר וואס מען מאטערט יודלען א לאנגע צייט,
און נישט צו וויסען וואס זיין קראנקהייט בעטייט.
זיך גענומען שווארץ אויף ווייס צו בעוויזען,
אז יודעל איז נאר בטבע געזונט אייזען.
נאר דיא דאקטוירים זיי פארדרעהן איהם דעם מוח
און נעהמען ביי איהם צו דעם לעצטען כח.
פרישע לופט און פריי עטעמען אין דער וועלט,
וואלטען איהם גאנץ געווים אויף דיא פים געשטעלט.
זייער פארשרייבען איז ניט ווערטה קיין פיטאק,
עס מאכט איהם נאר קראנק און פארדארבט זיין געשמאַק.
דער דאקטאר וואס געהט אקעגען דער נאטור,
ער אליין איז קראנק און דארף האבען א קור.
אך, זאגט נאך איינער צו יענע דאקטוירים,
איהר אלע זיינט דאך נאר פראסטע חמורים.
איהר האלט נאך רפואות פון דיא אלטע צייטען,
וואס מען מוז זיי אויף בעסערע פארבייטען.
אין אונזער צייט איז א מענש מעהר ניט קיין שפיל,
יעדער דאקטאר זאָל מיט איהם טאָהן וואָס ער וויל.
יודעל, זאָגט איהר, איז קראנק, ניט ווערטה קיין חעלער.
איהר מאכט איהם קראנק, פון אייך האָט ער א פעהלער,
פריוואט חלעבען לייגט אייך אויף זיין אָרט אנידער,
וועט איהר פיעל ערגער נאָך קראנקער ווערען ברידער. 180
עס האָט זיך ארויסגעשטעלט וויא א מלאך,
אויף א פראנצוזישער דאקטאר א גלח.
אך, האט ער געשריגען, שוין טאקי גאנץ לאנג
פארניפטעט איהר יודעל'ס לעבען וויא א שלאנג.
ווער גיט אייך דאָס רעכט, בין צו וויסען גערען,
איהר זאָלט אויף יודעל'ס באָרד זיך לערנען שערען?
וויא האָט איהר בעהאנדעלט, ברידער, זאָגט מיר גלייך,

180) כדברים האלה כתב החכם דאתם בספרו „שוטצשריפט" להצדיק את בני עמנו. גרעטץ שם ז. 71 והלאה.

דאָס שפּעלע וואס איז געקומען צו אייך,
וואס איז פון טייכען בּלוט ארויסגעשוואוּמען
און מיעד, בּיי אייך צו בּעטען הילף געקומען ?
דערמיט וואס איהר לאזט עס לעבען אויף דער וועלט,
האט איהר עס נאך גאר ניט צופרידען געשטעלט,
אז איהר נעהמט דאך אַוועק בּיי איהם טאג טעגליך,
דאס, וואס קען מאכען זיין לעבען ערטרעגליך.
מיינט איהר דען אייער קוראַציע אַצינדער
אויף לאזען בּירושה אייערע קינדער ? . . .
ניין, ווערט בּעסער קליגער, הערט וואס דיא צייט רופט,
לאזט איטליכען מענשען פריי אָטהעמען דיא לופט.
נעהמט בּעסער דיא נייע מעדיצין אַפּיר,
עפענט דא אויף דיא פענסטער, עפענט דיא טיהר,
לאָז יודעל נעבּעך דיכען, עטעמען פריי,
ווערט ער ווידער געזונט און שטארק אויף דאס ניי.
ווען איהר זאלט געוועז ליגען אויף יודעלס אָרט,
וואלט איהר, בּרידער, טאַקי שוין געשטאָרבּען דאָרט. 131
איין ענגלישער דאָקטאָר מישט זיך אויך אריין,
יודעל, זאגט ער, איז בּטבע דעליקאַט, פיין,
ער איז נעבּעך איין אָפּגעקומענער פּרינץ,
איז איידעל אפילו אָהן א גראשען מינץ.
נישט אייבּיג וועט דער טאַטע אויף איהם זיין בּייז,
וועט איהם פון זיינע צרות נאך מאכען לייז,
וועט גאנץ זיכער דערפילען זיין הבטחה
און איהם צוריק בּריינגען צו זיין משפּחה,
פריהער, אדער אפשר שפּעטער אַבּיסעל,
וועט דער טאַטע איהם אָפּגעבּען זיין שליסעל.
דעריבּער דאקטוירים בּעהאנדעלט איהם גוט,
און פאַרגיסט איהם ניט אומזיסט נעבּעך זיין בּלוט. 132

---

131) פריעסטער גרעגאָאַר הצרפתי אחד ממצדיקי עמנו המצוינים הוא כתב כדברים האלה בספר. גרעטץ שם ז. 197 והלאה.

132) הן אלה אך קצות דברים מדברי החכם לעווים וואי האנגלי, ויתר דבריו תמצא בספר. גרעטץ שם ז. 352 והלאה.

אלע דאקטוירים פוןביידע פארטייען,
האבען אנגעהויבען שרעקליך צו שרייען.
האבען איבער יודלען זיך געווערטעלט שטארק,
זיך געזידעלט וויא פראסטע מענשען אין מארק.
פון זייער געשריי איז דער קאפ געווען דול,
אלע גאזעטען געווען דערמיט פול.
א מאל איז געראטען דער גוטער פארטיי,
אין יודעלס שטיבעל צו עפענען דיא טיהר פריי,
פרישע לופט אהינצו ארייצולאזען,
און א פריש ווינטעלע זאל דארטען בלאזען.
דיא ליכטיגע זון אויך ארייגעשיינט דארט.
ס'איז געווארען פריש, ליכטיג אין יעדען ארט.
יודעל האט דערפון גיזינטער זיך געפיהלט,
זיין וועהטאג געווארען אביסעל געשטילט,
האט געעפענט דיא אויגען געקוקט פרייער,
און איז געווארען א מענש גאר א נייער.
אין מיטען דרינען געראט יענער פארטיי,
יודעל'ס שטיבעל צו פארשפארען אויף דאס ניי.
עס ווערט דארטען פינסטער און דושנע ווידער,
יודעל פאלט אויף זיין בעטיל שלאף אנידער.
יודעל האט פיעל פערעמענעס *) געליטען,
זיין לאגע וויא דאס וועטער זיך געביטען,
אזוי וויא דאס וועטער אין חודש אפריל:
א רגע א שטורעמווינד, א רגע שטיל.
איז געלעגען אזוי וויא אויף א וואגשאל,
און זיך געשאקעלט הין און הער אלע מאל.
דענסמאל גראד האט אין דער וועלט ניט היינט געדאכט,
איין איבערקעהרעניש פלוצלים זיך געמאכט.
מענשען האט עפעס שטארק אין קאפ געקלונגען,
און פון דיא האלאבלעס ארויסגעשפרונגען.
עס האט ביי זיי אלע זיך פארדרעהט דיא קעפ,
ארומגעלאפען פריי וויא פערד אויף דעם סטעפ.

---

*) פערענדערונגען.

דיא דאזיגע קראנקהייט נישט געווען קיין שפיל,
מען האט צו דער אדער געלאזט שרעקליך פיל.
אז דיא קראנקהייט האט זיך איבערגענומען,
זיינען דיא קראנקע באלד צו זיך געקומען,
גס איז געווארען פרעהליך אויף דעם הארצען.
איטליכער האט פארגעסען זיינע שמארצען.
איטליכער געשעפט לופט, געהאט פארגניגען,
אלסדינג האט איין אנדער פנים געקריגען:
עס האט געשפראצט, געבליהט ארום און ארום
מענשען אויפגעריכט געווארען אומעטום,
דיא ברכה האט אויף זיי זיך אויסגעגאסען.
יודעל האט אין זייער זכות אויך געגאסען.
דיא זון האט צו יודלען אויך ארייגעקיקט,
איטליכס אבר זיינס האט פשוט זיך דערקוויקט.
אי ביי איהם אין שטיבעל איז ליכטיג און העל,
איהם בעסער געווארען אין טויזענטער פעל.

יח.

וואס העלפט עס אבער, אך יודעל מיין ליבער,
אז דוא האסט נעבעך גאר א חראניש פיבער.
דאכט זיך, יודעל ביסט א מענש, געווארען לייט,
רופט זיך דיר פלוצלים דיא קרענק אפ אלע צייט.
לאז גאר א בלאז טאהן עפעס א קאלט ווינטעל,
לאז גאר א האווקע טאהן עפעס א הינטעל,
לאז גאר איינער אויף דיר עפעס קרום קוקען,
לאז גאר דיא זון אין דיא וואלקען זיך טוקען,
און לאז חלילה, לא יבוא ולא יעלה,
אין דער וועקט פינסטער ווערען גאר א ווילע,
ווערסט־דוא נעבעך אוים מענש ווידער צוריק,
ס'איז אויף דיר א רחמנות צו טאהן א בליק.
יודלען האט ווידער זיך פארדרעהט דער מוח,
און ער ליגט דא טויט קראנק נעבעך אהן כח
עס קומען נייע מאדנע דאקטוירימלעך,

דאמען זיינען היינט א וואלוועלע סחורה,
זיי דרעהן זיך ארום מיר וויא פליגען,
חלעבען יודעל, איך זאג דיר נישט קיין ליגען!
קורץ, יודעל, איך האב אין דער וועלט א פנים,
וויא קראַפּיווע וואקסען מיינע נאראנים.
איין נאר פון דיא וואס דוא זעהסט דא פון דערוויטענס,
בעשטעהט אקעגען טויזענד, וואס פארצייטענס,
א יא, גוטער ברודער, מעפיסטאפעל טויג,
עס זאל מיר טאקי נישט שאטען קיין בייז אויג!
דיר יודעל א פנים געהט עס נעבעך שלעכט,
ביסט חלעבען אליין שולהיג, רעכט אויף דיר רעכט.
ביסט נאך דער זעלבינער עקשן וואס א מאל,
דעריבער זיינען דיינע פיינד אהן א צאהל.
בעשטענדיג האב איך מיט דיר יודעל געקנעלט:
האלט זיך נישט אפגעזונדערט, לעב אין דער וועלט.
לעב גלייך וויא אלע מענשען, אהן אונטערשייד,
הער נישט דיינע קלויזניקעס און דיין ווייבס רייד.
זיי ליינען דיר אפ דאס לעבען אויף שפעטער,
לעבען אין קבר דארט אונטער דיא ברעטער.
נאראנים! איין מאל נאר לעבט א מענש ניט מעהר,
דעם מענשענ׳ס לעבען איז קיין אייביג געוועהר.
למאי־זשע זאלסט־דוא דיר פארוויסטען דיינע טעג?
נארעלע געה מיט איטליכען אין איין וועג.
ווארף חלעבען יודעל אוועק דיין עקשנות,
צוליעב דעם טאקי ביסט דוא קראנק בנאמנות!
מיינע נאראנים מיט זייער פארשרייבען,
וועלען דיין קראנקהייט אסור נישט פארטרייבען.
איין רפואה איז וויא איך הייס מעפיסטאפעל,
קריך ארויס פון אונטער דיין ווייב׳ס פאנטאפעל!
יודעל האט א מאך געגעבען מיט דער האנד,
און זיך אומגעקעהרט מיט׳ן פנים צו דער וואנד.
יודעל, זאגט מעפיסטאפעל, ביסט א בהמה,
וועסט אייביג נישט האבען קיין רפואה שלמה!...
פלוצים ווערט מעפיסטאפלען עפעס איבעל,

יודעל׳ס ווייב קומט ארייגצוגעהן אין שטיבעל,
זיא האט זיך געזעצט ביי יודלען צוקאפּענס,
און האט איהם געקרעפּטיגט מיט איהרע טראפּענס.
אצונד חברה, זאגט מעפּיסטאפּעל גאנץ שטיל,
קומט, לאם מיר אוועקגעהן, נישט טענה׳ן דא פּיעל.
אומזיסט חלעבען אייערע אלע זאכען,
אין זיא לעבען איהם, וועט איהר גאר נישט מאכען.

ענדע.

די ענטוויקלונג פון וואהלין

די ענטדעקונג פון וואהלין.

גענומען פון די חראניקעס.

אין אַ יאָהר אַרום נאָך דער בעוואוסטער שרפה האָט זיך אָנגעהויבען אין דער ליטאָ, לויט ווי עס שטעהט אין די חראָניקעס, דער גרויסער הונגער, נישט היינט געדאַכט.

עד היום ליגט יענע שווערע ביטערע צייט יודישע קינדער אין טעם. אַלטע לייט אַז זיי דערצעהלען היינט די שטאַרקע נויט, וועלכע מענשען נעביך זענען דערנסטמאָל בשעת דעם הונגער אויסגעשטאַנען, שטעלט זיך פשוט די האָר קאַפּויר הערענדיג. הונגעריגע, אָרעמענקע מענשען, אויסגעדאַרטע־אויסגעדייווערטע, הויט און ביין מיט סמאַהע אויף די ליפּען, אייגעפאַלענע באַקען און משונה אויסגעשטעלטע גלעזערנע אויגען, האָבען ווי די פאַרסאַמטע מייז אומעטום זיך אַרומגעבלאָנקעט, קוים פלאָנטענדיג מיט די פיס, געזוכט, געניסטערט וואָס־ס'איז עפּעס עסענוואַרג, גאָר ניט איבער צוקלייבען, גראָז איז אויך סחורה, זיך ניט גע'מיאוס'ט אַפילו דערמיט, וואָס ליגט, פוילט אין דעם מיסט. הונגער דאָס איז איינס פון די ערגסטע אָנשיקענישען, דאָס איז אַ מין ליידען, ווי ברענען פּאַמעליכען אָהן אַיין אויפהער אויפ'ן שטיל פייעריל. מען קען זיך שוין פאָרשטעלען ווי גרויס דאָס עלענד איז געוועזען אין דעם ליטווישען שטעדטיל דלפוניוקע, וואָס איז אָנגעזועצט געדיכט מיט יודען, אָהן עין־הרע, מיינסטענס, ווי דער שטייגער איז, קבצנים נעביך. גאָר אין די גוטע יאָהרען אַפילו האָבען דלפוניווקער יודען זיך אויך נישט קיינמאָל זאַט אָנגעגעסען. אַ הערינג מיט אַביסעל ליאַק דערצו, איינצוטונקען דערינען אַ שטיקעל ברויט — דאָס זענען צוויי שפּייזען אַזוינע, מיט וועלכע מען האָט געוועהנטליך זעהר שעהן יוצא געווען דעם מיטאָג, אַ קרופּניק — נעטליך: אַ מין געקעכטס פון וואַסער מיט אַביסעל גרויפּען, פאַרווייסט לפנים מיט אַ קאַפּעלע מילך, אָדער עטליכע געקאָכטע קאַרטאָפּעל, אַזוינס האָט שוין געהייסען עפּעס גאָר עולת הזה, אַ סעודה ווי ביי שלמה

המלך אין זיין צייט! אצונד איז זעהר גרינג זיך צו מאַכען אַ געדראַנג: ווען אין די גוטע יאָהרען אַזוי, וואָס־זשע האָט שוין געקענט זיין פאַר אַ מין עסען בשעת הונגער־צייט?! יאָ, דער דלפוניוקער אָרעמער עולם איז טאַקי באמת, נישט נאָר ווי עס רעדט זיך, געשוואָלען געוואָרען פאַר הונגער, געשוואָלען וואָס געשוואָלען הייסט. אַי, וואָס, ווי געשיקט זיך עס אַזוי צו לעבען? נאַרעשקייטען! אַ שאלה אַביסעל אויף יודען? ביי יודען איז מעגליך אַלסדינג, אַזאַ מין לעבען אויך. יודען האָבען אַ גאָט!...

צו דעם הונגער האָט זיך נאָך צוגעוואָרפען אַ מגפה, עפּעס אַ מין אונטערגאַנג, אַ היטציגע קראַנקייט אַזוינע. מענשען זענען געפאַלען ווי די פליגען און קליינע קינדער זענען אַוועק פון סקאַרלאַטינע, נישט־דאָ־געדאַכט. אין דעם עולם איז געוואָרען אַ ליאַרם, אַ געשריי: חטאים! אַנדערש האָט זיך עס נישט געקענט לייגען טאַקי אויף דעם מוח, וואָרום פונוואַנען האָט זיך עס פלוצים גענומען אַזאַ קריינק אויף אַ כלל ישראל? ס'איז שייך צו זאָגען אַ קריינק דעם, יענעם, אָבער איטליכען, ווי געשיקט זיך עס? זאָגען ווידער, אַז געקומען איז עס דאַריבער, וואָס אין דער שטאָדט איז נישטאָ קיין דאָקטאָר דאָס איז אַודאי קרום. וואָרום פאַר וואָס איז עס געקומען גראָד דענסטמאָל — בשעת דעם הונגער און נישט פריהער? נישט אַנדערש טאַקי מוז מען זאָגען — חטאים!... מען איז גוזר תענית, מען פאַסט קליין און גרוים, מעוברת'ע אַפילו אויך. פון תהלים איז קיין ריידע נישט, מען זאָגט תהלים פון פריה ביז פאַרנאַכט, מען מאַכט אַסיפות, מען קלייבט אוים אַ קאָמיסיע יודען עפּעס צוזהאָן אַקעגען די חטאים, און צוליב די הוצאות דאַרויף העבערט מען אַ קאָפּיקע טאַקסע אויף דעם פונט פלייש. די קאָמיסיע געהט פון הויז צו הויז איבערצוקוקען די מזוזות, טאָמיר עפּעס גאָר נישט אַזוי מאַכט מען פסול; צו בעטראַכטען ווי שטעהען פון פאָרפאָלקען, פון שכנים אין איין צימער די בעטען, נישט צונאָהענט אפשר איינע צו די אַנדערע חס־ושלום... הכלל די קאָמיסיע איז נישט פויל, מען קוקט, מען ריקט־איבער בעטען אהין, בעטען אַהער אומזיסט אָבער די מיה — מען שטאַרבט! שווייגט מען דאָך מסתמא נישט און מען געברויכט נאָך מיטעל: ווייבער מעסטען פעלד, רייסען קברים, פאַלען אַריין אין אָרון־קודש מיט אַ געשריי, אַ געוויין, מגידים דרשה'נען, שטראָפען דעם עולם: געוואַלד יודען שלאָגט זיך אָשמנו, טהוט תשובה, יודישע קינדער! עס העלפט נישט — מען שטאַרבט!...

ווי באלד אַזוי, מוז מען דאָך שוין טאַקי איינווענדען אַלע כחות, פּרוּווען טאָהן דאָס לעצטע וואָס מען קען. העבערט מען נאָך אַ קאָפּיקע אויף דעם

פונם פליש און מען אכטעט אַפּ אהער אין שטעדטיל דעם בעריהמטען חאנ־דריקעווער רב. צו איהם זעצט מען צו דעם דלפוניווקער רב מיט די דיינים און נאָך עטליכע שעהנע־כשר׳ע יודען. מען לאָזט אויסרופען אין אלע שוהלען בחרם יהושע בן־נון, אז ווער עס ווייסט עפּעס א חטא, ווי הייסט מען עס... אויף ווערמען ס׳איז, זאָל קומען מודיע זיין דעם בית־דין צדק, וואָס זיצט אלע טאָג מכח די חטאים אין דעם קהל־שטיבעל. בית־דין שיקט רופען די טוקער־רען, פאַרהערט זי אין ווייבערשע זאַכען, אין דינים פון מקוה און נעגעל־שניידען. מען ציהט ביי דער צונג געניטעע... אלטע נבאי׳טעס, צי ווייסען זיי נישט אפשר עפּעס אויף דער, אויף יענער וואָס צו זאָגען. די שטאָדט וויגט זיך, אַ קאָכעניש, אַ שושקעניש צווישען דעם עולם. עס טראָגט זיך ארום עפּעס אַ קלאַנג, א מומלען, טען טומעלט אויף איינעם עפּעס איין אַלמן און אויף איינער, א חצופה, איין אשת־איש. עס קומט אָן ביז דער קאָמיסיע פון די רבנים, גרויסע לייט, בערען! זי לאָזט רופען צו זיך יענעם. זאָגט איהם מיט דעם הארבען וואָרט: הולטיי, זיי זיך מודה!... זי איז איהם מתרה: מען וועט דיר, פּושע־ישראל, טאָהן דאָס און דאָס. אז עס העלפט נישט מיט בייזען פּריוואַט מען זיך מיט גוטען, מען בעט זיך ווי פאַר אַ גזלן: געוואלד, האָב רחמנות אויפ׳ן פאָלק ישראל, אויף איין עדה יודען! געוואלד, וואָס האָסט־דו צו קליינע אומשולדיגע קינדער געביך? נאָר רייד צו דער וואנד — דער פּושע ישראל איז זיך נישט מודה. טהוט מען זיך אַ נעהם צו דער חצופה — הולטייקע, זיי זיך מודה! זי וויינט, חלשט, פאַרשטעהט כלומר׳שט נישט וואָס מען וויל פון איהר האָבען. ס׳איז נאָר אַרויסגעוואָרפענע רייד, זי, די קליפּה, איז זיך אויך נישט מודה. און דערווייל איז שלעכט — מען שטאַרבט! דער צאָרען איז אַזוי וויט געגאַנגען ביז צום עק, עס האָט שוין אָנגערידהרט העט־העט סאַמע אין דעם שפּיטץ. ס׳איז פאַרשלאָפט געוואָ־רען און געשטאָרבען איינער פון די לומדים אין קלויז. אַ יוד אַ זקן, אַ פרו־מער, וואָס האָט געפּאַסט הפסקות, געדינט דעם בורא, אַוועקלייגענדיג פאַר איהם ממש דאָס גאַנצע געזונד... אי־אי! האָט מען געשריגען, אז אַזעלכער שטאַרבט איז שוין טאַקי אוים וועלט, איז שוין קיינער נים זיכער מיט דעם לעבען. „אם לויתן בחכה הועלה, ווען אַזאַ שטאַרקער לויתן איז אויף דער ווענטקע געהאַפּט געוואָרען, מה יעשו דגי הרקק, וואָס־זשע זאָלען שוין טאָהן מיר שלאָפענקע פישעליך אין דער בלאָטע?" אַזוי האָט איהם מספּיד געווען דער שטאָדט־מגיד אויפ׳ן שוהל־הויף צו דער לויה און דער עולם איז צוגאָ־סען געוואָרען פון טרערען. דערנאָך האָט מען דעם מת אין קיטעל אַריינגע־שטעקט אַ קוויטעל — דאָס איז געווען אַ „פּראָשעניע" צו גאָט, זעהר וואויל אָנגעשריבען בישיבה של מטה, אין דער קאָמיסיע פונ׳ם בית־דין, על דעת

הקהל, אין דעם נאָמען פונ'ם גאַנצען שטעדטיל. „געה — האָט מען דעם מת געזאָגט — געה, זיי אונזער שליח. ווי באַלד דו וועסט קומען אַ ה י ן זאָלסט־דו עס איבערגעבען אונזער פאָטער אין הימעל, זיך מיהען דאָרט פאַר דעם כסא הכבוד, זיין אַ גוטער מליץ, ער זאָל זיך דערבאַרמען אויף אונז, יודישע קינדער, נישט זיין אַזוי שטאַרק אין כעס, ברוגז אויף אונז אַ שרעק, און זאָל זאָגען דעם מלאך־המות: גענוג, לייג דעם חלף צוריק אין שיידעל אַריין! ער זאָל אויך אָנשרייען אויף דעם שטן דאָרט און אויף די אַלע משטינים דאָ, אַז עס זאָל זיי פארשטאָפּט ווערען דאָס מויל, עס זאָל זיי... א. ז. וו. א. ז. וו.

פאַר יודען אַזוינע, וואָס גלויבען יענעם אויפ'ן וואָרט, נישט אַריינלאָזען זיך חלילה אין ווייטע חקירות, טאָמיר איז־עס אַזוי, טאָמיר אַזוי, און טאָמיר איז גאָר די גאַנצע זאַך אַ ליגען — זיי ווייסט, גאַנץ געוויס גענוג זיין דאָס ביסעל, וואָס איז געזאָגט געוואָרען דאָ פון יענעם קוויטעל. יענע אָבער, וואָס האָבען אַ נאַטור נישט צו גלויבען דעם עהרליכסטען יודען אפילו, ביז זיי זע־ הען נישט אַליין מיט זייערע אויגען, שוואַרץ אויף ווייס, פאַר זיי איז דאָ איין ענטפער: געהט, זייט מוחל, און לייענט אַליין מיט אייער כבוד אין דלפוניוור־ קער פנקס, וואו די גאַנצע מעשה געפינט זיך כתוב וחתום מיט עדות כשר'ע, פיינע־בריות, גרויסע לייט, און וואָס פון דאָרטען איז עס דערנאָך איבערגע־ שריבען געוואָרען אין די חראָניקעס מיט אַ גאַנצער ממרא פונ'ם שרייבער דאָרט, אויסלאָזענדיג זיך לסוף אַזוי: „היינט פרעג איך אייך, רבותי, מה נשתנה, מיט וואָס אַ שטייגער זאָל אַ דעפּוטאַציע צום רבונו של עולם דורך אַ מת אויף יענער וועלט זיין מעהר משונה ווי דעפּוטאַציעס צו גרויסע פריצים דורך לעבעדיגע מתים דאָ אויף דער וועלט? נאָר ווי די מעשה איז, יענע האָט בעשיינפערליך געהאָלפען: אין אַ צייט אַרום נאָך דעם קוויטעל איז די מגפה טאַקי געשטילט געוואָרען — און ליהודים אין שטעדטיל, אַ שמחה אַ פרייד אויף יודישע קינדער!".

טאַקי גאַנץ אמת. דאָס יאָהר האָבען יודישע קינדער, לויט אַלטע לייט דערצעהלען, געמאַכט סוכות גאָר אַנטיק, אין פאַריז האָט מען קיין בעסערע נישט געקענט האָבען. ס'איז געווען גענוג מאַטעריאַל פון דער שרפה די סוכות צובויען, פאַרשפּאָרט בענוצען דערצו, ווי געוועהנטליך, לאָקשענברעטליך, טשאָלענטברעטליך, נאָך און נאָך אַזוינע מיני ברעטליך. פלאַטץ פאַר די סוכות איז אויך געווען גענוג, נישט פאַרריקט, ווי אַלע יאָהר, ערגיץ אין אַ לאָך, לעבין שטאַל און אומריינע ערטער, מחילה. היינט האָט מען מקיים געווען זיטצען און שלאָפען אין סוכה ווי אין שטוב אויף רעכטען אמת טאַקי,

נישט גלאַט אַזוי זיך. יודען האָבען פאַרבראַכט דעם יום־טוב פרעהליך, נישט געזאָרגט, געלויבט גאָט און געהאָפט צו זיין ליבען נאָמען מיט בטחון.

און גאָט ברוך־הוא האָט זיינע דלפוניוקער בעלי־בטחון׳ס נישקשה נים פערלאָזען. פון די אומגליקען האָט זיך פאַר זיי אויסגעלאָזט גאָר אַ גליק, און דורך די נויטען, שווערע ביטערע צרות האָט זיך זיי געעפענט אַ וועג אין אַ נייע לאַנד — אין וואָהלין, הייסט עס, אַ געבענשט אָרט מיט אַל־דאָס גוטס, וואָס זייער פוס איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען.

ענטדעקט וואָהלין האָבען די משולחים, וועלכע דלפוניוקע האָט נאָך דער שרפה אַרויסגעשיקט אויף דער וועלט קלייבען געלד. לאָז מען נאָר קיין טעות נישט האָבען אַז אַרויסגעשיקט מיינט מען מיט געוואַלד, דאָס הייסט, מען האָט זיי געגויט פון קהל, אַלע אין איין קול: טהוט אונז די טובה און פאָהרט מאַכען געלד! חלילה, ביי יודען זאָל זיך אַזוינס טרעפען. וואָס דען? גלאַט אַזוי זיך, דריי פיינע מענשען, נויטבעדערפטיגע, בעפאַלען מיט ווייב און קינדער, אָהן אַ שום פרנסה נעביך, ווי דער שטייגער איז, האָבען מיט דעם גוטען ווילען גענומען פאַר מצוה אויף זיך די גרויסע טרחא צו זיין משולחים לטובה פאַר אַ שטאָדט יודען נעביך און זיך געלאָזט אין דער וועלט אַריין. מען האָט זיי פאַרזאָרגט מיט כתבים, אונטערגעשריבען פונ׳ם גאַנצען כלי־קודש, פאַרנעהמסטע לייט, אין וועלכע מען האָט מיט הויכע מליצות גע־שילדערט דאָס אָנשיקעניש, וואָס אויף דער קהילה זייערער איז אָנגעשיקט געוואָרען, און געבעטען מיט אַלע מיני געבעט די קינדער ישראל, רחמנות צו האָבען אויף די נשרפים נעביך און געבען די משולחים נדבות, איטליכער כפי זיין פאַרמעגליכקייט. עס פאַרשטעהט זיך אַז חוץ די כתבים האָט מען ביים אַרויספאָהר געמוזט געבען די משולחים געלט אויך, אויף די נויטהיגע הוצאות פאַר זיך אַליין און אויף איבערצולאָזען צום לעבען זייערע ווייבער און קינדער. עס האָט געקאָסט אמת טאַקי נישט טהייער — איין קאָפּעקע נאָר האָט מען געהעבערט אויף דעם פונט פלייש!

אַ לאַנגע צייט איז פון די משולחים נישט געווען קיין שום ידיעה, גלייך ווי אין וואַסער אַריינגעפאַלען. ס׳איז איטליכען אין שטעדטיל געווען אַ גרויס וואונדער, גאָר נים צו פאַרשטעהן, וואָס זאָל עס אַזוינס בעטייטען! מען האָט זיך געוואונדערט, געוואונדערט ביז מען האָט זיך אויפגעהערט צו וואונדערען. מען וואָלט זיך אין די משולחים שוין געווען גאָר פאַרגעסען, מוחל געווען אַליץ מיט־איינאַנדער, ווען נישט די ווייבער זייערע וואָס האָבען געפּאָ־דערט ביים שטעדטיל מזונות, געשריגען, געפילדערט: געוואַלד! פאַר וואָס זאָלען מיר זיין עגונות, פאַרוויסטען אונזערע יאָהרען, ליידען פאַר אַנדערע?

דאָס שטעדטיל האָט געמוזט אויסשטעהן זייערע טענות און געשפּיזט די לע־
בעדיגע אַלמנות. מילא, וואָס זאָל מען טאָהן? איז נאָך אַ קאָפּעקע אויפ'ן
פּונט פלייש!

פּלוצלים, גאָר אומגעריכט, קומט אָן צום רב פון די משולחים אַ בריף
פול מיט התנצלות, אַ פאַרענטפערען זיך אויף דעם לאַנגען שטיל־שווייגען,
און מיט אַ קלאָגען זיך אויף דעם פינסטערען מזל, אַז נשרפים איז גאָר ניט
אַזאַ געהויבענע סחורה, ווי מען האָט געמיינט. גענוג נשרפים אַזוינע און
אַזוינע שלעפּען זיך אין דער וועלט אַרום. ס'איז געוואָרען עפּעס ווי אַ גאַנג־
ווענגעלע, אַ חוק, אַז ווי באַלד עס הויבט זיך אָן דער זומער הויבען אָן יודי־
שע שטעדטליך צו ברענען. עס פאָהרען אויך אַרום משולחים פון ישיבות,
משולחים פון מאיר־בעל־הנס, משולחים'ס משולחים, ירושלמים, עגונות, אייי־
ניקלעך און יודען מיט כתבים פון אַלערליי סאָרטען, וועלכע מען וויל. בכן
איז שאָפּעל... דאָס ביסעל געלד וואָס זיי האָבען געמאַכט האָט געקלעקט
קוים אויף הוצאות. עס קומט זיי נאָך אַרוים, נאָר זיי זענען מוחל, גאָט זאָל
זיי בעצאָהלען פאַר זייער מיה. די ווייבער איז אויך אָנגעקומען בריף, נאָך
מיט אַביסעל געלד דערצו, פון די מאַנען זייערע, וואָס בעטען זיי שטאַרק
מחילה פאַר דעם שווייגען ביז אַהער, מסתמא איז רעכט, מסתמא אַז זיי האָ־
בען געשוויגען האָבען זיי געוואוסט פאַר וואָס... געפינען, געפינען זיי זיך
אין וואָהלין, זעהר אַ פעט ווינקעל, וואו זיי וועלען פאַרבלייבען אויף תמיד
און אם־ירצה־השם מיט דער צייט מאַכען עפּעס אַ שטיקעל עסק. לעת־עתה
קנעלען זיי אונטער. וואָרום אַזוי פּאַסט עס זיי צום עסק מכמה וכמה
טעמים... אין אַ קורצער צייט אַרום — אַזוי שרייבען זיי — וועלען מיר
אייך אַלע אַרויסנעהמען צו זיך, וועט אייך מיט דעם אויבערשטענס הילף
פאַרענטפערט ווערען אַלע קשיות. דערווייל לאָז זיין אַלסדינג בסוד. למען־
השם שווייגט, זאָגט נישט קיינעם וואו מיר זענען, וואָרום דאָס טויג נישט
מחמת פיעל טעמים... וד"ל.

נאָר ווייבער זאָלען האַלטען אַ סוד, און נאָך דריי ווייבער מיט־אַ־מאָל,
אַזוינס האָט זיך נאָך נישט געטראָפען זינט די וועלט שטעהט. עס פער־
שטעהט זיך, אַז פאַר גרויס פרייד האָט זיך זיי געשאָטען ניין מאָס רייד
פונ'ם מויל ווי פון אַ לעבעדיגען זאַק. זיי האָבען דערצעהלט איטליכען די
גרויסע גליקען זייערע, אָפּגעלויבט אין טאָג אַריין וואָהלין מיט געטאָקטע
ליגען, אַז דאָרט איז דאָ פון פויגעלמילך, געלד וואַלגערט זיך אין די גאַסען,
און מלמדים גילט מען דאָרט אָפּ, זיי געהען אין גאָלד. הערענדיג אַזוינס
מאַכען יודען נישט לאַנג שיחות, נעהמען די פּיס אויף די פּלייצעס און לאָזען

זיך אוועק קיין וואָהלין. אויף דלפוניוועק קוקענדיג האָבען פון אנדערע ליט־ווישע שטעדט יודען זיך אָנגעהויבען אַוועקצולאָזען אַהין. מען בעדאַרף ווי־סען, אַז אונטער דעם נאָמען וואָהלין האָט געהייסען און הייסט נאָך היינט ביי יודען נישט נאָר וואָהלינער גובערניע אַליין, אלא וואָס דען אויך פּאָדאָ־ליע און בעסאַראַביע, דער גאַנצער געגענד וואָס ביי אונז צו דרום־זייט. אַזוי ווי ביי וואַרשויער יודען, אַ שטייגער, הייסען אַלע, נישט קיין פּוילישע, אי ליטווישע אי וואָהלינער יודען — ליטוואַקעס.

דאָס־אייגענע, וואָס אַמעריקאַ איז פאַר אונז יודען היינטיגע צייטען, איז וואָהלין פאַר זיי געווען דענסטמאָל אין יענער צייט. דער אונטערשיעד איז נאָר אָט וואָס: אין אַמעריקא פאָהרט מען מיט דעם ים, אין אַ דאַמפּשיף, אַקעגען אַ פאָר וואָכען, און אין וואָהלין האָט מען זיך געשלעפּט מיט דער יבשה צו פוס גוטע עטליכע וואָכען, און אַמאָל אויך נאָך מעהר, אָפּשטע־לענדיג זיך ביים וועג — געהענדיג אין שטעדטליך, צווישען יודען רחמנים בני רחמנים... אין אַמעריקא זענען יודען, ביים אָנקומען, געוועהנליך טאַנ־דעטניקעס, אַרומגעהערם מיט פעקליך סחורה — שמאָכטעס, שניידער, אַרביי־טער אין פאַבריקעס, און אין וואָהלין זענען די ערשטע, וואָס האָבען זיך אַוועקגעלאָזט אַהין, געווען כמעט אַלע מלמדים.

דער שרייבער אין די חראָניקעס לאָזט אויס די דאָזיגע מעשה דאָרט אויפ'ן סוף אָט מיט די ווערטער:

„די יודישע היסטאָריע, אין וועלכער די השגחה פון גאָט אויף זיין גע־ליבט פאָלק, ענטפּלעקט זיך אַזוי בעשיינפּערליך איטליכען, וואָס האָט נאָר אויגען צוזעהן און שכל צופאַרשטעהן — זי, די היסטאָריע הייסט עס, איג־גאַנצען איז זי אַ שטענדיגע שלעפּעניש, איין אייביגע אַרומוואָגלעניש פון אַברהם אָבינו ביז אצונד. עס רוהט נישט, עס ראַסט נישט דאָס פאָלק ישראל וכו'.

* *

*

אָט אַזוי, כמעט אין דעם נוסח, פלעגט אָפט דערצעהלען אונז, קינדער, די דאָזיגע מעשה מיין זיידע, עליו־השלום.

אַ דלפוניוועקער, שלים־מזלדיגער יוד איז געווען מיין זיידע! פאַר צרות האָט ער בשעת דעם גרויסען הונגער זיך אַוועק געלאָזט קיין וואָהלין, געני־דערט קיין קישינעוו, די הויפּטשטאָדט פון בעסאַראַביע — אַלאַנד, וואָס פליסט מילך און האָניג. האָט געקנעלט דאָרט אינאיינעם מיט נאָך אַ סך

דלפוניוװקער זיין גלייכען און גענאָסען פיעל גוטס: געגעסען מאַמאַליגע, פאַרביסען מיט קאָדע, געטרונקען וויין און געלעבט רוהיג, אָרענטליך פיין, ווי גאָט האָט געבאָטען, גלייך מיט אַלע דאָרטיגע יודען און נישט געוואוסט פון קיין בייז.

ווער זאָל זיך עס דענסטמאָל געװען ריכטען אַז מיר, זיין איינִיקעל, זאָל אין אַ צייט אַרום שפּעטער בעשעהרט זיין זעהן אויף די עלטערע יאָהרען, ווי דאָס אייגענע אָרט, וואָס האָט פריהער געפליסט מילך און האָניג, פליסט אַצונד, אוי-וועה — עס איז שווער צו זאָגען... נאָר איך מענדעלי בין דערצו שוואַך, אַלט. מיין איינציגער כח, אוי, איז נישט מעהר, וויינען שטילערהייט פאַר זיך, וואַרגען זיך מיט טרערען, און צו די אַלע פריי־הערדיגע, אַלטע יודישע צרות צו-צושרייבען אין די חראָניקעס אויך די היינטיגע, נייע צרה.